STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09323

*Copyright in this work is held by Fundación IWO Buenos Aires, Argentina. The Yiddish Book Center is grateful to the copyright holders for permission to include this work in the Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# IN 20STN YORHUNDERT

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09323-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657093235T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

י. ל. פרץ

# אין 20סטן יארהונדערט

*

יוסף ליפשיץ-פאָנד
פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט. ביים ייווא
בוענאָס-איירעס

**I. L. Peretz - In Tzwantzikstn Iorhundert**

---

**I. L. Peretz - En el Siglo Veinte**

Copyright 1968, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

**Impreso en la Argentina**
**Printed in Argentina**
**Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723**

Este libro se terminó de imprimir en el mes de abril de 1968,
en los Talleres Gráficos Dulau S. R. L., Rauch 1849, Bs. As.

י. ל. פרץ

# אין 20סטן יארהונדערט

## לידער — דערציילונגען — עסייען

מיט ניגונים צו 3 לידער

פראַגמענטן פון פאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
ז כ ר ו נ ו ת
בילדער

2טע אויפלאַגע

אַרייַנפיר און רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

12טער באַנד פֿון ציקל
מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור
אַרויסגעגעבן פֿון
י ו ס ף   ל י פֿ ש י ץ ־ פֿ אַ נ ד
פֿון דער
ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים יוואָ
אין אַרגענטינע
אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי
קאָרעקטור
יעקבֿ יהושע לערמאַן
טיראַזש: 1.200 עקז׳
יאָר: ה׳תשכ״ז — 1968
ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע



יצחק לייבוש פרץ

# י. ל. פרצעס געזאַמלטע שריפטן

◈ י. ל. פרץ — שריפטן, יובליי־אויסגאַבע, וואַרשע 1901 — תרס"א, 954 זייטן, אַרויסגעגעבן דורך י. ל. גראָסגליק, ד"ר י. משורר, יעקב דינעזאָן, נחום סאָקאָלאָוו, ד"ר י. לוריאַ, ד"ר איזידאָר עליאַשעוו, ד"ר ש. מינץ, שמואל איינ־האָרן.

◈ ד"ז, כאָטש מיט אַ צושריפט „נייע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע", אַ ריי מאָל איבערגעדרוקט (אָן אַ דאַטע) דורך „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק.

◈ געזאַמלטע שריפטן, 10 בענד, פאַרלאַג „פּראָגרעס", וואַרשע 1908 — 1911.

◈ ד"ז, איבערגעדרוקט פון מאַטריצן דורך „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", ניו־יאָרק.

◈ די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ, 12 בענד, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פינסקי, פ' „ניי יידיש", נ"י 1920 — תר"פ, 3.880 זייטן.

◈ אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, 19 בענד, 1925, ווילנער פ' ב. קלעצקין, 5.100 זייטן.

◈ אַלע ווערק — י. ל. פרץ, 15 בענד, פ' „מאָרגן־פרייהייט" (יאָר ?), 3.300 זז'.

◈ י. ל. פרץ — אַלע ווערק, 17 בענד, ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי, פ' „יידיש" פון וואָלף ברעסלער און אַברהם מיטלבערג, בוענאָס־איירעס 1944.

◈ י. ל. פרץ: אַלע ווערק, פ' „ציקאָ", נ"י 1946, ב' 11, זז' 4.424, מיט אַ ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר פון ש. ניגער.

◈ געקליבענע דערציילונגען, 2 בענד, וויניפּעג (פאַר שולן), 264 זייטן.

◈ פרץ, דערציילונגען, ענגל' איבערז' פון סאָל ליפּצין, געדרוקט צוז' מיטן אָריגינאַל, אַר' ייוואָ, נ"י 1947, זז' 380.

◈ י. ל. פרץ — אויסגעוויילטע ווערק, 2 בענד, צוז' מיט אַריינפיר און טייטשן פון ריווקע רובין, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1941, זז' 672.

◈ י. ל. פרץ — אויסגעוויילטע ווערק, 2 בענד, פ' „יידיש בוך", וואַרשע 1951, זז' 888, מיט אַריינפירן פון רבקה רובין און ב. מאַרק, ס'רוב — אַן איבערדרוק פון דער מאָסקווער אויסגאַבע.

◈ פון פרצעס אוצר, צוז' און פאַרטייטשט פון זלמן יעפרויקין, אַר' בילדונג־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, נ"י 1952, זז' 264.

# תוכן

זייט


י. ל. פרץ (בילד) ........ 5

פרצעס געזאַמלטע שריפֿטן ........ 6

חסידיש ........ 9
אויב נישט נאָך העכער ........ 10
צווישן צוויי בערג ........ 16
אַ גילגול פֿון אַ ניגון ........ 35

דורות ........ 57
פֿיר דורות — פֿיר צוואות ........ 58
די גאָלדענע קייט ........ 71

פאָלקסטימלעכע געשיכטן ........ 133
דריַי מתנות ........ 134
פדיון שבֿויים ........ 148
ניסים אויפֿן ים ........ 154
דער זיווג אָדער שׂרה בת טובֿים ........ 163
דער קונצנמאַכער ........ 172
ר׳ שלמהס מעשׂהלעך: דער ברילִיאַנט ........ 179

קינדער־לידער ........ 187
יעדע מוטער ........ 188
קעצעלע שטיל ........ 189
מיטן קינד טאַנצנדיק ........ 189
דער רייטערמאַן ........ 190
שטייט אַ ביימעלע ........ 191
אויף די גרינע צווייגעלעך ........ 191
צוגעדעקט די פיסעלעך ........ 192
דער יעגער ........ 193
דאַס הינטעלע ........ 193
דער סקולפטאָר ........ 194
ברייטעלע ........ 194
קיכעלעך באַקן ........ 194
שלאָף, מיַין קינד ........ 196
רעגן ........ 196
דער פויגל ........ 197
דער שיפער ........ 197
פרילינג קומט ........ 198
אויך איך וועל דערלעבן ........ 199
פרילינג ........ 200

פֿון ליבע און ליידן ........ 201
שטיינערנע פּאַלאַצן ........ 201
מיַין נישט! ........ 202

שטעט און שטעטלעך .......... 203
עלטערע מענטשן געדענקען נאָך .......... 204
אַז מען לייענט אונדזערע בלעטער .......... 211

אַליידיש .......... 221
האָפֿענונג און שרעק .......... 222
וואָס פֿעלט אונדזער ליטעראַטור? .......... 225

צו דער כאַראַקטעריסטיק .......... 237
י. ל. פרץ — אויף דער 1טער ייד׳ שפּראַך־קאָנפערענץ .......... 238
ה. לייוויק — י. ל. פרץ .......... 240
בעל־מחשבֿות — פּרצעס ירושה .......... 241
מאָריס ראָזענפֿעלד — יצחק לייבוש פּרץ .......... 244
אפֿרים קאַגאַנאָווסקי — פּרצעס טעג .......... 245
ראָזע לאַקס־פּרץ — דער רבי בײַ זיך אין דער היים .......... 248
ש. ניגער — פּרצעס צוואה .......... 250
יעפֿים ישורין — יצחק לייבוש פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע .......... 255
שמואל ראָזשאַנסקי — פֿאַר וואָס איז י. ל. פּרץ געווען פֿאַרליבט
אין „די גאָלדענע קייט“? .......... 65

מוזיק צו פּרצעס לידער

מיכל געלבאַרט צו קעצעלע שטיל .......... 189
לעאָן ווײַנער צו שטייט אַ ביימעלע .......... 191
משה מילנער צו ברייטעלע .......... 195

בילדער און אילוסטראַציעס

פּרץ צו די 50 .......... 9
צייכענונג פֿון ישראל ווײַנלעז צו אויב נישט נאָך העכער .......... 14
י. ל. פּרצעס טאַטע־מאַמע .......... 56
4 סצענעס פֿון די גאָלדענע קייט, אין ב״א טעס .... 87, 107, 123, 127
אַ סצענע פֿון ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק, אין מאָסקווער יידישן
קאַמער־טעאַטער .......... 153
מאַרק שאַגאַלס אַן אילוסטראַציע צו פּרצעס קונצנמאַכער .......... 177
י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן .......... 186
י. ל. פּרץ אויף דער 1טער יידישער שפּראַך־קאָנפערנעץ .......... 239
פּרצעס אַ בריוו צו יהואַש .......... 241
פּרץ אויף אַ באַזוך אין זײַן געבוירנשטאָט זאַמאָשטש, אין 1913 .......... 247
ש. ניגערס אַ בריוו וועגן זײַן בוך י. ל. פּרץ, צום 100יאָריקן יובילײַ .......... 251
אוהל פּרץ, אין וואַרשע .......... 254

# חסידיש



י. ל. פרץ צו די 50

## אויב נישט נאָך העכער

און דער נעמיראָווער פֿלעגט סליחות־צײַט יעדן פֿרימאָרגן נעלם ווערן, פֿאַרשווינדן!

מען פֿלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתי־מדרשים, נישט בײַ אַ מנין, און אין דער היים אַוודאי און אַוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפֿן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; געגנבֿעט בײַם רבין האָט מען נישט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש איז אין שטוב נישט געווען.

ווו קאָן זײַן דער רבי?

ווו זאָל ער זײַן? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפֿטן האָט אַ רבי פֿאַר ימים־נוראים צו פֿאַרזאָרגן? ידעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפֿן פּרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פֿרום זײַן, און די זינד זײַנען דאָך גרויס, און דער שׂטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פֿאַר־קלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפֿן, אַז נישט דער רבי?

אזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איין מאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק — לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פֿון מוסר־ספֿרים האַלטן זיי ווייניק, דער־פֿאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופּוסקים. ווײַזט דער ליטוואַק אַ בפּירושע גמרא — די אויגן שטעכט ער אויס: אַפֿילו משה רבינו, ווײַזט ער, האָט בײַם לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפֿן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפֿחים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— ווו דען קומט אַהין דער רבי?

— מײַן דאגה! — ענטפֿערט ער און ציט מיט די אַקסלען, און

תּוך כּדי·דיבור (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מיישב, צו דער־גיין די זאַך.

נאָך דעם זעלביקן פֿאַר נאַכט, באַלד נאָך מעריבֿ, גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַרײַן, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צײַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפֿשר אײַנגעדרימלט און פֿאַרשלאָפֿן די צײַט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתא. איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים!

פֿאַר טאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפֿן אַ צײַט. ער הערט אים שוין אפֿשר אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס וויפֿל צער פֿאַר כּל־ישׂראל, וויפֿל יסורים עס האָט געשטעקט אין זײַן יעדן קרעכץ... די נשמה פֿלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! אַ ליט־וואַק האָט דאָך אָבער אַן אײַזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער. דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי, זאָל לעבן, אויפֿן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

*

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פֿון די בעטן, ווי מען מורמלט אַ ייִדיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן־אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פֿון שטוב. עס ווערט ווײַטער שטיל און פֿינצטער. דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן אַ קליין ביסל ליכט פֿון דער לבֿנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפֿאַלן אַן אימה. די הויט איז שוין אים אויפֿגעלאָפֿן פֿאַר שרעק. די וואָרצלען פֿון די פּיאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפֿן ווי די נאָדלען.

אַ קלײניקײט: מיטן רבין, און סליחות־צײַט, פֿאַר טאָג, אַלײן אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ציטערט ער װי אַ פֿיש אין װאַסער און ליגט.

ענדלעך שטײט דער רבי, זאָל לעבן, אויף.

פֿריִער טוט ער, װאָס אַ ייִד דאַרף טאָן... דערנאָך גײט ער צו צו דעם קלײדער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַװײַזן זיך פּויערישע קלײדער: לײַװנטענע פּלודערן, גרויסע שטיװל, אַ סיער־מיענגע, אַ גרויס פֿוטערן היטל מיט אַ ברײטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן.

פֿון דער קעשענע, פֿון סיערמיענגע, שטאַרט־אַרויס אַן עק פֿון אַ גראָבן שטריק... פֿון אַ פּויערישן שטריק.

דער רבי גײט־אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגײיענדיק, טרעט־אָפּ דער רבי אין קיך, בײגט זיך אײַן, פֿון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פֿאַרלײגט זי אונטערן פּאַס און גײט־אַרויס פֿון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

*

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד װיגט זיך איבער די טונ־קעלע גאַסן. אָפֿט רײַסט זיך אַרויס אַ געשרײ פֿון סליחות פֿון ערגעץ אַ מנין אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פֿון ערגעץ אַ פֿענצטער... דער רבי האַלט זיך אין די זײַטן פֿון די גאַסן, אין די שאָטנס פֿון די הײַזער... פֿון אײן הויז צום אַנדערן שװימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט װי זײַן אײגן האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פֿון רבינס שװערע טריט; אָבער גײן גײט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

*

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרײַן. ער מאַכט אַ דרײַסיק־פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ ביימל; און דער ליטוואַק ווערט נבהל ונשתומם, זעענדיק ווי דער רבי נעמט אַרויס פֿון פּאָס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַרײַן.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט, און דאָס ביימל פֿאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס [1]... די ליפּעס — אויף דינע שײַטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פֿון קעשענע, ער וואַרפֿט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַרײַן די האַק אינעם פּאָס, לאָזט זיך אַרויס פֿון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? — פֿרעגט מען דערשראָקן פֿון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פֿון אַ ייִדענע, פֿון אַ קראַנקער ייִדענע.

— יאָ! — ענטפֿערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ [2]? — פֿרעגט מען ווײַטער פֿון שטוב.

און דער רבי ענטפֿערט ווײַטער, אויף מאַלאָרוסיש לשון: וואַסיל!

— וואָס פֿאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ — זאָגט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל — האָב איך צו פֿאַרקויפֿן! זייער ביליק... בחצי חינם האָלץ!

און נישט וואַרטנדיק אויף תשובה נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן.

---

[1] שטאָם־טיילן. — [2] ווער איז עס דער איד?

דער ליטוואַק גנבֿעט זיך אויך אַרײַן און, בײַם גרויען ליכט פֿון פֿריִען מאָרגן, זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם כּלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט אַ שמאַטע, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? ווּ האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?



צייכענונג פֿון ישׂראל ווײַנלעז צו אויב נישט נאָך העכער

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל

— אין גאַנצן זעקס גראָשן!

— פֿון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? — קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— נאַרישער מענטש! — מוסרט זי דער רבי — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנקע ייִדענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ.

איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פֿאַרן בינטל האָלץ קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? — קרעכצט די אַלמנה — איך האָב דען כּוח אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך! — זאָגט דער רבי.

*

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַ מאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף, סליחות־צײַט, יעדן פֿרימאָרגן, און פֿליט־אַרויף אין הימל אַרײַן, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

1900

## צווישן צוויי בערג

פון בריסקער רב און ביאַלער רבין האָט איר אַוודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר׳ נחקע, איז פריִער געווען דעם בריסקער רבס אַ תלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות” און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאַי טעמאַ: מען האָט געלערנט תורה, נאָר די תורה, האָט דער רבי געפילט, איז טרוקענע תורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פון שאלות נשים, פון בשר־בחלב, צי דיני ממונות... זייער ווויל! קומט ראובן ושמעון האָבן אַ דין־תורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פרעגן אָדער אַן אישה האָט אַ שאלה — קריגט באותה הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אַן זיי, פילט דער רבי, אַז די תורה, דאָס הייסט, דער גוף פון דער תורה, דער נגלה, דאָס וואָס עס ליגט פון אויבן אויף, איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפילט, איז תורת חיים — תורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה־ספרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רב איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ נוקם ונוטר כנחש[1]. האָט עמעץ אַנגערירט אַ זהר, אַ פרדס, פלעגט ער שעלטן, אין הרם אַריינלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט ביי אַ קבלה־ספר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יצא מדעתו[2] געוואָרן, אין מרה־שחורה אַריינגעפאַלן. און וואָס מער חידוש איז, עס האָט אים שוין

---

[1] (גלייבוועדסל) נעמט נקמה און האַלט לאַנג אָן אַ שנאה, ווי אַ שלאַנג.

[2] — אַראָפּ פון זינען.

קיין גוטער ייִד נישט געהאָלפֿן — איר שפּילט אײַך מיטן בריסקער רבֿ און פֿון דעסט וועגן, ווי פֿאָרט מען עס אַוועק פֿון בריסקער רבֿס ישיבֿה ? !

אַ צײַט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איין מאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רבֿ איז צו אים אַרײַנגעקומען און געזאָגט: קום, נח, וועל איך דיך פֿירן אין גן־עדן התחתון אַרײַן. זיי זײַנען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַרײַן. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פֿענצטער, אויסער די טיר דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווײַל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זײַנען געווען פֿון קרישטאָל און האָבן געשלאָגן פֿון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מײַן יופּעצע[3] — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָ איז פֿאַראַנען סאַלעס אין לישער ואין לספּר. און קוים רײַסט דו דיך אָפּ פֿון מיר, וועסטו פֿאַרבלאָנדזשען אויף אייביק...

דער רבי טוט אַזוי. און זיי גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. און אויפֿן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כּלי־בית, גאָר נישט!

— דאָ זיצט מען נישט — פֿאַרטײַטשט אים דער בריסקער רבֿ — נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער!

און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פֿון דעם צווייטן. און די ווענט האָבן געשײַנט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפֿן אויפֿן וועג...

---

[3] לאַנגע קאַפּאָטע.

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אבֿרים. דערצו הייבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טאָן פֿון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אָנגעפֿאַלן אויף אים אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט, אַ בענקשאַפֿט צו ייִדן, צו חבֿרים, צו כּל ישׂראל! אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייִד נישט פֿאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פֿאַר מיר און פֿאַר דיר... דו וועסט אויך אַ מאָל זײַן בריסקער רבֿ!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך בײַ דער וואַנט, נישט אומצופֿאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט, נאָר נישט ווי פֿײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — די ווענט זײַנען אײַז, נישט קרישטאָל! פּשוט אײַז!

דער בריסקער רבֿ שווײַגט.

און דער רבי שרײַט ווײַטער:

— רבי, פֿירט מיך אַרויס פֿון דאַנען! איך וויל נישט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט כּל ישׂראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רבֿ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אוי און ווי אײַן, ווייסט ער נישט; פֿון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פּחד; און די בענקשאַפֿט צו אַ ייִד, צו דערזען אַ ייִד, באָדײַ[4] אַ שוסטער, אַ שנײַדער, איז אַלץ בײַ אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

— רבונו של עולם, — האָט ער זיך געבעטן — נעם מיך אַרויס

---

[4] זאָל אַפֿילו זײַן.

פֿון דאַנען! בעסער אין גיהנום מיט כל ישׂראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!

און באותו הרגע האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט יידל מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן און אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט. דאָס יידל האָט אים שווײַגנדיק אָנגענומען בײַם אַרבל, אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ און איז — פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַר טאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גרויען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפֿן אין בית־המדרש אַרײַן, לאָזן זיך פּותר חלום זײַן פֿון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אַן אײַנגעשפּאַנטע גרויסע פֿאַרצײַטישע בויד און בײַ דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בײַטש אין דער האַנט און פּונקט אַזאַ יידל ווי דער, וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז דבֿרים בגו[5]. גייט ער צו און פֿרעגט:

— ווּו אַהין פֿאָרט אַ ייד?

— נישט דײַן וועג! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פֿאָרט? — בעט ער זיך — אפֿשר וועל איך מיטפֿאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און דערנאָך געענטפֿערט:

— און צו פֿיס — זאָגט ער — קאָן אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דײַן וועג!

— און ווּו אַהין זאָל איך גיין?

— ווּו די אויגן וועלן דיך טראָגן! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אָפּ — מײַן דאגה!

---

[5] (אויך: דברים בגב) רייד מיט אַ זין אין „רוקן“, אינעווייניק (קידושין מ״ד, כתובות קי״א).

דער רבי האָט פֿאַרשטאַנען און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַרײַן.

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער אין ביאַלע. (עד מפּי עד[6], ווי אַזוי עס איז געווען, דערצייל איך נישט, כאָטש עס איז מויל און אויערן אויפֿצושטעלן!) און לערך אַ יאָר נאָך זײַן התגלות האָט מיך אַ ביאַלער באַלעבאָס, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסן, אַראָפּגעבראַכט צו זיך פֿאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אַפֿילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזסט איר וויסן, איז געווען אַן עושר, אַ פֿאַרצײַטישער אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פֿלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלעך נדן און טאָן מיט די גרעסטע רבנים און זײַן לעצטע שנור איז געווען טאַקע דעם בריסקער רבֿס טאָכטער.

פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רבֿ מיט די רעשט מחותּנים זײַנען חולקים[7], מוז ר׳ יחיאל אויך זײַן אַ חולק... און איך בין דווקא אַ ביאַלער חסיד. נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ הויז אַרײַן?

האָט עס מיך אָבער פֿאָרט געצויגן קיין ביאַלע! אַ קלייניקייט — מיטן רבין אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער — איך פֿאָר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן אמת פּשוטער, כּשרער ייִד. איך בין אײַך אַפֿילו ערבֿ, אַז זײַן האַרץ האָט געצויגן צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרעם באמת, קיין למדן איז ער נישט געווען, אויפֿן בריסקער רבֿ פֿלעגט ער אַוודאי קוקן ווי אַ האָן אויפֿן בני אָדם[8]! שטערט ער מיר נישט צו האַלטן זיך בײַם ביאַלער רבין; נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצייל עפּעס פֿון רבין, מאַכט ער זיך געגעצן, כאָטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר

---

[6] אַן עדות פֿון אַן עדות, אַזאַ וואָס האָט אַליין די פּאַסירונג נישט געזען, נאָר געהערט וועגן איר פֿון אַ צווייטן. — [7] קעגן. — [8] תּפֿילה פֿון שלאָגן כּפּרות (פֿאַר יום־כּיפּור); וואָס ווייסט אָבער דער האָן, ווען ער קוקט־אַרייַן אין סידור?

דער זון זײַנער, דעם בריסקער רבֿס אײדעם, דער קנײטשט־אײַן דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כּעס און ליצנות צוזאַמען, נאָר שפּאָרן שפּאַרט ער זיך נישט. ער פֿלעגט בטבֿע װײניק רײדן.

ויהי היום — ר׳ יחיאלס שנור, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער, דאַרף גײן צו קינד. דאַכט זיך, מאַלע אַ װײַבל גײט צו קינד? איז אָבער אַ מעשׂה דערבײַ! געװוּסט האָט מען, אַז דער בריסקער רבֿ, װײַל ער האָט אַ חסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הײסט, געהײסן אָפּגאָלן באָרד־און פּיאות, איז ניזוק געװאָרן פֿון די צדיקי־הדור. בײדע צװײ זין זײַנען אים, לא עליכם, במשך אַ פֿינף־זעקס יאָר נפֿטר געװאָרן, און אַלע זײַנע דרײַ טעכטער האָבן קײן בנים זכרים נישט געהאַט. דער־בײַ איז נאָך יעדע פֿון זײ געװען, רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד[9], בשעת מעשׂה געװען יעדעס מאָל מער דאָרטן װי דאָ. אַז מען האָט אָבער מן השמים געװאָלט, עס זאָל זײַן מחלוקת, האָבן אַלע געזען און געװוּסט, אַז עס איז אַן עונש פֿון די צדיקי־הדור אױפֿן בריסקער רבֿ, נאָר ער אַלײן, מיט זײַנע ליכטיקע אױגן, האָט עס נישט געזען! און אפֿשר — נישט געװאָלט זען! ער האָט װײַטער געפֿירט זײַן התנגדות ביד חזקה — מיט חרמות, און תּקיפֿות פֿון אַנשי־חיל, װי אין יענע צײַטן...

מיר איז גיטעלע (אַזױ האָט זי, דעם בריסקער רבֿס טאָכטער, געהײסן), באמת אַ שאָד געװען, זײער אַ שאָד געװען. ערשטנס — אַ־ייִדישע נשמה; צװײטנס — אַ ייִדישע כּשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כּשרע זאַך אױף דער װעלט נישט געװען...

קײן אײנציקע אָרעמע כּלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט. אַזאַ זעלטענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפֿט װערן פֿאַרן פֿאָטערס כּעס! און דעריבער, אַזױ װי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די באָבע הײבט זיך אָן דרײען אין שטוב, האָב איך שױן אָנגעהױבן אַרבעטן אױף אַלע כּלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין... זאָל זײַן אַ קװיטל אָן אַ פּדיון, באַשר — ער דאַרף נײטיק פּדיונות!...

---

[9] שװער צו קינד גײן (געלעגן װערן).

דער ביאַלער רבי האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פֿון פדיונות.

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוּוו מיטן בריסקער רבֿס אײדעם. און איך ווייס — אַז ממש נפֿשו קשורה בנפֿשה. וואָרעם ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שלום־בית אַרויסגעשמעקט פֿון יעדן ווינקעלע, פֿון אַלע זייערע תנועות און העוויות. איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבֿס אײדעם! שפּײַט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אַן אָפֿן מויל.

נעם איך מיך צו ר׳ יחיאלן אַליין. ענטפֿערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבֿס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רבֿ, נישט טאָן, אַפֿילו בײַ סכנות־נפֿשות, חס ושלום! פּרוּוו איך מיך מיט זײַן פלוניתטע — אַ כשרע ייִדענע, נאָר אַ פּראָסטע — ענטפֿערט זי מיר כהאי לישנא: זאָל מײַן מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מײַן יום־טובֿדיק שטערנטיכל מיט די אויריגנגלעך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מײַן מאַן, נישט קיין פּחות משווה פּרוטה [10] — נישט אַ פּיפּץ!

— אָבער אַ קוויטל... וואָס שאַדט אײַך אַ קוויטל?

— אָן מײַן מאַנס וויסן, גאָר נישט! — ענטפֿערט זי, טאַקע ווי אַ כשרע ייִדענע דאַרף ענטפֿערן, און דרייט זיך אָפּ פֿון מיר, און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן. אַ מאַמע! לבֿ יודע — איר האַרץ — איר האַרץ האָט שוין געפֿילט די סכנה...

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפֿן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפֿערט ער מיר — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל „מתפּלל זײַן!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך — פֿאַר דער יולדת וואָס עס איז — אַ שמירהלע, מטבע, אַ קמיעלע [11]... וואָס עס איז גיט מיר...

---

[10] ווייניקער ווערט פֿון אַ פּרוטה (סנהדרין ג״י). — [11] טאַליזמאַן, פּסוק (פֿון אַ תּפֿילה) אָדער זאַך, וואָס מ׳האַלט פֿאַר הייליק (אַ מזוזה אין אַ ברוך־לאָקל, אַ מגן־דוד): „ס׳איז מזלדיק“.

— עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן! — ענטפֿערט ער — אָן אמונה שאַדטן אַזוינע זאַכן, און זי האָט דעריגען קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוכּות. זי איז מקשה לילד, העלפֿן קאָן איך נישט, בלייַב איך שוין בעסער בייַם רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געווען, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדע רגע מיט געבעט צום רבין, אפֿשר וועט ער זיך מרחם זייַן...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול אייַנגעריסן, קבֿרים געמאָסטן, הונדערטער פֿונט ליכט אויס־געברענט אין שול, אין בתי־מדרשים, הייַנט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכצודערציילן? אַלע קליידערשענק זייַנען געשטאַנען אָפֿן. אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפֿן טיש און אָרעמע לייַט זייַנען אַרייַנגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפֿל ער וויל.

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי, — זאָג איך — עס שטייט דאָך: צדקה תּציל ממוות.

און ער ענטפֿערט מיר, שלא ממין הטענה[12], דאַכט זיך:

— אפֿשר וועט קומען דער בריסקער רבֿ!

און באותו הרגע קומט אַרייַן ר׳ יחיאל. צום רבין רעדט ער נישט, גלייַך ווי ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, — זאָגט ער צו מיר און כאַפּט מיך אָן בייַם לאַץ — הינטן שטייט אַ פֿור. גיי, זעץ דיך און פֿאָר צום בריסקער רבֿ, זאָל ער קומען...

און געפֿילט האָט ער שוין, אַ פּנים, אין וואָס עס גייט, וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טאָן!

---

[12] נישט צום ענין, אַוועק אין אַ זייט, מחוץ דער טענה.

און אַ פּנים האָט ער געהאַט — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — מתים זײַנען שענער פֿאַר אים!

*

מילא, פֿאַר איך! טראַכטן טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפֿון אַרויס. אפֿשר נאָך אַ שלום, דאָס הייסט, נישט צווישן בריסקער רבֿ מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפֿירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל. וואָרעם באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען. אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן השמים, אַ פּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע. אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ כמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצעם געטאָן, גלײַך עס וואָלטן רוחות געפֿלויגן און פֿון אַלע זײַטן מיט אַ מאָל. אַ פֿויער, להבֿדיל, פֿאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זײַן, חס ושלום, אַ שווערער וועג און ווײַזט מיר מיט דער בײַטש אין הימל אַרײַן... תּוך כּדי־דיבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט, ער צעַרײַסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערײַסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט־אָן צו יאָגן און צו טרײַבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלײַך ער וואָלט קרײַעס געטריבן אויף אַ טײַך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דרײַ שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אַפֿילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגעַנעצט ווערן איז בײַ מיר קיין נײַס נישט געווען און פֿאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכּות־צײַט און צווייטנס — נאָכן רבינס שופֿר בלאָזן! מיר האָבן אַ קײַמא לן, אַז נאָך אַזאַ שופֿר בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט. אַז עס האָט אָבער ראַפּטעם געגעבן אַ פּליאַסק מיר אין פּנים אַרײַן, ווי מיט אַ בײַטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר

טאַקע דער מוטערס מילך אַנטפּאַלן. איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרײַבט מיך צוריק...

און דער פּויער, להבֿדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכּנות־נפשות. איך זיץ אויף דער פור און אינעם שטורעם הער איך ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבֿס אײדעמס פינגער קנאַקן. ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאַר מיר ר׳ יחיאלס שוואַרץ פּנים מיט די אײַנגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן! „פאָר, בעט ער מיך, פאָר" — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער דער ערד, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אין גאַנצן פאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ פּיאַנע [13], די פור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רבֿ בין איך געקומען אויף הושענא רבה.

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רבֿ האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור, איז שטיל געוואָרן. די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פון 'שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון און מיר זײַנען בשלום שיין און טרוקן אַרײַנגעפאָרן קיין ביאַלע. דער פּויער, להבֿדיל, האָט עס אַפילו באַמערקט און געזאָגט אויף זײַן לשון: „וועלקי ראַבין צי דוזשי ראַבין [14]!...

נאָר דער עיקר איז געווען אונדזער אַרײַנקומען.

ווי די הײַשעריקן זײַנען צו אים צוגעפאַלן די ווײַבער, וואָס זײַנען אין שטוב געווען... כמעט אויפן פּנים זײַנען זיי פאַר אים געפאַלן און געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון די ווײַבער אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס ושלום, קיין כּוח נישט צו קרעכצן... ר׳ יחיאל האָט אונדז

---

[13] שוים. — [14] אַ רב אַ ריז אָדער אַ גרויסער רב.

אַפילו נישט געזען; ער איז געשטאַנען אַרײַנגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַ פּנים געברענט...

דעם בריסקער רבֿס איידעם דרייט זיך אויך נישט איבער דער־לאַנגען שלום. ער שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איך זע בחוש, ווי דער גוף זײַנער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אין דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פֿאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך־און־דורך דורכגענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אבֿרים. איך האָב געפֿילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רבֿ?

דאָס איז געווען אַ מענטש — אַן עמוד ברזל, זאָג איך אײַך!

אַ הויכער, הויכער ייִד, טאַקע „משכמו ומעלה"[15]... אַן אימה האָט ער געוואָרפֿן, ווי אַ מלכות! — אַ ווײַסע, לאַנגע באָרד; איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט זיך אים אַרײַנגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווײַסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן זיי אים פֿאַרשטעלט. און אַז ער האָט זיי אויפֿגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זײַנען ממש צוריקגעפֿאַלן, ווי פֿון אַ דונער צוריקגעוואָרפֿן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפֿים, בלאַנקע חלפֿים האָבן אין זיי געבליצט. און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב:

— אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפֿרעגט:

— און ווו איז מײַן טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען און איך בין געבליבן שטיין ממש אַרויס פֿון די כלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדער

---

[15] (העכער, וויכטיקער פֿון אַלעמען) וועגן שאולן: „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", פֿון זײַן אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער פֿון גאַנצן פֿאָלק (שמואל א׳, ט׳, ב׳).

דרך, אַן אַנדער וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לײַכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַרײַן אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפֿט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זײַן קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטן זיסע קול — רבונו של עולם, בײַם האַרץ כאַפּט עס אָן, בײַם האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פֿאַר'ן[16], נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפֿט, אין מתיקות פֿון ליבשאַפֿט. זי וויל אַרויס פֿון גוף און באַהעפֿטן זיך מיט זײַן נשמה... זי רײַסט זיך ווי, להבֿדיל, אַ זומער־פֿליגעלע צו אַ העלן פֿלאַם!... און דאָ — רבונו של עולם — אימה ופּחד! אַ גאון, אַ פֿאַרצײַטישער גאון! און ער גייט אַרײַן צו אַ יולדת!

— „ער וועט פֿון איר מאַכן — שרעק איך מיך — אַ גל של עצמות[17]!"

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען — מאַכט ער — כּבֿוד התּורה? ריינעם כּבֿוד התּורה?

איך האָב מיך באַרויִקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט!

*

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני עצרת איז זי איבערגעקומען. שׂמחת־תּורה האָט שוין דער בריסקער רבֿ געזאָגט תּורה בײַם טיש. איך האָב געוואָלט ערגעץ אַנדערש זײַן בײַם טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפֿרט אַז מיט מיר איז געווען אַ מנין... מען וועט בענטשן נבֿרך אלהינו[18]...

מילא, וואָס זאָל איך דערציילן? דעם בריסקער רבֿס תּורה? אויב די תּורה איז אַ ים, איז ער געווען דער לוויתן אין ים — מיט איין

---

[16] (פּוילישער יידיש) פֿאַר אים

[17] (אַ באַרג אַש) ווען ר' שמעון בר יוחאי: „ועשהו גל של עצמות", אַ באַרג מיט ביינער (שבת ל"ד). — [18] ביים אָנהייבן בענטשן נאָכן עסן, ווען עס זיינען דאָ צען מאַנסבילן: „ברשות... נברך אלהנו"...

תנועה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אויס ש״ס ופוסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע ווי מען דערציילט פֿון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צע־שרויפּט... נאָר „לבֿ יודע מרת נפשו״[19]. דאָס האַרץ מײַנס האָט פֿאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טובֿ! און דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פֿאַרשטאַרט געוואָרן. די זון איז געלעגן אין פֿענצטער; ווײַן האָט בײַם טיש נישט געפֿעלט; דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט. און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאָלט ווי אײַז! און דאָרטן, האָב איך געוווּסט, זאָגט מען אַנדערע תורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגע־וועבט און דורכגעווייקט מיט אַהבֿה און דבֿקות... מלאָכים, פֿילט מען, פֿליִען אַרום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווײַסע פֿליגל... אײַ, רבונו של עולם! נאָר אַוועקגיין טאָר מען נישט!

פּלוצלינג האַקט ער איבער, דער בריסקער רבֿ, און גיט אַ פֿרעג:

— וואָס פֿאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— „איינעם אַ נח״ — ענטפֿערט מען אים.

מילא, שנײַדט עס מיך בײַם האַרץ. „איינעם אַ נח״ — אַך, די חניפֿה, די חניפֿה!

— אַ בעל־מופֿת? — פֿרעגט ער ווײַטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווײַבער אַפֿילו דערציילן. נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַזוי געלט, אָן מופֿתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רבֿ פֿאַרקלערט זיך.

— און לערנען קאָן ער?

— מען זאָגט: אַ גדול!

---

[19] אַ האַרץ ווייסט, ווען ס'איז אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה (משלי י״ה, י׳).

— פֿון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט און איך מוז ענטפֿערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רבֿ.

— איז ער נישט, דער נח, אַ מאָל אין בריסק געווען? — פֿרעגט ער.

— צי דער רבי — שטאַמל איך — איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך, יאָ!

— אָ! — מאַכט ער — אַ חסיד זײַנער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— בײַ מיר — זאָגט ער — איז אַמאָל געווען אַ תּלמיד „נח"... אַפּילו אַ גיט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זײַט אַרײַן — — איך האָב אים איין מאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זײַן, איז ער מיר נעלם געוואָרן צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט־אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרײַזלטע פּיאות, אַ פֿאַרטראַכטער, אַ שטיל קול און דאָס גלײַכן.

— עס קאָן זײַן — זאָגט דער עולם — אַז דאָס איז ער; קרובֿ לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָר נישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רבֿ הייבט זיך אויף פֿון בענקל, רופֿט מיך אַוועק אין אַ זײַט און זאָגט מיר שטילערהייט: פֿיר מיך צו דײַן רבין און מײַן תּלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן־הסתם פֿאָלג איך. נאָר אויפֿן וועג פֿרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער רבֿ, — זאָג איך — מיט וואָס פֿאַר אַ כּוונה גייט איר?

און ער ענטפֿערט מיר פּשוט:

— עס איז מיר איינגעפֿאַלן ביים בענטשן, אַז איך בין ביז אַהער געווען אַ דן שלא בפֿניו[20]... זען וויל איך, איך וויל אַליין זען, און אפֿשר — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאָט העלפֿן, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינס אַ תּלמיד.

— ווייסט, שגץ, — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה — אַז אויב דיין רבי איז דער נח, וואָס האָט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין אַ גדול בישׂראל, אַ בריסקער רבֿ אַ מאָל!

אַצינד האָב איך שוין זיכער געוווסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפּלען...

*

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפֿן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לבֿרכה, פֿלעגט שׂמחת־תּורה אַרויס־שיקן די חסידים שפּאַצירן אַרויס דער שטאָט און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפֿן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געווען.

עס איז נישט געווען הייַנטיקע ביאַלע. עס איז געווען דעמאָלט נאָך אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, געבויטע הייזלעך: אויסער דער שול מיטן רבינס בית־המדרש. דעם רבינס גאַניקל איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק און מען האָט פֿון גאַניקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בערגלעך פֿון מזרח־זייַט, דעם טייַך פֿון מערבֿ...

— — און דער רבי זיצט אויפֿן גאַניקל און קוקט. דערזעט עטלעכע חסידים, וואָס גייען און שווייַגן, וואַרפֿט ער זיי אַראָפּ פֿון דער הויך אַ התחלה פֿון אַ ניגון. זיי כאַפּן־אונטער און גייען שוין ווייטער זינגענדיק — — און כּיתות, כּיתות גייען פֿאַרביי, און לאָזן זיך אַרויס

---

[20] אורטיילן אונטער די אויגן.

פֿון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פֿרייד, מיט אמתער שׂמחת־תורה... און דער רבי פֿלעגט זיך נישט רירן פֿון גאַניקל.

דעמאָלט אָבער האָט דער רבי, אַ פּנים, דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַקעגנגעגאַנגען דעם בריסקער רבֿ.

— שלום עליכם, רבי! — מאַכט ער מיט ענוות און מיט זײַן זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האָט דער בריסקער רבֿ געענטפֿערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רבֿ זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פֿאַר אים.

— זאָג נאָר, נח! — מאַכט דער בריסקער רבֿ מיט אויפֿגעהויבענע ברעמען — וואָס ביסט דו עס אַנטלאָפֿן פֿון מײַן ישיבֿה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפֿעלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפֿערט ער געלאַסן — אָטעם פֿאַרפֿעלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסט דו, נח?

— נישט מיר — פֿאַרטײַטשט דער רבי מיט אַ שטילערן קול — נאָר מײַן נשמה האָט אָטעם פֿאַרפֿעלט...

— פֿאַר וואָס, נח?

— אײַער תורה, רבי, איז סאַמע דין! אָן רחמים איז זי! אָן אַ פֿונק חסד איז אײַער תורה! און דעריבער איז זי אָן שׂמחה, אָן פֿרײַען אָטעם... סאַמע ברזל ונחשת, אײַזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פֿאַר לומדים, פֿאַר יחידי־סגולה!...

דער בריסקער רבֿ שווײַגט און דער רבי זאָגט ווײַטער:

— און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פֿאַרן כלל־ישׂראל? פֿאַרן האָלצהעקער, פֿאַרן קצבֿ, פֿאַרן בעל־מלאָכה, פֿאַרן פּראָסטן ייִד?... בפֿרט — פֿאַר אַ זינדיקן ייִד? וואָס, רבי, האָט איר פֿאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רבֿ שווײַגט, גלײַך ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס

מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבֿ שטייט אַלץ פֿאַר אים און זאָגט ווייטער מיט זיין זיס קול:

— זייט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אייך זאָגן... האַרט איז געווען אייער תורה, האַרט און טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פֿון דער תורה!

— די נשמה? — פֿרעגט דער בריסקער רבֿ און רייבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אַוודאי! אייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פֿאַר יחידי־סגולה, פֿאַר לומדים, נישט פֿאַר כּל־ישׂראל. און די תורה מוז זיין פֿאַר כּל־ישׂראל! די שכינה מוז רוען אויף כּל־ישׂראל! וואָרעם די תורה איז די נשמה פֿון כּל־ישׂראל!

— און דיין תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה — זען? — וווּנדערט זיך דער בריסקער רבֿ.

— קומט, רבי, איך וועל זי אייך ווייזן!... איך וועל אייך איר גלאַנץ ווייזן, די שׂמחה וואָס שטראַלט־אַרויס פֿון איר אויף אַלע, אויף כּל־ישׂראל!

דער בריסקער רבֿ רירט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט אים אַרויסגעפֿירט אויפֿן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפֿילט:

— מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער — שמעיה, היינט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רבֿ וועט אויך זען... שׂמחת־תורה וועט איר זען... איר וועט זען אמתע שׂמחת־תורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שׂמחת־תורה, נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פֿאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפֿאַלן פֿון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין־סוף, און בלוי, אַזוי

העלבלוי איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זײַנען געשווומען ווײַסע, ממש זילבערנע וואָלקנדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי אײַנגעקוקט, האָט מען געזען ווי זיי ציטערן ממש פֿאַר פֿרייד, ווי זיי טאַנצן־אונטער מיט שׂמחת־תּורה. הינטן, ווײַטער, האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל־גרינער. נאָר דאָס גרינע איז געווען אַזוי לעבעדיק גרין, אַזוי לעבנדיק, גלײַך עס וואָלט אַ חיות[21] אַרומגעפֿלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פֿלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פֿלעמלעך שפּרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזלעך... גלײַך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאָנקעס מיט די פֿלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כּיתּות און כּיתּות פֿון חסידים... די אַטלאַסענע און אַפֿילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פֿלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון צווישן די גרעזעלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געטשעפּעט אין די שפּיגלדיקע בגדי יום־טובֿ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבֿות, מיט ליבשאַפֿט... און אַלע כּיתּות חסידים האָבן געקוקט מיט וווּנדערלעך דאָרשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דאָרשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זויגן פֿון גאַניקל, פֿון רבינס פּנים דאָס ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע כּיתּה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופֿט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט די אַלע קולות אויסגעמישט; און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען איין זמר, איין ניגון... גלײַך אַלע זינגען

[21] לעבנסקוואַל, „כּי חיות הנה" (שמות א', י"ט), ווייל זיי זיינען לעבהאַפטיק.

איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, די גלגלים [22] זינגען, און די ערד פֿון אונטן זינגט, און די נשמה פֿון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט, איך צעגיי אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מנחה דאַוונען! — האָט פּלוצלינג דער בריסקער רבֿ אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן...

שטיל —— דער פֿאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפֿאַלן פֿאַר די אויגן: אויבן — אַ פּשוטער הימל, אונטן — פּשוטע פּאַשע, פּשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך ניגונים... אויסגעלאָשן די פֿלעמלעך — איך קוק אויפֿן רבין, זײַן פּנים איז אויך חושך — — —

*

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלײַכט; דער בריסקער רבֿ איז געבליבן אַ מתנגד ווי פֿריִער; מיט דעם איז ער אָוועקגעפֿאָרן!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געטאָן! גערודפֿט האָט ער שוין נישט.

1900

[22] די רעדער פֿון מזלות.

# אַ גילגול פֿון אַ ניגון

— אַ טאַלנער[1] ניגון ווילט איר?

דאַכט זיך, אין פֿלוג אַ קלייניקייט — נעמען אַ ניגון פֿון אַ טאַלנער שלש סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברובֿ עם, חבֿרה מוז אים זינגען!

אונטערהעלפֿן ווילט איר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פֿון פּוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער ניגון.

איר האָט גאָר קיין השגה, קיין ידיעה נישט אין נגינה.

איך הער דאָך אײַערע כּלי־זמרים, אײַערע חזנים. עס גרימפּלט זיך, נישט עס שפּילט, און בײַם זינגען רײַסט איר אײַך ווי געקוילעטע הענער. אַפֿילו די סיני־ניגונים קומען בײַ אײַך אַרויס משונה ווילד... און אײַערע מאַרשן, אײַערע קאָזאַקלעך? זיי זײַנען נאָך ווילדער ווי אײַערע תּנועות און העוויות! איר זאָגט, עס איז חסידות?... בײַ אונדז זײַנען אַנדערע חסידים!...

פֿון וואַנען מיר האָבן נגינה? אפֿשר קומט עס שוין בירושה און אפֿשר ליגט עס אין דער געגנט.

אין אונדזער קיִעווער געגנט איז אין בית אַן אַ פֿידעלע!

אַ באַלעבאַטיש קינד אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן, אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פֿידעלע, מוז קאָנען שפּילן...

---

[1] טאַלנע, אַן אָרעם אוקראַיִניש שטעטל, באַרימט אַ דאַנק די ניגונים פֿון ר׳ יאָסעלע טאַלנער (טווערסקי), אַן אייניקל פֿון ר׳ נחום טשערנאָבילער (1730—1798), פֿון וועמען עס הייבט זיך אָן די דאָזיקע רביים־דינאַסטיע.

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלײַט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלעך, אַזוי פיל מאַנסלײַט!

אַלע שפילן: עס שפילט דער זיידע, עס שפילט דער פאָטער, עס שפילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיך זײַנס, שפילט אַנדערש, שפילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפילט סיני־ניגונים[2] אָדער אַזוי חזנישע זאַכן: אַ „כל־נדרי", „שושנת יעקבֿ", אַ „גדי קשור ידים" — אַ דאַגה וואָס? דער פאָטער, אַ חסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט־ידישן שטייגער. דער זון ווײַטער — שפילט שוין פון נאָטן. מען שפילט שוין גאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער ניגון.

*

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פעלט אַ ביכל בראָנפן? רעדט מען פון בראָנפן!... זינגען איינער אַליין, אָן חבֿרה, אָן אַ ברען פון עולם, קאָן מען נישט; וועל'מיר ריידן פון נגינה...

נגינה, מוזט איר וויסן, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנע איז געשטאַנען אויף מלווה־מלכהס, און דער עיקר מלווה־מלכה איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קאָן מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, להבֿדיל, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפיסה, און גאָר אַ הקדש.

מיט די אייגענע אותיות שרײַבט מען סודות התורה און, להבֿדיל, דאָס גרעסטע אַפּיקורסות. און מיט די אייגענע קולות קאָן מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבֿות און דבֿקות, און מען קאָן אַראָפּ ביזן שאול תחתיה און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם אין בלאָטע.

---

[2] טיפּזיניקע ניגונים, פאַרהייליקטע, ווי זיי וואָלטן געווען מסיני, ניגונים פון דאַווענען, קדיש, כל נדרי א"אַ.

אַ ברייוול — ווי מען לייענט עס, אַ ניגון — ווי מען זינגט אים!

נעמט, למשל, אַ פריילעכס; קאָן עס זײַן אַ טאַלנער שבת־שירה־דיקע מלווה־מלכּה, — אַ שׂמחה פֿון מצוות און מעשׂים טובֿים; און עס קאָן זײַן די פֿרייד פֿון אַן אויסגעלאַסענעם פֿויגל אין אַ הפקר־וועלט!

אַ ניגון ברענט, טאַקע „תּוכו רצוף אהבֿה" — אויסגעווייקט איז ער מיט ליבשאַפֿט; נאָר ליבשאַפֿטן זײַנען פֿאַראַנען אַ סך: עס איז פֿאַראַנען אהבֿת המקום, אהבֿת הבריות, אַ ליבשאַפֿט צו כּל ישׂראל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליב, צי גאָר, רחמנא ליצלן, אַן אשת־איש.

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויפֿן נחש [3], אויפֿן פֿאַרלוירענעם גן־עדן; אַ צווייטער — אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית־המקדש, אויף אונדזער דלות און שפֿלות!... „ראה עמידתנו..." [4] קלאָגט ער זיך, דער ניגון... און נאָך אַ ניגון וויינט, אַז עמעצן איז אַ יפֿה פֿיה אַנטלאָפֿן!

עס איז פֿאַראַנען אַ ניגון פֿול מיט בענקשאַפֿט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער ניגון? עס בענקט אַ נשמה צוריק צו איר שורש. און עס בענקט אַן אַלטער כּלבֿ אָן צייט צו יונגע יאָרן מיטן יונגן יצר־הרע!

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר' דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו — אין וואַסילקאָוו,
און הײַנט וווינט ער אין טאַלנע;
ר' דודל, ר' דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו,
הײַנט וווינט ער אין טאַלנע!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער. נאָר, אַז די טאַלנער זינגען, איז עס אַן אמת פֿריילעכס, שפּריצט עס און ברענט מיט שׂמחה, מיט תּענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויס־

---

[3] סימבאָל פֿון פֿאַרפֿירער. „הנחש השיאני", די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט (בראשית ג', י"ג). — [4] (פֿון ימים־נוראָימדיקן דאַווענען) זע אונדזער לאַגע!

געוויקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס פֿון דער נשמה, וואָס מען גיט אַרײַן אין ניגון!... — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ניגון, מוזט איר וויסן, איז אַ סך־הכּל פֿון קולות אָדער — ווי יענע זאָגן — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פֿון דער טבֿע; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער טבֿע פֿעלן נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זײַן אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצן ניגון!

די גלגלים [5], האָבן מיר אַ קימא לן, זינגען; טאָג און נאַכט — „יום ליום... לילה ללילה...“ האָבן זייער זמר... מענטשן און פֿייגל זינגען, חיות ובהמות זאָגן שירה... אַ שטיין אין אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפֿט, שווײַגט עס נישט; הײַנט אַ וואַלד! בײַם קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ וואַלעך, אַן אמתן, שטילן, זיסן וואַלעך! און די באַן, למשל, — די חיה רעה, מיט די רויט־פֿלאַמענדיקע אויגן, אַז זי לויפֿט — באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפֿילו די שטומע פֿיש, האָב איך אין אַן אַלטן ספֿר געזען, גיבן אויך אַ מאָל אַרויס פֿון זיך אַ קול בגיגה. טייל פֿיש, שטייט אין ספֿר, שווימען פֿון צײַט צו צײַט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אויף אַ שטיין און זינגען זיך דערמיט מחיה.

ווייניק קולות? מען דאַרף נאָר האָבן אַן אויער, עס זאָל די קולות אויפֿכאַפּן ווי אַ נעץ, אײַנזאַפּן ווי אַ שוואָם.

נאָר פֿון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!

אַ הויפֿן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פֿון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פֿון אַ ניגון איז שוין אַ געפֿיל פֿון אַ מענטש: זײַן ליבשאַפֿט, זײַן צאָרן, לײַטזעליקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, הרטה, צער, אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פֿילט, קאָן ער אַרײַנגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט! — — — — — — — — — — — — —

[5] הימל־קערפּערס, מזלות (זאָדיאַק־סימנים).

זואָרעם איך, רבותים, גלייב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פֿון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און והאָ ראיה: נעמט אַ ניגון און צעשניידט אים, זינגט אים קאַפּויר, כאַפּט פֿריער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכּל האָט איר אַלע קולות, עס פֿעלט אייך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווייסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה...

עס איז געוואָרן אַ מת, אַ בר־מנן פֿון אַ ניגון!

און טאַלנע איז ברור כּשמש, אַז אַ ניגון לעבט — ———— — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט: און מען פֿאַרגעסט אַ ניגון, ווי מען פֿאַרגעסט אַ שוכן עפֿר!

יונג און פֿריש איז ער אַמאָל געווען, דער ניגון! מיט פֿריש לעבן האָט ער געשפּריצט... מיט דער צייט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און די כּוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען... עבֿר ובטל איז ער געוואָרן... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופֿט און ערגעץ פֿאַרשטיקט געוואָרן — ואיננו!...

נאָר אַ ניגון קאָן אויפֿשטיין תּחית המתים...

פּלוצעם דערמאָנט מען זיך אַן אַלטן ניגון. ער שווימט פּלוצעם אַרויס און רייסט זיך פֿון מויל אַראָפּ... נישט ווייַנדיק, לייגט מען אין אים אַריין אַ ניי געפֿיל, אַ נייע נשמה, און כּמעט אַ נייער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גילגול פֿון אַ ניגון — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר פֿאַרשטייט מיך ווייניק... רעדט מיט אַ בלינדן וועגן ליכט!

ווייסט איר וואָס? מעשׂיות האָט איר דאָך ליב, וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשׂה וועגן אַ גילגול פֿון אַ ניגון... הערט!

*

דרײַ־פֿיר מײַל הינטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכן וואַלד, איז פֿאַראַנען אַ שטעטל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען אַ נישט קשהדיקע קאַפּעליע כּלי־זמר. נאָר דער ראש־וראשון זייערער, ר׳ חיימל האָט ער געהייסן, דער איז געווען אַ בריה פֿון אַ מוזיקאַנט — פּדהצור בערדיטשעווערס אַ תּלמיד. דער ר׳ חיימל איז נישט געווען קיין מחדש פֿון ניגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויספֿירן אַ זאַך, מטעים זײַן, פֿאַרטײַטשן, ממש אַרײַנלייגן אין האַרץ — דאָס האָט ער געקאָנט; אין דעם האָט שוין זײַן גבֿורה געשטעקט.

אַ ייִד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער. האָט ער אָבער אָנגעהויבן שפּילן, איז ער פּלוצעם געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש: די אייביק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָבן זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן, און פֿון די שטילע, טיפֿע אויגן איז געפֿאַלן אַן אמתע שײַן פֿון רוחניות איבערן בלאַסן פּנים. מען האָט געזען בחוש, אַז צינד איז ער נישט קיין היגער, זײַנע הענט שפּילן אַליין, פֿון זיך, און די נשמה פֿליט ערגעץ אַרום, הויך, הויך אין עולם הזמרה... טײל מאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרגעסן און אָנהייבן זינגען אויך. און אַ קול האָט ער געהאַט — אַ קלאַרנעט, אַזוי קלאָר און אַזוי ריין...

וואָלט דער חיימל נישט געווען קיין פֿרומער, פּשוטער ייִד, כּמעט אַ תּם, וואָלט ער זיך נישט געקוועלט מיט אַכט קינדערלעך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגעץ געשפּילט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער, און אפֿשר קאָר־חזן[6] געוואָרן אין אַ בערלין צי פּאַריז... נאָר אַזוינע לײַט גיט שוין אַרויס פֿון זיך בערדיטשעוו. חיימל תּם זיצט זיך אין דער היים און באָרגט חדשים־לאַנג אין אַלע שפּײַז־געוועלב־

[6] מאָדערנער חזן, ביי וועמען דער כאָר שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע. ווילנע איז געווען באַרימט מיט איר קאָרשול.

לעך על חשבון פֿון אַ באַלעבאַטישער חתונה, וואָס מוז דאָך אַ מאָל זײַן!

און דעמאָלט האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ גבֿירהשע חתונה, און בײַם פּער [7] פֿון מאַכנאָווקע, בײַ בערל קאַצנערס אַלמנה.

בערל קאַצנער אַליין — ווערגן זאָל ער מיך קומען — איז געווען אַ גרויסער וואָכערניק [8], אַ קמצן — נאָך אַ גרעסערער. אין מויל אַרײַן האָט ער זיך נישט פֿאַרגונען... ער פֿלעגט אַרומגיין און קלײַבן קרישקעלעך נאָך די קינדערס עסן... אַן אײַזערן האַרץ האָט ער געהאַט, דער מענטש!

פֿאַרן טויט כּמעט אין מיטן דער גסיסה, רופֿט ער צו דעם עלטסטן זון, הייסט זיך דערלאַנגען די ביכער און ווײַזט אָן מיט אַ ברוין־בלויען פֿינגער, ווו עס איז נישט באַצאָלט קיין ראַטע. און „פֿראַלאָנגירן, זאָגט ער, חס ושלום! הערסט? בגזרת כּיבוד־אָבֿ!“

דערנאָך האָט ער צוגערופֿן דאָס ווײַב און געהייסן באַהאַלטן דאָס קופּער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט: „מאַך איך צו אַן אויג, — זאָגט ער — איז אַלץ הפֿקר!“ און מיט דעם איז אים די נשמה אַרויס.

איבערגעלאָזט האָט ער טאַקע אַ האַלבן מיליאָן!

ווי געזאָגט, חתונה די טאָכטער מאַכט די אַלמנה און זי אײַלט־צו, ווײַל זי וויל זיך אַליין אויך לאָזן ריידן אַ שידוך; אַ שטיין איז איר אַראָפּ פֿון האַרץ! אויפֿגעריכט איז זי געוואָרן...

און אַז חיימל כּלי־זמר דאַרף אויך חתונה מאַכן אַ טאָכטער, וואַרט ער מן הסתם אויף דער חתונה ווי אויף משיחן...

פֿאַלט אָבער אײַן דער אַלמנה, אַז זי וויל אַראָפּברענגען פּדהצורן פֿון בערדיטשעוו.

באשר בכן? עס וועלן זײַן קיעווער מחותנים, קיעווער מבֿינים, ווײַל זי צום באַדעקנס אַ ניגון אל מלא רחמים: נײַט, זאָגט זי, קיין

---

[7] גאַסט פֿון וואָגן) רעדלפֿירער.
[8] פּראָצענטניק (אַמאָל האָט מען גענומען פּראָצענט פֿאַר אַ וואָך).

אַלטע אָפּגעשלאָגענע הושענא [9]... עס קאָסט אַזוי פּיל, זאָל נאָך קאָסטן, און זאָלן די קינדער זען!

חיימל איז שיִער אויסגעגאַנגען.

אין שטאָט איז אויך געוואָרן אַ גערודער; מען האָט אים זייער ליב געהאַט, חיימלען; און עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ ייִד אַן אביון!... מען לייגט זיך אַריין אויף אַ פּשרה [10]; און סוף־כּל־סוף איז געבליבן, אַז שפּילן זאָל טאַקע חיימל מיט דער קאַפּעליע, נאָר פאַר דער חתונה זאָל ער זיך אַראָפּכאַפּן, אויף דער גבירהס הוצאות, קיין בערדיטשעוו און ברענגען פון פדהצורן אַ ניגון אל מלא רחמים.

חיימל כאַפּט עטלעכע רובל, — דערפון לאָזט ער איבער אַ גרע־סערע העלפט דעם ווייב מיט די קינדער — דינגט אַ פור, און לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

און דאָ הייבט זיך אָן די מעשה מיטן גילגול — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי זאָגט מען עפּעס, אַן אָרעמאַן האָט מזל! פאָרט חיימל פון איין זייט אַריין קיין בערדיטשעוו און פדהצור פאָרט פון דער אַנדע־רער זייט אַרויס פון בערדיטשעוו! פּונקט האָט מען אים פאַרבעטן קיין טאַלנע אויף אַ מלווה־מלכּה! דער טאַלנער, מוזט איר וויסן, האָט שטאַרק געהאַלטן פון פדהצורן. „סודות התורה", פלעגט ער זאָגן, „שטעקן אין זיינע ניגונים! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא, חיימל דרייט זיך אַרום ווי אַן אָפּגעסמטער אין די גאַסן. וואָס זאָל ער טאָן? אַהיימפאָרן אָן אַן אל מלא רחמים טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערן! נאָכפאָרן קיין טאַלנע אָדער וואַרטן ביז פדהצור וועט צוריקקומען, קאָן ער נישט — ער האָט אויסגערעכנט

[9] ווי ס'ווערן אָפּגעקלאַפּט, אָפּגעריסן די בלעטלעך פון די ריטלעך, ביי דער סוכות־תפילה פון הושע — העלף, נאָ — איך בעט. — [10] פשרה, קאָמפּראָמיס, אויסגלייך.

הוצאות. די גבֿירה האָט אים וויניק וואָס געגעבן און איבערגעלאָזט דעם ווייַב האָט ער אַ סך! האָט ער טאָקע ווילד צער.

פלוצעם דערזעט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אייַך פֿאָר, אין אַ שיינעם, העלן וואָכנטאָג גייט זיך איבער דער גאַס אַ ווייַבל, אָנגעטאָן בגדי שבת ויום־טובֿ, אָדער ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן, אויסגעפּוצט אין האָניק און אין עסיק... אויפֿן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק[11] מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פֿון פֿאַרשיידענע לעבעדיק־שרייַענדיקע קאָלירן. אין דער האַנט האַלט זי אַ גרויסע, ווייַסע, זילבערנע טאַץ... דעם ווייַבל גייען נאָך כּלי־זמר און שפּילן. און דאָס ווייַבל גייט טאַנצנדיק. טייל מאָל שטעלט זי זיך אָפּ מיט די כּלי־זמר פֿאַר אַ שטוב אָדער פֿאַר אַ קלייט און מאַכט אַ טענצל אויפֿן אָרט... די מוזיק רופֿט אַרויס מענטשן פֿון אַלע זייַטן, טירן און פֿענצטער זייַנען אָנגעפּראָפּט — קאָפּ אויף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווייַבל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צעפֿליִען זיך אין דער לופֿטן, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרייַט: „מזל־טובֿ!“ און וואַרפֿט מטבעות; דאָס ווייַבל טאַנצט־אונטער און כאַפּט זיי אַרייַן אין טאַץ — די מטבעות בליצן און קלינגען־צו צום טאַקט...

— וואָס איז עס? אַ קלייניקייט: בערדיטשעוו איז אַ ייִדישע שטאָט און האָט ייִדישע מנהגים; אַזוי איז מען זיך נוהג צוזאַמענצונעמען אויף הכנסת כּלה!...

חיימל האָט געוווּסט פֿון מנהג. ער האָט געוווּסט, אַז די ווייַבער קלערן זיך אויס טענץ און פֿדהצור אַליין מאַכט פֿאַר יעדן מאָל אַ נייַעם ניגון; דאָס איז שוין זייַן מצווה געווען! מען קומט צו אים, מען דערציילט אים פֿון דער כּלה, פֿון איר משפּחה, פֿון שידוך, פֿון דלות... ער הערט, שווייַגט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, טייל מאָל פֿאַרשטעלט ער זיך דאָס פּנים מיט די הענט, און אַז מען ענדיקט, עס ווערט שטיל, הייבט־אָן פֿדהצור צו ברומען אַ ניגון.

---

[11] טשעפּעק, טיכל, הייבל אויפֿן קאָפּ.

דאָס אַלץ האָט חיימל געוווּסט. וואָס דען שטייט ער מיט אָפענע מויל־און־אויערן?

ער האָט נאָך אַזאַ פריילעכס נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען; עס פילט זיך, אי צער, אי תענוג, האַרצוויי און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעשמאָלצן... אַן אמתער יתומהס אַ חתונה!

פלוצלינג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט וואָס ער דאַרף!

*

צוריקפאָרנדיק פון בערדיטשעוו, האָט דער בעל־עגלה אויפגענומען פאַרשוינען. חיימל האָט אים נישט געענטפערט. און די פאַרשוינען. און גראָד מבינים, האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין וואַלד, האָט חיימל אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער פּדהצורס פריילעכס; נאָר דערפון איז שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדער זאַך: דער מזל־טוב פון הכנסת כלה איז מגולגל געוואָרן אין אַן אמתן אל מלא רחמים.

אין מיטן שטילן גערויש פוןביימער איז אַרויסגעשוואומען אַ שטילער, זיסער שטילער ניגון...

און דעם ניגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעליע משוררים: דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציק האָט זיך דער ניגון געקלאָגט; געבעטן זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבן...

דערנאָך הייבט דער ניגון אָן צו זיפצן, צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מען פילט, אַז עמעץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין על חטא, — צי איז עס יום־כיפור, צי זאָגט עמעץ ווידוי?

נאָר העכער און אין איין וועג צעבראָכענער ווערט דאָס קול; וואָס אַ מאָל אָפגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט — דערנאָך עטלעכע טיפערע זיפצן, אַ שאַרפער אויסגעשריי! איינער... אַ צווייטער און פלוצלינג רייסט זיך עס אין גאַנצן אָפ, שטיל — עמעץ איז געשטאָרבן...

דער ניגון וועקט זיך ווײַטער אויף און פֿאַלט שוין אַרײַן אין הייסע ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פֿליִען, יאָגן און פּלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימל־געשריי, אַ יאָמער — ווי בײַ אַ לוויה!

און אין מיטן דער לוויה שווימט־אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריק און דערשראָקן —

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: הוריות, דמיונות, טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרעמהאַרציק־זיסע מעלאָדיעס... עס טרייסט, עס רעדט־אײַן... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת נפֿש, מיט אַזאַ פֿעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווײַטער גוט. ווײַטער זיס; עס גלוסט זיך ווײַטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך האָפֿן!

אויסגעגאַנגען זײַנען שיִער די מענטשן.

— וואָס איז עס? — פֿרעגן זיי.

— אַן אל מלא רחמים, — ענטפֿערט ר׳ חיים — פֿאַר קאַצנערס יתומה אַן אל מלא רחמים!

— נישט כדאי אַפֿילו... — ענטפֿערן זיי — אַן עבֿירה דער ניגון, נאָר די וועלט וועט אים אָפּנעמען, ר׳ חײמל, די קיִעווער לײַט וועלן אויסגיין...

די קיִעווער לײַט זײַנען נישט אויסגעגאַנגען!

בײַ די קאַצנערס איז שוין קיין ייִדיש באַלעבאַטישע חתונה נישט געווען... און דער אל מלא רחמים האָט פֿאַרן עולם נישט געפּאַסט.

די קיִעווער לײַט ווילן בעסער טאַנצן מיט דאַמעס. נאָך וואָס „שטייגער“? נאָך וואָס „מאָראַלישע“ זאַכן?

און גלאַט נאָך וועמען אַן אל מלא רחמים? נאָכן אַלטן קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָל לעבן, וואָלט די כלה קיין העלפֿט נדן נישט געהאַט, קיין אויסשטײַער אַוודאי נישט, עס וואָלט די חתונה גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט! זאָל ער הײַנט אויפֿשטיין און זען דאָס

ווײַס אַטלאַסענע קלייד מיט שפּיצן, דעם שלייער; זאָל ער זען די ווײַנען, די טאָרטן, די פֿישן און פֿליישן, אונטער וועלכע עס ברעכן זיך די טישן — וואָלט ער דאָך נאָך אַ מאָל געשטאָרבן און — שוין נישט אַזוי לײַכט ווי פֿריִער...

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע באַדעקנס... אַלטע נאַרישע מנהגים!

— געשווינדער! — שרײַט דער קיִעווער עולם.

דער אָרעמער חיימל! ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַפּעליע, מיט האַרצקלאַפּן געצויגן דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פּראָסטער עולם האָט שוין אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן, בײַ טייל רינען שוין טרערן — און דאָ גיט איינער, אַ קיִעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה צי אַ לוויה?

און אַז חיימל מאַכט זיך נישט הערנדיק און שפּילט ווײַטער, הייבט ער אָן, דער קיִעווער, צו פֿײַפֿן...

און פֿײַפֿן פֿײַפֿט ער גראָד אויסגענומען וווּיל... ער האָט שוין געכאַפּט דעם ניגון און פֿײַפֿט אים כּהוויה! און פֿײַפֿט וואָס אַ מאָל געשווינדער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דעם אייגענעם ניגון...

די קאַפּעליע בלײַבט שטיל. און עס הערט זיך נאָר אַ מלחמה צווישן דער מאָראַלישער פֿידל מיטן עזות־מחוצפֿן פֿײַפֿן...

און דאָס פֿײַפֿן איז גובֿר. עס יאָגט־אונטער דעם סמיטשיק! די פֿידל וויינט שוין נישט, פֿריִער קרעכצט זי, דערנאָך הייבט זי אָן צו לאַכן...

און פּלוצעם האָט חיים איבערגעהאַקט. מיט פֿאַרביסענע ליפּן און ווילד־ברענענדיקע אויגן שפּרינגט ער איבער אויף אַן אַנדערע סטרונע און הייבט־אָן נאָך געשווינדער צו שפּילן, איבעריאָגן וויל ער דאָס פֿײַפֿן!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילן נישט געווען! די פֿידל וואַרפֿט־אַרויס פֿון זיך אָפּגעריסענע געשרייען, געוואַלדיקע קולות... און זיי וואַרפֿן זיך, און דרייען זיך אַרום ווי אַ ווירבלווינט, אַלץ אַרום, דאַכט

זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעליע, די געסט, די כּלה אויפֿן שטול, חיימל אַליין מיט דער פֿידל...

עס איז קיין פֿריילעכס, קיין אל מלא רחמים נישט, עס איז קיין שפּילן נישט! אַ טאַנצנדיק משוגעת איז עס, אַ ווילד־משוגעהדיקער חולה־נופֿל, רחמנא־לצלן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, חיימל, בראַוואָ! — האָבן די קיִעווער לײַט געשריִען...

צי האָבן זיי דערמיט דעם אַלטן קמצן אַ טובֿה געטאָן? אַז אָסור!

*

אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער ניגון, מן הסתם דורך איינעם פֿון די קיִעווער לײַט, אַרײַן אין טעאַטער.

וואָס איז אַזוינס טעאַטער? אַלטע משׂכּילים פֿלעגן גלייבן, אַז טע־אַטער איז בעסער פֿאַר אַ מוסר־ספֿר, שטאַרקער פֿאַרן „ראשית חכמה“, להבֿדיל! איר זאָגט אַוודאי, אַז טעאַטער איז טריפֿה ווי חזיר...

בײַ אונדז זאָגט מען, אַז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מען שפּילט אין טעאַטער!

געוווען איז עס שוין אין וואַרשע...

דאָס טעאַטער איז פֿול, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הייבט־אָן שפּילן. וואָס שפּילט די מוזיק?

אַ גערויש, אַ מהומה שפּילט זי — אַ דור הפּלגה! חיימלס „אל מלא רחמים“, נאָר אויפֿן אַרט פֿון וואַלעך — אַ מהומה: די כּלים יאָגן זיך, טרײַבן זיך און קנאַקן...

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פּײַפּט... נישט עס דונערט, נישט הײַזער פֿאַלן, גלאַט אַ געפּילדער. צי גליטשן זיך שדים אויפֿן ים הקרח, צי רײַסן זיך טויזנטער חיות רעות פֿון גיהנום אַרויס? אַ צי־טערניש נעמט־דורך דאָס טעאַטער!

פּלוצעם רײַסט זיך אַרײַן דער באַס. מכּלומרשט אין כּעס איז ער! ער בייזערט זיך. וואָס איז דאָס? נאָר — פֿאַלש! מען פֿילט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט. און אַ מאָדנע פֿײַפֿערל שפּרינגט־אונ־טער, עס פֿליט דורך די קאַפּעליע מיט זיגזאַגן פֿון אַ בליץ, און מיט אַ

געלעכטער פֿון אַן אמתן לץ: כאַ־כאַ־כאַ! און כי־כי־כי! דער קלאַרנעט אײַלט זיך נאָך. און מעשׂים טוט ער, דער קלאַרנעט! להכעיס טוט ער, מען פֿילט בחוש דעם להכעיס.

און אַצינד ערשט שווימען־אַרויס דרײַ־פֿיר פֿידלען... און משונה־זיס שפּילן זיי, די פֿידלען, משונה־זיס, ווי די תּאווה אַליין, ווי דער יצר־הרע, ווען עס רינט אים האָניק פֿון מויל... און עס נאַרט זיך אַריין, דאָס שפּילן, אין די הערצער; עס פֿליסט־אַרײַן ווי אַ בוימל און פֿאַרשיכּורט ווי אַלטער ווײַן...

אויפֿגעפֿלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מײַלער אָפֿן און די אויגן בליצן!

און דאָ הייבט זיך ערשט אויף דער פֿאָרהאַנג און עס באַווײַזן זיך אַן „ער" און אַ „זי" — אַ „בן־מלך" מיט אַ „בת־מלכּה", און זיי זינגען.

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פֿלאַמענדיקע ווערטער, ווי ברענענ־דיקע שלאַנגען פֿליִען זיי פֿון די מײַלער אַרויס. און דאָס גיהנום ברענט זיי אויף די פּנימער; ווי די טײַוולאָנים שפּרינגען זיי זיך אַקעגן. און דאָס האַלדזן זיך, דאָס קושן זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען — גייט אַלץ שנעלער און שנעלער, און ווערט פֿײַער־פֿלאַמענדיקער מיט יעדער רגע.

און אינעם פֿײַער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכרים און נקבֿות, מיט די דערהיצט־פֿאַרשוויצטע פּנימער און ווילד־פֿלאַמענדיקע אויגן... ווי אַ מבול האָט עס פֿאַרפֿלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט.

אַ ים פֿון ברענענדיקער תּאווה האָט זיך אויסגעגאָסן — אַ גיהנום ברענט! שדים טאַנצן, מלאכי־חבֿלה פֿירן אַ פֿײַערדיק ראָד...

דאָס איז געוואָרן פֿון פּדהצורס „הכנסת־כּלה", דורך חיימלס „אל מלא רחמים", מיטן קיִעווערס הילף!

*

נאָר פֿאַלן האָט קיין שיִער נישט!

חרובֿ געוואָרן איז דאָס „אידישע" טעאַטער. די „בני־מלכים" זײַנען צוריק שוסטערס און שנײַדערס געוואָרן; די בת־מלכּהס האָבן

זיך צוריקגעשטעלט צום קוימען. און טייל טעאַטער־ניגונים זײַנען מגולגל געוואָרן אין שאַרמאַנקעס[12]...

אונדזער ניגון איז שוין קוים צו דערקענען.

אַן אויסגעקראַכענער דיוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף... צווי מענער אין לײַבקאַליר מאַכן קונצן צוזאַמען מיט אַן אויסגעדאַרט בלאַס מיידל, וואָס זיי האָבן ערגעץ געגנבֿעט...

איינער כאַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָן. פֿײַל פֿון בויגן לויפֿט דאָס מיידעלע אַרויף ביזן העכסטן שטאַפּל און שפּרינגט פֿון דאָרטן אַראָפּ, און בלײַבט שטיין אויפֿן צווייטנס אַקסל. דער ערשטער דערלאַנגט איר דערווײַל אין פּלייצע; זי מאַכט עטלעכע קאָזשילקעס[13] אין דער לופֿט און בלײַבט שטיין פֿאַרן עולם אין הויף מיט אַן אויסגעשפּרייטער האַנט און בעטלט אַ נדבֿה.

עס איז אויך אַ טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פֿאַר געמיינע לײַט: פֿאַר משרתים און דינסטן!

אונטערן הימל שפּילט מען, קאָסט עס ביליק, קויפֿט מען קיין בילעטן נישט, וואַרפֿט מען צווייערס און דרײַערס. און זי מאַכט עס אַזוי קונציק, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּן שווייס רינען איר פֿון רויט געמאָלטן פּנים. אין די אײַנגעפֿאַלענע אויגן ברענט אַ צער, — נאָר דאָס זעט נישט דער עולם. זי אָטעמט שווער — דאָס הערט ער נישט. ער זעט נאָר די שיינע קונצן, ער הערט נאָר די שיינע מוזיק פֿון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרן גוף פֿון אָרעמען, געגנבֿעטן קינד, און דער אָרעמער ניגון אין דער הייזעריק־בלעכערנער שאַרמאַנקע — ביידע קרעכצן, וויינען און צאַפּלען, ביידע בעטן זיך תּיקון...

*

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז פּדהצורס „הכנסת כלה" זאָל אויפֿגעריכט ווערן! גייענדיק פֿון הויז צו הויז, וואַנדערנדיק פֿון שטאָט

---

[12] האַרמאָשקע־לידלעך.

[13] (קאָזשעליק) איבערקערן דעם קערפּער אויפֿן קאָפּ.

צו שטאָט, האָבן די קונצנמאַכערס אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אַרע־מע קינד, ביז עס איז, לא עליכם, קראַנק געוואָרן...

עס איז געווען אין ראַדזשיוויל, בײַ דער גרענעץ. דאָרט האָבן זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט הינטער אַ צוים און זײַנען די גרענעץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אויפֿן פֿעלד! האַלב נאַקעט מיט ברוינע, בלויע צייכנס פֿון שלעג אויפֿן לײַב, איז עס געלעגן אין אַ היק.

רחמנותדיקע לײַט האָבן דאָס קינד אויפֿגעהויבן און געטראָגן אין הקדש אַרײַן... אויסגעהאַלטן האָט דאָס קינד אַ טיפֿוס און אַרויס איז עס פֿון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגן!

און אַצינד בעטלט דאָס אָרעמע קינד. פֿון הויז צו הויז גייט עס, פֿון טיר צו טיר און בעטלט...

און כמעט זי רעדט נישט... זי קאָן מיט ווערטער נישט בעט־לען... זי שטעלט זיך ערגעץ אָפּ און וואַרט; דערזעט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איר ניגון, מען זאָל זי דערהערן... און דער ניגון איז פֿון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אַצינד דער ניגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פֿאַר אַן אומגליקלעך קינד...

„שלעכטע מענטשן האָבן מיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון אַ גוטן טאַטן, פֿון אַ האַרציקער מאַמען, פֿון אַ וואַרעמער און זאַטער היים... מען האָט מיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעם גוטן; אויסגענוצט און אַרויסגע־וואָרפֿן ווי אַ שאָל פֿון אַן אויסגעגעסענער נוס!... רחמנות פֿאַר אַן אָרעם, אָרעם קינד!“

און נאָך בעט זיך דער ניגון:

„עס איז קאַלט און איך גיי נאַקעט; הונגעריק בין איך אויך... און דעם קאָפּ, ווו אַנידערצולייגן, האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!“

אַזוי האָט דער ניגון געבעטן ,און דאָס איז געווען זײַן ערשטע מדרגה אַרויף — מען האָט דורך אים צדקה געגעבן!

*

אין ראַדזשיוויל איז געווען אַ ייִד אַ למדן. ער איז אַפילו קיין מתנגד נישט געווען, קיין חולק[14] אַוודאי נישט, נאָר ער האָט פשוט קיין צייַט נישט געהאַט צו פֿאָרן... ער האָט די גמרא נישט פֿאַרמאַכט... פֿאַר ביטול תורה האָט ער מורא געהאַט.

מען זאָל אים אין בית־המדרש נישט מבטל זײַן פֿון לימוד, פֿלעגט ער זיצן און לערנען אין דער היים; דאָס ווײַב זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט, די קינדער — אין חדר.

עס פֿלעגט אים אַ מאָל דורכפֿליִען אין קאָפּ אַ רעיון: אפֿשר פֿאָרן ערגעץ? דאָס האָט אים דער יצר־טובֿ, מן הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יצר־הרע? פֿאַרשטעלט ער זיך אין יצר־טובֿ און ענטפֿערט: מהיכי תיתי, אַוודאי דאַרף מען אַ מאָל פֿאָרן! נאָר עס איז נאָך צײַט: מען דאַרף פֿריִער ענדיקן די מסכתא, יענע מסכתא!... און אַזוי זײַנען אַוועק חדשים און יאָרן.

פֿון הימל האָט מען אָבער, אַ פּנים, געוואָלט, ער זאָל קומען צו ר׳ דודלען.

מאַכט זיך אַזאַ מעשׂה:

איין מאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דערהערט אַ געזאַנג פֿאַר דער טיר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

— אַז מען זיצט און לערנט, דאַרף מען נישט הערן, וואָס איז גאַס, וואָס פֿאַר דער טיר טוט זיך! מען דאַרף בטל ווערן אין דער תורה!

ער הערט דאָך אָבער פֿאָרט; נעמט ער און פֿאַרשטאָפּט זיך מיט די פֿינגער די אויערן. דער ניגון גנבֿעט זיך אָבער פֿאָרט אַרײַן; אונטער די פֿינגער גנבֿעט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאַפּט ער מיט כּעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַרײַן און, בײַסנדיק די האָר, לערנט ער ווײַטער. מיט נחת לערנט ער!

דער ניגון לאָזט נישט אָפּ. ער הערט אים וואָס אַ מאָל שאַרפֿער. אין מיטן דערפֿילט ער, אַז עס איז קול באישה — אַ מיידל זינגט!

---

[14] אַזאַ וואָס האָט עפּעס אויסצוזעצן, זיין קעגן.

גיט ער שוין אַ געשריי אַרויס אויף אַ קול: חצופה! אַוועק פֿון מײַן הויז! גייט דער ניגון אַוועק... נאַר, אַ מעשׂה נורא — מען זינגט שוין נישט און ער הערט ווײַטער! דער ניגון זינגט זיך אים אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כּוח קוקט ער אין ספֿר אַרײַן, מיט כּוח וויל ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא[15], עס גייט נישט! דעם למדנס נשמה ווערט וואָס אַ מאָל פֿולער און פֿולער מיט ניגון...

פֿאַרמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַווענען מנחה.

ער קאָן אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַווענען, גאָר נישט! ווי אַ זילבערן גלעקל קלינגט אין אים דער ניגון. דער מענטש האַלט עס נישט אויס. ער גייט ממש אויס פֿאַר צער. עס גייט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פֿאַלט שיִער נישט אין אַ מרה־שחורה אַרײַן... ער פֿאַסט תעניתים — עס העלפֿט נישט! ער קאָן דעם ניגון נישט פּטור ווערן. ער וועקט אים בײַ נאַכט פֿון שלאָף.

און דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט, זינט ער לעבט, קיין מנחה פֿאַר אַן עמוד נישט געדאַוונט; כּמעט קיין קול נגינה פֿון זיך נישט אַרויסגעגעבן. שבת פֿלעגט ער די זמירות אָפּזאָגן און אויפֿן אָרט פֿון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא.

פֿאַרשטייט ער דאָך, אַז עס איז נישט פּשוט.

„מעשׂה שׂטן!“ — טראַכט ער און פֿאַלט בײַ זיך אָפּ גאָר אין גאַנצן.

דאַכט זיך, אַז אַצינד מוז מען שוין פֿאָרן?

פֿרעגט אָבער דער יצר־הרע: יאָ, פֿאָרן, נאָר וווּהין? צדיקים זײַנען דאָ אַ סך, — וועלכער איז דער אמתער צדיק, בײַ וועמען קאָן מען באמת אַ פּעולה האָבן? — הייבט־אָן דער למדן צו קלערן.

באַקומט ער נאָך אַ ווונק פֿון אויבן.

מאַכט זיך אַ מעשׂה און ר׳ דודל טאַלנער מוז עוקר זײַן און פֿאָרן איבער ראַדזשיוויל...

די מעשׂה פֿון דער מסירה ווייסט איר אַוודאי. און זאָגן זאָג איך

---

[15] גמרא־אָפּשניט, באַהאַנדלונג.

אײַך, אַז עס איז אַן עונש געווען! מען האָט נישט געדאַרפֿט אַרויס־גנבֿענען ר׳ דודלען פֿון וואַסילקאָוו און פֿירן קיין טאַלנע. מען האָט נישט געדאַרפֿט מבֿייש זײַן קיין שטאָט. און חרובֿ ונחרבֿ איז דאָס וואַסילקאָוו, נעבעך, געוואָרן!

די גאַסטהײַזער האָט מען פֿאַרמאַכט; אַרום און אַרום די קרעטש־מעס זײַנען בטל געוואָרן. עד כּכּר לחם [16] זײַנען זיי, לא עליכם גע־קומען...

גאַ דיר! מסרט מען און טאַלנע ווערט אויך חרובֿ!

ר׳ דודל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטול, מיט אַן אויסגעקריצטן פּסוק: דוד מלך ישׂראל חי וקים! מאַכן מוסרים דערפֿון אַ פּאָליטיקע און עס שלאָגט־אָן אין פּעטערבורג...

מילא, מיר ווייסן, אַז עס איז געווען בבֿחינת: מאן מלכי רבנן [17]... נאָר גיי פֿאַרטײַטש עס די גענעראַלן אין פּעטערבורג!

הכּלל, ר׳ דודל מוז עוקר זײַן, האַלט ער, דורכפֿאָרנדיק, שבת אין ראַדזשיוויל, און אונדזער ראַדזשיווילער למדן גייט למזל צום שלש סעודות.

דער יצר־הרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט־אַרײַן און זעט אַ קליין ייִדעלע, טאַקע אַ פּיצל ייִדעלע זיצט אויבן אָן בײַם טיש, מען זעט נישט מער אַרויס נאָר אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטרײַמל מיט זילבערנע האָר, וואָס פֿאַלן אים אויפֿן פּנים. מען׳ זיצט שווײַגנ־דיק, מען זאָגט קיין תּורה נישט... אַנטפֿאַלט אים טאַקע, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז עס און גאָר? — טראַכט ער, דער למדן.

נאָר ר׳ דודל האָט אים שוין דערזען און גיט אַ זאָג:

— זעץ דיך, למדן.

און באותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געכאַפּט ר׳ דודלס אַ בליק. עס האָט אים שוין אַ ברי געטאָן בײַ דער נשמה.

---

[16] ביז אַ לעבל ברויט (משלי ו׳, כ״ו).

[17] ווי אַ קעניג צווישן רבנים.

איר האָט אַוודאי געהערט פֿון טאַלנערס אויגן! אין זיינס אַ בליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבֿורה; וואָס איר ווילט, האָט אין בליק געשטעקט.

און אַז ר׳ דודל זאָגט — זעץ דיך! — מאַכט מען שוין דעם למדן אַן אָרט ביים טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז ר׳ דודל זאָגט ווייטער:

— מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ ניגון! — אַנטלויפֿט אים דער מוטערס מילך. — ער און... אַ ניגון?

נאָר עמעץ דערלאַנגט אים שוין אין פּלייצע: „אַז ר׳ דודל הייסט, זינגט מען!"

מילא, זינגט ער.

און ער הייבט, נעבעך, אָן מיט אַ ציטער; און ער שטאַמלט קוים אַרויס אַן התחלה פֿון אַ ניגון. און וואָס וויל ער זינגען, דער למדן? מן הסתם דער יתומהס ניגון; קיין אַנדערן קאָן ער נישט. און ער ציטערט, און שטאַמלט, און זינגט. און דער ניגון ווערט שוין ווייטער אַן אַנדערער! ער האָט שוין אַ ריח־תורה, אַ יניקה פֿון קדושת שבת, מיט אַ הרהור תשובֿה [18] פֿון אַ ייִד אַ למדן... און זינגענדיק, דערפֿילט ער, דער למדן, דעם ניגון, און הייבט־אָן וואָס אַ רגע בעסער און פֿרייער צו זינגען...

אין מיטן הייבט־אָן ר׳ דודל, ווי זיין שטייגער פֿלעגט זיין, שטי־לערהייט אונטערצוברומען. דער עולם דערהערט און כאַפּט־אונטער. מיטן עולם צוזאַמען צעהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריגט אַ ברען. ער איז שוין גאָר אַרויס פֿון די כּלים, — ער זינגט טאַקע!

און דער ניגון הייבט זיך אָן פֿלוצעם צו גיסן ווי אַ נהר־די־נור [19] — אַ פֿייער פֿלאַמענדיקער טייך... און די פֿאַליעס שלאָגן אַלץ ברייטער און העכער. אַלץ פֿייערדיקער און פֿלאַמענדיקער.

און עס ווערט דעם ניגון שוין ענג אין שטוב, און ער רייסט זיך

---

[18] געדאַנק וועגן חרטה האָבן אויף באַגאַנגענע זינד (ברכות כ׳).

[19] (זוהר) טייך פֿון פֿייער.

דורך די פֿענצטער אין גאַס אַרײַן. און עס גיסט זיך אין גאַס אַרײַן אַ ים פֿון קדושה, פֿון פֿײַערדיקער קדושה; און נבֿהל ונשתּומם רופֿט דער עולם אין גאַס:

— דער יתומהס ניגון! דער יתומהס ניגון!

*

דער ניגון האָט באַקומען תּיקון און דער למדן אויך!

פֿאַרן אַוועקפֿאָרן האָט אים ר׳ דודל אַוועקגענומען אין אַ זײַט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער.

— למדן — האָט ער אים געזאָגט — האָסט מבֿייש געווען אַ בת ישׂראל! דו ביסט אויפֿן שורש פֿון איר ניגון קיין מבֿין ניט געווען! האָסט זי גערופֿן חצופֿה!

— גיט מיר, רבי, אַ תּשובֿה דערויף — בעט זיך דער למדן.

— נישט נייטיק, — מאַכט דער רבי, זכרונו לבֿרכה — אויפֿן אָרט פֿון תּשובֿה טו בעסער אַ מצווה!

— וואָס פֿאַר אַ מצווה, רבי?

— מאַך דאָס מיידל חתונה; הכנסת־כּלה איז אַ גרויסע מצווה! —

---

און ציינד הערט די צווייטע זײַט פֿון דער מעשׂה:

אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אַז דאָס מיידל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן אַ סופֿר, איז מען ערשט געוויר געוואָרן פֿון וואַנען זי קומט־אַרויס.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז דעם אַלטן קאַצנערס אַן אייניקל!

און די מעשׂה איז אַזוי געווען: דער אײדעם זײַנער, דער קיעווער, איז זיך אַמאָל געגאַנגען מיטן ווײַב אין טעאַטער אַרײַן אויף אַ גאַנצן אָוונט, און טאַקע דעם אָוונט האָט מען זיי אַוועקגעגנבֿעט דאָס אייניציקע קינד...

נאָר אָפּגעבן זיי די טאָכטער האָט מען נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאַנג נישט געלעבט און דער פֿאָטער איז שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע...

1900



י. ל. פרצעס טאַטע־מאַמע

# דורות

## פיר דורות — פיר צוואות

— 1 —

**אַז ר׳ אליעזר חײַקלס איז נפטר געוואָרן, האָט מען אונטערן קישן געפֿונען אַזאַ קוויטל:**

„מײַן רצון איז, אַז די קינדער זאָלן בלײַבן בײַם וואַלד בשותּפֿות.

נאָך מײַן פּטירה זאָלן זיי לאָזן מאַכן אַ צוים צום בית־עלמין און פֿאַרריכטן דעם דאַך פֿון שול.

„די ספֿרים זאָל נעמען בני בנימין החתן שיחיה; די זין מיט די איידעמס האָבן געקראָגן ספֿרים צו דער חתונה.

זוגתי תּחיה זאָל בלײַבן אין דער דירה באַזונדער; זאָל זי זיך צונעמען אַן אָרעמע יתומה — זי זאָל נישט זײַן אַליין. זי זאָל זיך אַליין מאַכן קידוש און הבֿדלה.

אַ חלק זאָל זי האָבן גלײַך מיט אַלע יורשים.

אַחוץ דעם...

**מער האָט מען נישט געקאָנט לייענען. דאָס קוויטל איז אַ פּנים פֿײַכטערהייט געלייגט געוואָרן אונטערן קישן און די אותיות האָבן זיך אָפּגעמעקט.**

— 2 —

**ר׳ בנימין, ר׳ אליעזר חײַקלס זון, האָט שוין מער געשריבן:**

„היות עס איז געקומען די צײַט און איך וועל בקרובֿ זוכה זײַן אָפּצוגעבן דעם פּקדון **דעם** וואָס אַלע פּקדונות זײַנען זײַנע.

און אַ מענטש שרעקט זיך פֿאַר זײַן ליבן נאָמען און פֿאַר זײַן משפּט, נאָר גיין גיי איך פֿון דער וועלט אָן אומעט, חלילה, נאָר מיט גרויס בטחון אין אל רחום וחנון, אַז ער וועט מיט מיר טאָן לפֿנים משורת הדין און לויט זײַן גרויס רחמנות.

און איך ווייס, אַז דאָס פּקדון איז איבער דער צייט ביי מיר פֿאַרפֿלעקט געוואָרן, קאַליע געוואָרן...

**מיר הערן־איבער דעם חשבון־הנפש און דעם מוסר פֿאַר די קינדער און לייענען ווייטער:**

„און די פֿיס ווערן מיר אָפּגעקילט, און דער מוח ווערט וואָס אַ מאָל מער מבולבל, און נעכטן האָט זיך מיר געטראָפֿן אַ ווונדערלעכע זאַך, אַז בשעתן לערנען בין איך איינגעדרימלט געוואָרן און עס האָט זיך מיר עפּעס געחלומט, און דאָס ספֿר איז מיר אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט, און איך האָב מיר אויפֿגעכאַפּט, און האָב תיכּף פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט פּראָסט, אַז מען רופֿט...

און דאָס, וואָס איז באמת מיין געווען אויף דער וועלט, דאָס לאָז איך נאָר איבער אויף אַ צייט; דאָס וועט מיר נאָכקומען איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר; מיט דעם וועל איך זיך זוכה זיין צו זען בזיו־השכינה הקדושה[1] — אָמן, כּן יהי רצון!

און וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקומען, דאָס איז קיין מאָל נישט מיין געווען, און איין גאָט ווייסט, אַז איך לאָז עס איבער אָן אַ שום עגמת־נפֿש.

און אויף מיין עשירות לאָז איך קיין צוואה נישט איבער; איך בין בטוח, אַז בני ביתי שיחיו, אָדער זיי וועלן לעבן בשלום ושלווה צוזאַמען, אָדער זיי וועלן זיך צעטיילן על פּי דין ועל פּי יושר, און איינער פֿאַרן אַנדערן וועט, חס ושלום, נישט מעלים זיין[2].

און איך פֿאַרלאַנג, אַז בני ביתי, היינו, אשתי תּחי' ובני וחתני שיחיו, זאָלן מפֿריש זיין צוויי מאָל מעשׂר. היינו: תּיכּף נאָך מיין פּטירה זאָלן זיי מאַכן אַ חשבון צדק פֿון דער נחלה און מטלטלים וכלי בית, און אַזוי כּלים, און אַלע שטרות, און חובֿות בעל פּה וכו',

---

[1] מיטן גלאַנץ פֿון דער הייליקער שכינה (זוהר). — [2] פֿאַרלייקענען, פֿאַרהוילן, „מי זה מעלים עצה" (איוב מ"ב, ג'), ווער קאָן דאָס פֿאַרהיילן די כּוונה (יהואש).

און זאָלן אָראָפּגעבן מעשׂר ראשון על חשבוני לתיקון[3] נשמתי, און צעטיילן אָרעמע לײַט.

דערנאָך זאָלן זיי פֿון דער רעשט, דאָס הייסט — שוין פֿון דער ירושה, געבן מעשׂר פֿאַר זיך, אַזוי ווי מײַן מנהג איז געווען צו געבן מעשׂר פֿון ריווח, גם כּן — פֿאַר אָרעמע לײַט.

און צו יעדן פֿון בײדע מעשׂרות זאָלן זיי מוסיף זײַן אַ שליש למאה; טאָמער האָבן זיי זיך טועה געווען אין חשבון.

און די בײדע מעשׂרות זאָלן זיי געבן צדקה פֿאַר פֿרעמדע אָרעמע לײַט כנ״ל[4], און נישט פֿאַר קרובֿים.

פֿאַר אָרעמע קרובֿים וועלן זיי אַליין וויסן וויפֿל צו געבן, אָבער נישט פֿון דער צדקה, ווײַל פֿון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זײַן, און אַז מען גיט נאָענטע קרובֿים, איז גלײַך ווי מען וואָלט געגעבן זיך.

און אויף מײַן מצבֿה זאָל מען מער נישט אויסקריצן נאָר דעם נאָמען ושם אבא ז״ל ויום הפּטירה, און נישט מער.

און איך בעט זייער מײַנע זין מיט די איידעמס, זיי זאָלן זיך נישט אין גאַנצן אַרײַנטאָן אין דעם הבֿל, נישט וועלן זײַן דווקא גרויסע סוחרים, ווײַל וואָס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער ייִד. און זיי זאָלן זיך נישט זוכן קיין געשעפֿטן פֿון דער ווײַט, און נישט פֿאַרשפּרייטן דאָס ביסל געלט אויף ארבע רוחות העולם, ווײַל ווו גאָט וויל, דאָרט העלפֿט ער, און די ברכה קאָן אַרײַנקומען אין קליינע ווי אין גרויסע מסחרים.

דער עיקר באַשווער איך דעריבער בני יקירי מהור״ר[5] יחיאל, ווײַל איך האָב געזען, אַז ער האָט גרויס תאווה צו גבֿירישקייט וד״ל[6].

און איך בעט זייער, אַז מײַנע קינדער זאָלן האַלטן דעם מנהג און אָפּטיילן יעדעס יאָר, פֿאַר ראש־השנה פֿונעם גאַנצן ריווח מעשׂר

[3] אויסצובעסערן די נשמה (סוכה נ״א). — [4] (כנזכר לעיל) ווי אויבן דערמאָנט, (כן נראה לי) ווי ס'ווייזט זיך מיר אויס. — [5] מורינו ורבינו הרב רבי (טיטל). — [6] ודי למבין, ודי לחכימא ברמיזא, פֿאַר אַ קלוגן איז גענוג, אַז מ'גיט אים אַן אָנדייטונג.

פֿאַר אָרעמע לײַט. און אַז עס וועט אַ מאָל, חס־ושלום, קיין ריווח ניש‏ט זײַן, און אַז עס וועט אַ מאָל זײַן, חס־ושלום, אַפֿילו היזק, זאָלן זיי אויך טיילן צדקה, ווײַל עס וועט אַוודאי זײַן אַ נסיון פֿון זייַן ליבן נאָמען.

דער עיקר, בעט איך זייער, זיי זאָלן לערנען טאָג בײַ טאָג לכל הפּחות אַ בלאַט **גמרא**. און על כל פּנים אַן עמוד **ראשית חכמה** [7].

פֿאָרן זאָלן זיי כאָטש איין מאָל אין יאָר [8].

די נשים זאָלן לייענען **קבֿ הישר** אויף עבֿרי־טײַטש, אַחוץ **צאינה־וראינה** שבת און יום־טובֿ.

און אינעם טאָג פֿון דער יאָרצײַט זאָל מען עוסק זײַן בתּורה אַ גאַנצן טאָג, די נשים זאָלן געבן צדקה; דער עיקר — מתּן בסתר".

---

— 3 —

**אַז מאָריץ בענדיטזאָן (בנימינס אַ זון) איז געשטאָרבן, האָט מען געפֿונען אַ צעטל אויף פּויליש:**

„מען זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז און וואַרטן מיט דער קבֿורה ביז דער זון וועט קומען.

צען טויזנט גיב איך אַ קרן קימת אין „דאָזאָר" [9] אַרײַן; דאָס פּראָצענט זאָל מען צעטיילן יעדע יאָרצײַט אָרעמע לײַט.

צען טויזנט לאָז איך איבער אויף אַ בעט אין נײַעם שפּיטאָל, מיט זעם תּנאי: דאָס בעט זאָל אָנגערופֿן ווערן אויף מײַן נאָמען.

בשעת לוויה זאָל מען טיילן צדקה.

מען זאָל שיקן נדבֿות אין אַלע תּלמוד־תּורהס אַרײַן; די מלמדים מיט די קינדער זאָלן גיין נאָך דער לוויה.

---

[7] דאָס טאָמע ערשטע, „ראשית חכמה יראת ד'" (תּהילים קי"א, י') דער אָנהייב פֿון חכמה איז מורא פֿאַר גאָט (יהואש). — [8] צום רבין. — [9] פּרנס פֿון דער קהילה.

מען זאָל דינגען אַ דיין אָדער אַזוי אַ למדן, ער זאָל זאָגן נאָך מיר קדיש.

די מצבֿה, לויט דעם מאָדעל וואָס איך לאָז־איבער, זאָל מען באַשטעלן אין אויסלאַנד.

מען זאָל איבערלאָזן אין דאָזאָר־שטוב אַ געוויסע סומע געלט; דער דאָזאָר זאָל נעמען אויף זיך אויסצוהאַלטן דעם קבֿר מיט דער מצבֿה.

דאָס געשעפֿט זאָל הייסן: **מאָריץ בענדיטזאָן — זײַן זון**".
און וואָס עס באַטרעפֿט..."

**מיר לאָזן־איבער די רשימה פֿון פֿאַרמעגן און דעם חשבון פֿון די חובֿות צו אָפּנעמען, ווי אויך די עצות טובֿות, ווי אַזוי דאָס געשעפֿט ווײַטער צו פֿירן.**

*

„איך, **מאָריץ בענדיטזאָן — זון**, גיי־אַוועק פֿון דער וועלט נישט פֿאַר נחת, נישט פֿון עגמת־נפֿש, נאָר פֿון לערקייט [10].

אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטעל: די נאַטור האָט פֿײַנט לערקייט.

אַ שרעקלעכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס רעדל האָט זײַן באַזונדערע אַרבעט, זײַן באַזונדערן צוועק. ווערט אַ רעדל פֿאַרדאַרבן אָדער עס האָט אָפּגעאַרבעט זײַנס פֿאַר דער צײַט, גייט עס אַליין אַרויס פֿון דער מאַשין, גייט עס אַריבער פֿון **גאָר אין גאָר נישט...**

איך קאָן לענגער נישט לעבן, ווײַל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן. איך טויג צו גאָרנישט, ווײַל איך האָב מײַנס אָפּגעלעבט. איך האָב אויסגעטרונקען דעם גאַנצן נחת, וואָס מיר איז באַשערט געווען, אויפֿגעגעסן און אויסגעקוועטשט אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפֿט.

---

[10] פּוסטקייט.

מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נאָר לעבן און נישט איינשלינגען דאָס לעבן האָט מען מיך נישט געלערנט.

איך האָב קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך איינהאַלטן, צובינדן צו איר... עס האָט מיר קיין זאַך נישט געפעלט, עס זאָל האָבן ביי מיר אַ ווערט. איך האָב אַלץ גענומען אָן זאָרג, אָן עגמת־נפש, אָן אַרבעט — ווי פון הפקר גענומען...

אַזוי זאַכן, אַזוי מענטשן; אַזוי מענער, אַזוי פרויען...

אַלע האָבן מיר צוגעשמייכלט, און איך האָב קיין איינציקן פריינד נישט געהאַט; אַלע האָבן מיך גערן געקושט און איך האָב קיין איינציקע נישט געדאַרפט...

אַ פאַרמעגן האָב איך געירשנט און עס איז געוואַקסן און געמערט זיך אָן מיר, אָן מיין ווילן.

עס איז געוואַקסן, ביז עס איז מיך איבערגעוואַקסן.

אָפט האָט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ: זאָל מיר עפעס פעלן, זאָל איך עפעס מוזן טאָן. און די דאָקטוירים האָבן מיר פאָרגעשריבן: שפּאַצירן, שפּילעריַען, ספּאָרט... נישט קיין לעבן, נאָר אַ סוראָגאַט [11] פון לעבן, אַ געפעלשט לעבן, געפעלשטע אַרבעט...

און לענדער אַ סך האָב איך געזען און קיין איינציק איז נישט מיין געווען; אַ סך ערטער האָב איך באַוואונדערט און איך האָב קיין איינציק אָרט נישט געליבט...

און אַ סך שפּראַכן האָב איך געלייפיק גערעדט, נאָר איך האָב קיין איינציקע נישט געפילט — איך האָב מיט די ווערטער „ווי מיטן באַלן [12] געשפּילט.

פעלקער און שפּראַכן האָב איך ווי האַנטשו [13] געטוישט...

די גאַנצע וועלט איז געווען מיין, נאָר איך בין צו־קליין געווען, איך זאָל זי צוהאַלטן; צו־קורצע הענט געהאַט, איך זאָל זי אַרומנעמען; קיין וועלט באַהערשן האָב איך נישט געקענט...

---

[11] דערזאַץ (אַנשטאָט אַ גוטן פּראָדוקט אַזאַ וואָס פאַרטרעט און איז נישט אַזוי גוט). — [12] פּילקעס. — [13] הענטשקעס.

און וואָס איך וואָלט געקאָנט באַהערשן, דאָס האָב איך שוין גרייט געפֿונען, דאָס האָט מען מיר איבערגעלאָזט . . .

אַלץ איז פֿאַר מײַנעטוועגן געטאָן געוואָרן, אַלץ האָט מען מיר אָפּגעקויפֿט; אויב עס איז נאָך עפּעס געבליבן, האָט עס דאָס פֿאַרמעגן געמאַכט.

אַלץ — דער שמייכל אויפֿן פֿרײַנדס פּנים, דער קוש פֿון רויטע ליפּן... דער קדיש נאָכן טאַטן... העכסטנס האָב איך נאָך עפּעס אויסגעצאָלט; נאָר געבן, שענקען, דאָס האָט מען מיך נישט געלערנט...

און דאָס קליינע איז מיר געוואָרן צו־קליין, און דאָס גרויסע — צו־גרויס, און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען...

איך שטאַרב, ווײַל איך בין אַן עקר[14], אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה; איך האָב אין מיר גאָר נישט, וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן... איך לעב שוין לאַנג נישט; איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פֿון לעבן; איצט איז עס מיר נאָך נמאס געוואָרן.

מען האָט זיך מיט מיר אויפֿגעפֿירט ווי אַ פּויער — מיט אַ חזיר; מען האָט מיך געשטאָפּט... נאָר דער פּויער, אַז דער חזיר ווערט גענוג פֿעט, קוילעט[15] ער עס; מיר הייסט מען, איך זאָל מיך אַליין קוילן; און איך האָב די העזה נישט, נישט צו פֿאָלגן...

דער אַרשעניק[16] שטייט אויפֿן טיש; דער לעצטער געטראַנק, וואָס וועט מיך אַנשיכורן, און איך וויל מיך שוין נישט אויסניכטערן...

זאָל איך עפּעס אָנזאָגן וועגן מײַן פֿאַרמעגן? נאָך וואָס? דאָס איז מײַן אומגליק געווען...

האָב איך נישט עמעצן צו דאַנקען?

ניין — איך האָב אַלע פֿאַר אַלץ באַצאָלט . . .

פֿאַרן לעצטן געטראַנק אויך".

1901

[14] קינדערלאָזער. — [15] ממית, די פֿאָרעם פֿון הרגענען חזירים. — [16] שטאַרקער סם.

# די גאלדענע קייט

## פאַר וואָס איז י. ל. פרץ געווען פאַרליבט אין „די גאָלדענע קייט״?

שלום עליכם דערציילט אין זײַנע זכרונות פֿון אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ אין 1914:

— איך האָב אים גאַנץ אויפֿריכטיק אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג וועגן „די גאָלדענע קייט״. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אַוועקגעבן צען „גאָלדענע קייטן״ פֿאַר איין מעשׂה פֿון זײַנע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״. האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געשמאַקן הילכיקן געלעכטער: „כאַ־כאַ־כאַ — דינעזאָן זאָגט אויך דאָס אייגענע!״... גאָר נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואָבעדיק אויסגעדריקט וועגן זײַן ליבלינג „די גאָלדענע קייט״, האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפֿנהאַרציק מודה געווען פֿאַר מיר, אַז ער האַלט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע פֿון אַלע זײַנע שאַפֿונגען, און אַז ער וועט דאָס, מיר און דינעזאָנען אויף צו להכעיס, איבעראַרבעטן נאָך אַ מאָל, ביז עס וועט אַרויסקומען אַ כּלי שלימה.

און דער קלאַסיקער פֿון יידישן הומאָר האָט צו דעם נאָך צוגעגעבן:

— דאָס איז „די גאָלדענע קייט״, וועלכע פּרץ האָט עטלעכע מאָל איבערגעניצעוועט — גאָר נישט פּרצעס טבֿע [1].

---

[1] שלום עליכם — אַלע ווערק, באַנד ט״ו, יידישע שרייבערס, נ״י 1919, ז' 76.

שלום עליכם זוכט נישט צו דערקלערן, פאַר וואָס פרץ איז געווען אַזוי פאַרליבט אין „די גאָלדענע קייט“. עפּעס האָט דאָך באַדאַרפט זײַן אין דעם, וואָס פרץ האָט דווקא דאָס דאָזיקע ווערק געהאַלטן פאַר זײַן ליבלינג. ער ווײַזט דאָס אַרויס אין די פאַרשיידענסטע פאָרמען. אין בריוו, פאַרהאַנדלונגען און אין גערעדטן וואָרט פאַררופט ער זיך אויף „די גאָלדענע קייט“ מער ווי אויף אַנדערע שאַפונגען זײַנע. ווי נאָר זי איז דערשינען אין ערשטן וואַריאַנט, אונטערן טיטל „חורבן בית צדיק“, אין 1903, אין אַדעסער השלח, נעמט ער זי פון העברעיִש באַאַרבעטן אויף ייִדיש. אין דעם זעלביקן יאָר 1906, ווען זי ווערט אויפגעפירט דורך יצחק קאַמינסקין אין וואַרשעווער טעאַטער אונטערן טיטל „דער נסיון“, האַלט אים געשפּאַנט דער אינטערעס, וואָס עס ווײַזט צו איר אַרויס אַ ניו־יאָרקער טעאַטער־אונטערנעמער, וועלכער גיט אים אָן אַדערויף „אַ מטמון געלד... פאַר דער דראַמאַ צום שפּילן“[2]. ער פרעגט זיך אָן בײַ זײַן ייִנגערן פרײַנד, דוד פינסקי, וועלכע ענדערונגען ער רעקאָמענדירט אים צו מאַכן. ער פרעגט בײַ אַלעמען, נאָר טוט ווי ער אַליין פאַרשטייט. אַפילו ווען ער קומט אויף געציילטע טעג אין אַ קוראָרט, אַרבעט ער אויף „די גאָלדענע קייט“[3]. דורכויס „גאָר נישט ווי זײַן טבע“. אויף עפנטלעכע אַרויסטריטן לאָזט ער נישט דורך קיין געלעגנהייט צו לייענען כאָטש אַ פראַגמענט פון אָט דער דראַמע. כאָטש ער ווייסט, אַז זי איז נישט קיין „כלי שלימה“, האַלט ער פאַר נייטיק צו פרעזענטירן זיך דווקא דורך דעם ווערק. פאַר וואָס? עפּעס האָט דאָך באַדאַרפט זײַן אין דעם, וואָס פרץ, דער ערשטער אייראָפּייער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זיך גראָד פאַרליבט אין אַ „חסידישער פאַמיליע־דראַמע“!

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, דאַרף מען אַרײַנדרינגען נישט בלויז אין די טיפעניִשן פון פרצעס פערזענלעכקייט, נאָר אויך

[2] בריוו צו דוד פינסקי, ייוואָ־בלעטער, ווילנע 1937, ב׳ XII, נ׳ 1—3, ז׳ 166.
[3] ד״ז, ז׳ 167.

זען אירע אינטימע פֿאַרבינדונגען מיט די שטרעמונגען פֿון דער עפּאָכע. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז שוין „אויף זײַן יובילײ אין 1901, וואָס איז אין דער אמתן געווען דער ערשטער ריכטיקער יובילײ פֿון אַ ייִדישן שרײַבער, די ערשטע קרעפֿטיקע דעמאָנסטראַציע פֿאַר ייִדיש ווי אַ פֿאָלקשפּראַך, מיט אַ באַדײַטנדיקער ליטעראַרישער צוקונפֿט — האָט חבֿרה ליטעראַטן בײַ דער מאָלצײַט געזונגען דאָס חסידישע ליד אונדזער רביניו: שוין דעמאָלט איז געווען די האַלב־באַוווסטזיניקע הנחה, אַז פּרץ איז געווען אַ מדריך, אַ וועגווײַזער, אַ צוזאָג אויף ווײַטער, אַ רביניו״ [4]. אָט דער גײַסט פֿון וועגווײַזער קומט צום שטאַרקסטן צום אויסדרוק אין „די גאָלדענע קייט״. אין איר ווערן קינסטלעריש אַנגעפּינטלט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון דער תּקופֿה — בײַם איבערגאַנג פֿון 19טן צום 20סטן יאָרהונדערט — אידייען און בילדער פֿאַר די קומענדיקע דורות.

די אידייע פֿון שבת־יום־טובדיקע ייִדן, וואָס ר׳ שלמה פּרייִדיקט, קלינגט ווי אַ חלום־מעשׂהלע, פֿאַר וועלכן נאָר פּאָעטישע נשמות, יחידי־סגולה, קענען האָבן אַן אויער. אין „די גאָלדענע קייט״ ווערן אָבער אויך אַרויסגעבראַכט פּראָבלעמען, וועלכע האָבן ערשט נאָך פּרצעס טויט גענומען לעבן אין די הערצער און מוחות פֿון יעדן ייִדן אויף אַלע קאָנטינענטן: די קאָנפֿליקטן פֿון דורות.

פּרץ ברענגט דער ערשטער אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור די פּראָבלעמס פֿון 2טן דור, ווי אויך די פּראָבלעמס פֿון זיידע און אייניקל. ווען ר׳ שלמה ברעכט־צוזאַמען, ווײַל „זײַן שוואַרצער זון״ גיט־נאָך דעם עולם, מאַכט הבֿדלה און ברענגט־אַרײַן די וואָך, זעט דער זון אויס ווי אַ קאַריערסט, אַ בוגד פֿאַר וואָכעדיקע צילן: עס קומט־אויס, אַז ער פֿאַרכאַפּט דעם טאַטנס שטול... שפּעטער ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ר׳ פּנחס קעמפֿט פֿאַר ייִדישן המשך

---

[4] בעל־מחשבות — י. ל. פּרץ ז״ל (1915), געקליבענע ווערק, נ״י 1953, ז׳ 207.

נישט װײניקער װי דער טאַטע, ר׳ שלמה. נאָר אַנדערש. די צײַטן זײַנען אַנדערע. פֿאַר אַלעמען איז אָבער טײַער דער נצח ישׂראל. אַפֿילו די אַוועקגעגאַנגענע לאה קומט־צוריק. זיך פֿאַרבענקט נאָך דער שטוב פֿון גלויבן. אַ צעבראָכענע קומט זי צוריק פֿון דער װעלט, װו מ׳לעבט רק מיטן קאַלטן שׂכל. „קלאָר איז שניי — און שניי איז קאַלט״. דער אינטעלעקטועלסטער שרײַבער פֿון דער ייִדישער װאָרט־קונסט קומט (דורך לאהן) צום אויספֿיר: „די װעלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ!״.

עס איז דערפֿאַר אַ טעות (װאָס אַ סך האָבן געמאַכט), אַז פּרץ זאָל מיטן 1טן אַקט האָבן פֿאַרענדיקט „די גאָלדענע קייט״... פֿאַר־קערט: ערשט דאָ הייבט זי זיך אָן. בײַם פֿינאַל פֿון 1טן אַקט בלײַבט מען פֿאַרװירט און מ׳פֿרעגט: האָט טאַקע פּרץ געזען, אַז מיט ר׳ שלמה ענדיקט זיך דאָס פֿאָלק פֿון די גרויסע ייִדן? די װײַטערדיקע אויסװיקלונג פֿון דער דראַמע גיט דעם ענטפֿער: יעדער דור האָט זײַנע לײַדנדיקע און האַפֿנדיקע געשטאַלטן. אויב ר׳ שלמה איז לי־ריש רירנדיק, איז זײַן „שװאַרצער זון״, װען ער װערט ר׳ פּנחס, דראַמאַטיש און שטורמיש. און אַפֿילו דער שװאַכער זון זײַנער, װען ער װערט ר׳ משה, פֿירט אַ קאַמף צו דערהאַלטן זײַן שטאַם — ער קעמפֿט מיט זײַן אייגענער אומבאַהאָלפֿנקייט און שװאַכקייט. און אויב עס פֿעלן אים כּוחות — און די צײַט איז קעגן אים, און דער עולם איז קעגן אים — שטײַגט הינטער אים אויף זײַן זון, יהונתן, װעל־כער קריגט לסוף מוט און רופֿט־אויס: „איך בין!״ — — —

י. ל. פּרץ האָט, בכן, סינטעטיזירט אין „די גאָלדענע קייט״ די עיקרדיקע פּראָבלעמען פֿון זײַן יאָרהונדערט בײַ ייִדן און בײַ די אומות העולם און געזוכט אַרויסצובריינגען קינסטלעריש תּמציתדיק, אין אַ געמיש פֿון דראַמאַטישן אימפּרעסיאָניזם און כּמו מעלאָדראַמאַ־טישן רעאַליזם די צונױפֿשטויסן צװישן יחיד און כּלל װי אויך די מטושטשטע קאָנפֿליקטן צװישן עלטערן און קינדער, װעלכע זײַנען אייגנטלעך אוניװערסאַלע קאָנפֿליקטן צװישן דורות. פּרץ װײַזט, אַז אַפֿילו אין דער חסידישער װעלט האָט מען שוין אָנגעהויבן זען דעם

דור המדבר... דאָס איז דער 2טער דור, וועלכער ווײַזט זיך גאָר שפּע־טער אַרויס ווי דער טראַגישסטער דור.

אין פּרצן, דעם אײראָפּייער, שפּיגלט זיך אָפּ דער צוזאַמענ־שטויס צווישן באַפליגלטן שבתדיקן יחיד און דער וואָכעדיקער מאַסע, בעת די דעמאָקראַטיע האָט אָנגעהויבן טריומפירן אין אײראָפּע, בעת אײראָפּע איז געווען פאַר דער גאַנצער וועלט דער אָרון־קודש פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. דער וואָרטזאָגער פון דער דער־שראָקענער פּערזענלעכקייט, דער דענישער דענקער סערען קיר־קעגאַרד, פּראָקלאַמירט אַז „וואָס העכער עס שטייט אַן אינדיווידו, אַלץ מער חילוקי־דעות (און מאָטיוון) האָט ער צו זײַן פאַרצווייפלט“ [5]. און „איבסען גייט אויפן וועג פון קירקעגאַרדן... ער גלייבט אין פּערזענלעכקייט — און נאָר אין פּערזענלעכקייט“ [6]. פאַר בײדן, וועל־כע זײַנען די העכסטע און טיפסטע אויסדריקערס פון דער פּערזענ־לעכקייט און איר קאַמף פאַר עטישע ווערטן אינעם 19טן י״ה, זײַנען דעריבער כּסדר געשטאַנען פאַר די אויגן די גראַנגלען צווישן על־טערן און קינדער, צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט. איבסען דער־גייט אַזוי ווײַט, אַז זײַן ד״ר שטאָקמאַן רופט־אויס: „שטאַרקער פאַר אַלעמען אויף דער וועלט איז דער וואָס איז איינזאַמער פאַר אַלעמען“. ער איז גרייט געדרודפט צו ווערן, די פּרנסה צו פאַרלירן, אַבי זיך נישט אָפּצוזאָגן פון אמת, וואָס איז פאַרן ווויל פון דער מענטשהייט, אָבער וואָס ליגנט נישט פאַר די אינטערעסן פון קרעמערס. דער דאָזיקער גראַנגל צווישן יחיד און פּערזענלעכקייט דערפירט בײַם אָנהייב פון 20סטן י״ה אַפילו אין דעמאָקראַטישן פראַנקרײַך צו דער פראַגע: „צי שטייט דאָס אינערלעכע לעבן אין סתירה מיט דער גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט? צי דאַרף מען צווישן זיי אויסקלײַבן?“ [7]

---

[5] Sören Kierkegaard — “ENTWEDER/ODER”, 2 t., Jena 1922, S. 195.

[6] געאָרג בראַנדעס — הענריק איבסען, יידיש קאָליע טעפּער, נ״י 1918, ז׳ 91 און 61.

[7] Gabrjel Séailles — “DEMOKRACJA I OSWIATA”, Warszawa 1906, S. 191.

אַט אַ די מלחמה פֿון דער פּערזענלעכקייט, נישט צו פֿאַרלירן איר רעכט אויף איר אמת, וואָס לוינט נישט פֿאַר די פּראַקטישע אינטע־רעסן, ווערט געשילדערט דורך געשטאַלטן, וועלכע זײַנען חסידיש געקליידט, אָבער וועלכע זײַנען אײגנטלעך אויך געשטאַלטן פֿון דע־נישן קירקעגאַרד און נאָרוועגישן איבסען... דאָס זײַנען די עטישע אידעאַלן פֿון אייראָפּע אין איר גלאַנצפּעריאָד. פּרץ רעפּרעזענטירט זי אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל דאָס זײַנען אויך אידייען, וועלכע לאָזן נישט צו רו די נײַע ייִדישע פּערזענלעכקייט צווישן שבת און וואָך, צווישן טאַטע און זון, צווישן הײַנט און מאָרגן, ווי צווישן חסידיזם און השׂכּלה.

צוליב דער דאָזיקער עשירות פֿון טעמעס, אידייען, געשטאַלטן און ליטעראַרישע פֿאָרמען איז „די גאָלדענע קייט" אייגנטלעך — י. ל. פּרצעס אַנטאָלאָגיע. דאָ געפֿינט מען פּרצן דעם דיכטער און דעם דענקער, דעם ייִד און דעם אייראָפּייער, דעם פֿאָלקסמענטש און די פּערזענלעכקייט, וואָס לעבט מיטן הײַנט, אָבער קוקט ווײַט אַרײַן אין מאָרגן, אין דער אייביקייט — — —

י. ל. פּרץ איז געווען פֿאַרליבט אין „די גאָלדענע קייט", ווײַל דאָ זעט מען בעסער ווי אין אַלע זײַנע ווערק, ווי ער זוכט אַ סינטעז צווישן ייִדישן לעבן פֿון אַמאָל און הײַנט — ליכט פֿאַרן מאָרגן.

שמואל ראָזשאַנסקי

# די גאלדענע קייט

## אַ חסידישע פֿאַמיליע־דראַמע

### אין 3 אַקטן

פּערזאָנען:

**שלמה**

**פּנחס** — זיין זון

**משה** — פּנחסעס זון, שלמהס אייניקל

**יונתן** —
**לאה** — } משהס קינדער, שלמהס אוראייניקלעך

**דבורה** — פּנחסעס ווייב

**מרים** — משהס ווייב

**ישׂראל** — גבאַי

**למך** —
**ביינוש** — } ישישים *

**עולם**

**חסידים**

**אַבֿרהם**

**זקן** —

**אַ ישובֿניק**

**בערגמאַן** — דאָקטער

---

* אַלטע אין יאָרן, אָבער נישט ווייניקער אָנגעזאַפּטע מיט תורה, „בישישים חכמה", ביי די גרייזגרויע איז דאָ חכמה (איוב י"ב, י"ב).

# ערשטער אַקט

דעם רבינס צימער: אַלטפרענקיש־פריציש מעבלירט. אַ געשניצטער באַלקן, פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ אַ קרישטאָלענער הענגלייכטער, וואָס קלינגט ביי שטאַרקערע טריט אין צימער. אונטער אים — אַ צעפלאַצטער מאָזאַיק־טיש, רויט־סאַמעטן־געבעטע קאַנאַפּע, אַ פאָטערשטול, שטולן. ביי די ווענט — בענק, לאַנגע, אָן אָנלעגען. גלעזערנע שענקלעך: מיט ספרים און מיט זילבערנע און גאָלדענע כלים. אויסער אַ חנוכה־לאָמפּ — בשמים־פּושקעס, אתרוג־פּושקעס אד״גל. עס וואַרפט זיך מיט זיין גרייס אין די אויגן אַריין — אַ זילבערנער, אַלט־פריצישער בעכער. טירן רעכטס און לינקס: רעכטס — צוויי שמאָלע, פאַרן היימישן געברויך; איין טיר אין בית־המדרש אַריין, די צווייטע צו עזרת־נשים, לינקס — אַ געוויינטלעכע טיר אין ווייטערע צימערן אַריין. אין הינטערגרונט — אַ טיר און אַ גרויס ווענעציאַניש פענצטער צום הויפגערטל. זילבערנע העסן * אַרום די ווענט.

מוצאי־שבת. שפּעט אין אָוונט. נאָך גאָר נישט אָנגעצונדן אין שטוב. איבער דער פּאָדלאָגע שפּילט אַ שוואַכע ליכטנעץ פון לבנה־שיין אין שניי־אָפּגלאַנצן, וואָס פאַרשווינדט באַלד נאָכן אויפגיין פון דעם פאָרהאַנג. אין דרויסן ווערט אַלץ טריבער און טריבער, און ברעכט־אויס ענדע אַקט אין אַ שניי־שטורעם.

אין צימער הערשט אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַן אומאָרדענונג. אין דעם הויז האָט געמוזט עפּעס אַן אומגליק געשען. פון רעכטס און לינקס, ווען עס עפנט זיך אַ טיר, הערט זיך אַן אומעטיק גערויש, אויסגעשרייען אד״גל.

---

* הענגלייכטער.

(פֿון הויפּטיר קומען־אַריַין דער עלטערער און דער יונגער,
רײַכע חסידים. הינטער זיי — דער אָרעמער חסיד און דער
היימישער, וואָס „רײַבן" זיך אַרום יענע)

עלטערער רייכער חסיד — הייסט עס... פֿאַרלוירן אַ שבת!
אַזוי פֿיל געשעפֿטן פֿאַרלאָזט —
און מען גיט קיין שלום נישט...

יינגערער — אַז לא עליכם...

היימישער חסיד — חס ושלום...
ס'איז נאָר באתכסיא *...
צרת הרבים...

אָרעמער חסיד — טוט זײַנס ביחידות...
שטורעמט די עולמות עליונים...

יינגערער רייכער חסיד — (הינטערליסטיק)
עפּעס צו אײַך דאָ געקומען
אַ דאָקטער אַ יונגער?

היימישער חסיד — (כאַפּט־אָן אין דער ענדערונג פֿון געשפּרעך)
ימח שמו...

אָרעמער חסיד — אַ מכשף...
מאַכט עפּעס רעגן אין שטוב
און שניי...

היימישער חסיד — (ווײמוטיק) ער, זאָל לעבן, אָפּגעשלאָסן...
וועגן כּלל... גזירות גייען...
פֿון ערגעץ, זאָגט מען, שיקט מען
גאַנצע פֿורן מעסערס,
קהילות גאַנצע צו באַפֿאַלן...
אַרבעט דער מין דערוויַל,

---

* (אַראַמיש) בכיסוי, פֿאַרבאָגענערהייט (קבלה), וואָס איז הייליק אויס־באַהאַלטן.

פֿאַר בחורים דרשנט ער...
וועגן טבע...
יינגערער רייכער חסיד — און קומט צום רבין?...
היימישער חסיד — דער רבי האָט קיין פּחד נישט!
אָרעמער חסיד — אויף אים האָט ער קיין שליטה נישט...
(די רייכע חסידים הערן זיי שוין נישט, גייען איבערן צימער, באַטראַכטן)
עלטערער רייכער חסיד — שווערע פֿאָרהענג (באַטאַפּט זיי) זיידענע...
היימישער חסיד — אַזוי ביים פּריץ געקויפֿט,
מיטן הויז צוזאַמען...
יונגער רייכער חסיד —
באַלקן — געשניצטע, מעבל — געשניצטע.
העסן, אַלמערס — מיט פֿיגורן...
אָרעמער חסיד — האָט מען אָפּגעקלאַפּט די נעז...
יונגער רייכער חסיד — העגגערס פֿון הערנער און ווינקל...
היימישער חסיד — דערמיט שטויסט ער דעם שטן...
דאָ פֿלעגט ער זיצן ביי דער נאַכט...
אין פֿינצטערע נעכט,
אין התבודדות אַליין,
מלחמה האַלטן מיט כל דאָס ביין...
אָרעמער חסיד — מיט מסירת נפֿש...
עלטערער רייכער חסיד — (דעם יונגערן, אין דער זייט)
קראַנק איז ער...
יינגערער רייכער חסיד — מען זאָגט: פֿון זינען אַראָפּ...
עלטערער רייכער חסיד — קען זיין...
ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ כּישוף
אין די אַלע זאַכן שטעקט...
יונגער רייכער חסיד — שאַדט עס אַ רבין אויך
און — אַזאַ אַלטן?

עלטערער רייכער חסיד — **קום אין אַכסניא אַרײַן...** (ווילן גיין
דורך דער בית־מדרש־טיר)

הײמישער חסיד — **זיך נישט דורכצושטופּן!**
**קיין עין־הרע — אַן עולם...**

אָרעמער חסיד — **איך װעל אײַך פֿירן דורכן הויף —**
(פֿירט זיי אַרויס; **היימישער חסיד** גייט־אָפּ אין בית־המדרש
אַרײַן. פֿון לינקס, איינער נאָכן צווייטן קומען די ישישים)

אַברהם — (קנאַקנדיק די פֿינגער, שטאַרקט זיך קעגן אומעט, וואָס
וועלטיקט אים איבער, ברומט אויף זיך) **שבת! שבת!**
**עס איז פֿאָרט נאָך שבת!**
**נישט געמאַכט נאָך קיין הבֿדלה.**
(צו די נאָכקומענדיקע) **הע?**

למך — **וועט עס זײַן אַ וואָך...**

ביינישׁ — **אַ וואָך...**
**השם ישמרנו — אַ וואָך!** (צעגייען זיך איבער דער שטוב)

למך — (זיך אָפּשטעלנדיק) **ס'האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט,**
**געריסן זיך אַהער...**

ביינישׁ — מיך — **געצויגן, ווי אַ מאַגנעט...**

למך — **פֿאַלט פּונקט מײַן אײדעם אײַן**
**זיך גטן...**

ביינישׁ — **כ'קען דאָס וואַסער נישט אַריבער,**
**קיין פּראָם * און קיין שיפֿל נישט;**
**קריע ** גייט און קריע!**

אַברהם — (שטעלט זיך אָפּ, אָנגעלענט בײַם טיש, ביטער)
**זײַט איר, הייסט עס, מיך מקנא?**
(למך און ביינישׁ צעגייען זיך איבערן צימער)

---

* פּראָם, באַרזשע, פּליט, שיף אויף אַריבערפֿירן וועגענער (אויטאָמאָ־
בילן, באַנען) איבערן טייך פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער. — ** אַ גרויסע
אייז־מאַסע.

למך — (זיך אָפּשטעלנדיק פֿאַר אַברהמען)
אָבער וואָס איז דאָס געשען אַזוינס?

ביינִיש — (נ׳כקומענדיק) וואָס האָט זיך דאָ געטאָן אַזוינס?
וואָס?

למך — רייד אַ וואָרט!

ביינִיש — ציסט דאָך די נשמה אַרויס!

אַברהם — וואָס? גאָר נישט!
ממש גאָר נישט...
זעענישן געזען...
פֿון זעענישן כסדר גערעדט...

למך — האָט מען עפּעס פֿאַרשטאַנען?

אַברהם — מרימל...

למך און ביינִיש — מרימל... מרימל...

למך — זי האָט פֿאַרשטאַנען...

ביינִיש — געוויס...

אַברהם — ס׳האַרץ, זאָגט זי, פּילט...

(עס זיַינען אַריַין אַלטע חסידים; שטיל, איינער נאָכן צווייטן. שטעלט זיך אָפּ, דערזעענדיק די ישישים, מיט דרך־ארץ און עטוואָס פּחד, נישט וויַיט פֿון טיר; איי״ניקע זעצן זיך וואַקלדיק און פֿאַרנעמען נישט דאָס גאַנצע געזעס)

ערשטער אַלטער חסיד — (ראַפּאָרטירנדיק) סוחרים ווילן אַהיים, פֿאָרכטן זיך... (זעצט זיך, פֿון די ישישים נישט געמערקט)

צווייטער אַלטער חסיד — אַן אישה אין עזרת־נשים חלשט...

דריטער — מען קען זי נישט דערמינטערן...
און ס׳בית־מדרש אין חושך מורמלט...

צווייטער — גלייַך אַ וואַסער רוישט...

ערשטער — גלייַך אַ וואַלד... (בלייַבן שטיל; דער ישיש הייבט־אָן ריידן)

אַברהם — (ווי פֿון חלום אַרויס) דרעמלט אײַן...
פֿון חלשות דרעמלט ער אײַן
און ציטערט אויף...
עפֿנט די אויגן גרויס...
פֿול שרעק — די אויגן.
„אַ רויטע וועלט", זאָגט ער
„אַ רויטע וועלט"...
און ציטערט...
מרימל שטייט דערבײַ...
מקורבים און זקנים — מרימל...
מרימלס נאָמען דערמאָנט...
אַברהם — זאָגט זי אונדז:
בלוט וועט זיך גיסן,
ייִדיש בלוט, ווי וואַסער...
אַ חסיד — (אַרײַנקומענדיק) רעדלעך שטייען זיי אין מאַרק...
מ'שרעקט זיך, מע סודעט זיך...
אין אַרום — אַ חושך...
מ'עפֿנט נישט קיין קלייט,
מע צינדט נישט אָן קיין ליכט... (האַקט־אָפּ, באַמערקנדיק ישישים)
אַברהם — און דרימלט אײַן...
און ציטערט ווידער אויף...
עס ציטערט די ווײַסע באָרד,
עס ציטערט דער קאָפּ...
„פֿלעמלעך", זאָגט ער,
„פֿלעמלעך פֿליִען אין אַויר * אַרום". (לאָזט־אַראָפּ דעם קאָפּ אויף די פּלאַבע הענט)

---

* לופּט, חלל. „דער אַוויר פֿון דער וועלט איז פֿול מיט די נשמות פֿון די מענטשן וואָס קענען נאָך ניט קומען צו זייער רו" (קב הישר).

אַברהם — זאָגט מרימל...
שטימען איבערן צימער — מרימל און מרימל...
אַברהם — מיטן רויך
וועלן שטעט און שטעטלעך גיין...
אָרעמער חסיד — (צוריקגעקומען פֿון הויז),
שלאָגט זיך אַ געוויין אַ מאַרק...
אַ יולדת...
ווייען שוין דעם דריטן טאָג...
אַוועקגעפֿאַלן אויף אַסכּרה *
אַ ילד...
רחמנא ליצלן! (אָפּ אין בית־המדרש אַרײַן)
שטימען אין צימער — וואָס וועט זײַן?
וואָס וועט זײַן דער סוף!
אַברהם — און אַ וואַלד געזען...
אַן אין־סוף אַ וואַלד...
בוים בײַ בוים שטייען זיי...
מיט קרוינען זיך פֿאַרפּלאָנטערט...
צוזאַמענגעפּלאָכטענע צווײַגן...
און שטעקן די נאַקעטע וואָרצלען קאָפּויער...
ענג איז זיי...
קומט אַ מאָל אויף אַ בוים די צײַט:
ח י י ב  מ י ת ה  ווערט אַ בוים...
פֿון דער ערד אַרויסגעריסן ווערט ער,
אָבער פֿאַלן קען ער נישט...
ר׳האָט נישט וווּ, דער בוים;
ה ע נ ג ע ן  בלײַבט דער בר־מינן...
למך — מויל און אויערן...
ביינ׳ש — האָר און נעגל...

---

* (ברכות ח׳) שווערע האַלדזקרענק, Diptheritis

היימישער חסיד — (פֿון הויזטיר קומענדיק) **דער הויף איז פֿול...**
**אַ געמורמל, אַ געווימל...**
**און — אַ פּחד...**

אַברהם — **און אײַנטן, אַרום די שטאָמען,**
**לויפֿן סודות נוראים אַרום...**
**ווי די חיות,**
**ווי די חיות רעות...**
**ברענענדיקע הונגער־אויגן...**
**לויפֿן, רײַסן,**
**יאָגן זיך פֿון וואַלד אַרויס...** (פּויזע)
**זאָגט מרימל דערויף:**
**גזירות רעות...**
**קרענק און אונטערגענג...**

שטימען אין צימער — **וואָס די ייִדן ריידן...**
**וואָס פֿון מויל זיי ברענגען...**
**אַל תּפֿתּח...**
**אַל תּפֿתּח פּה לשׂטן...**

למך — **קרענק און אונטערגענג —**

בײַניש — **און גזירות רעות...**

מקורב — **האַלטן פּריצים דאָך אַ סיים*...**

אַ זקן — **טראַכטן זיי פֿון אונדז...**

צווייטער — **קרענק און אונטערגענג...**
**רבונו של עולם...**

דריטער — **און ע ר לאָזט נישט צו...**
**שיקט צום דאָקטער אַפּ...**

צווייטער זקן — **צום יונגן דאָקטער אַפּ...**

היימישער חסיד — **און דער דאָקטער...**

---

* **אַ צוזאַמענפֿאָר, פּאַרלאַמענט (אין פּוילן).**

מקורב — מיר ווייסן... מיר ווייסן.
ברענגט נישט פֿאַרן מויל...
היימישער חסיד — ער פֿירט דאָך איבער!
זקן — ימח שמו... (האַקט־אָפּ)
אַברהם — און אויבן, — אין דער הייך,
צווישן די פֿאַרוויקלטע צווײַגן,
וווּ טויט און לעבן אויסגעמישט...
נעסטן פֿייגל שווערע...
שווערע — זאָגט ער — פֿייגל...
גרויסע... און זיי היפּען *,
און — שפּרינגען־איבער
פֿון צווײַג צו צוויג,
פֿון בוים צו בוים
און לאַכן...
און שפּעטן...
מקורב — יאָ... אַ חבֿרה געמאַכט.
דער דאָקטער...
לערנט זיי לאַכן,
לערנט זיי שפּעטן...
היימישער חסיד — קיין ניסים...
קיין תּפֿילות העלפֿן...
אַלץ טבֿע און טבֿע...
און דער רבי שווײַגט...
צווייטער חסיד — (פֿון בית־המדרש מיט צאָרן און שרעק)
בײַם אָרון הקודש
אין פּרוכת אַרײַן,
מיטן קאָפּ אַרײַנגערוקט.

---

* היפּערן, אויסמײַדן (מיטן אַריבערשפּרינגען).

מיטן שוואַרצן,
שטייט פּנחסל...
דריטער — (נאָכגעקומען, פול חשד) און ישׂראל
שטייט בײַ אים...
רוימט אין אויער,
רעדט אים אָן... צו עפּעס בייז...
ענטפערט פּנחס אין דער שטיל,
כאַפּט ער אויף,
לויפט און רוימט
געוויסע לײַט סודות אײַן...
לויפט ווײַטער און שנאַפּט
דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ וואָרט,
לויפט צו פּנחסן, פאַרציילט...
אַברהם — יע... יע... ז'לאַכן...
און מרימל הערט און פאַרטײַטשט:
ללעג ולקלס * —
זאָגט זי — וועט מען זײַן...
משה — (פון הויזטיר, קרענקלעך צעשראָקן, מיט אַ ספרל אין האַנט)
זאָגט ר' בבֿא...
ערשטער מקורב — (מיט רוגזה, אויפן בית־המדרש אָנווײַזנדיק)
וואָס טוט זיך דאָרט?
וואָס האָט דײַן טאַטע פּנחסל
מיט ישׂראלן
פאַר אַ סודות?
משה — (רעטערירנדיק ** צום פענצטער) כ'ווייס נישט...
פון וואַנען זאָל איך וויסן?
בנאמנות, איך הייב נישט אָן צו וויסן...

---

* (תהילים ע"ט. ד') צו געלעכטער און צו שפּאָט פאַר אונדזערע אַרומיקע.
** וועגנדיק זיך.

אַברהם — אַזוי... אַזוי...

ללעג ולקלס וועט מען זײַן...

משה — (צו די ישישים) לאָזט געמאַך...

אַלטע ייִדן, לאָזט געמאַך!

ווייניק מרה־שחורה נאָך?

מען זינקט דאָך אין מרה־שחורה אײַן...

אין עצבֿות ווייקט מען דאָך...

זקן — אַז מען גייט־אַרום ווי בלינדע שאָף...

צווייטער — אַז דער פּאַסטעך ווײַזט זיך נישט...

חסיד — (קומט־אַרײַן, פֿאַרמאַכט הינטער זיך נישט די טיר)

זיצט הינטערן אָרון קודש

און שווײַגט...

עס ציטערט די ווײַסע באָרד...

עס ציטערט דער [illegible] אין גאַנצן... (פֿון בית־המדרש דער־הערט זיך, עמעץ וויינט הויך)

זקן — דער ישובֿניק וויינט...

שרײַט...

צווייטער — אַז מען לאָזט אים נישט צו!

דריטער — די מיל —

אַ שכן אויסגעדונגען...

וואַלגערט זיך מיט ווײַב און קינד

אַרום אין שניי... (עמעץ פֿאַרמאַכט די בית־המדרש־טיר. אין דער מינוט דערהערט זיך אַ געווין פֿון דער ווײַבערשער שול)

שטימען אין צימער — (פֿאַרוווּנדערט, צעשראָקן)

— נשים רײַסן־אײַן די שול...

— פֿאַרן ילד...

— פֿאַר דער יולדת...

— נישט געקענט דערוואַרטן זיך...

אַברהם — (האָט דערהערט, שטעלט זיך ראָש אויף מיט אַן אויס־

געשטרעקטער האַנט) **חילול שבת!**

**פֿאַר הבֿדלה!**

(היימישער חסיד לויפֿט־אַרויס אין עזרת־נשים אַרײַן, ווו עס ווערט שטיל און שטילער. אַבֿרהם בלײַבט שוין אַזוי שטיין ביז ענדע אַקט, ווי פֿאַרגליווערט)

מרימל — העלבלוי געקליידט. נאַכטוואַנדלערישע טריט. קומט פֿון הויזטיר. צום פֿענצטער גייענדיק, מיט אַ באַנג־שוואַכער שטים) **פֿאַר וואָס מאַכט מען קיין הבֿדלה נישט?**

(דער עולם שווײַגט. ישישים לאָזן־אַראָפּ די קעפּ. עלטערע חסידים און מקורבֿים רוקן זיך אָפּ מיט שרעקיקן דרך־ארץ. חסידים ווילן אַרויסגיין פֿאַר דער „אישה״, איינער לייגט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע, בלײַבט דאָך שטיין)

משה — **וואָס מאַכן, די קינדערלעך, מרימלין?...**

מרים — (זעצט זיך צום פֿענצטער צו) **אײַנגעשלאָפֿן...**

**קינדער ווייסן נישט...**

**קינדער פֿילן נישט...**

**שפּילענדיק אויף דער דיל***

**אײַנגעשלאָפֿן...**

**די הענטלעך צוזאַמענגעפֿלאָכטן...**

**כ׳האָב אונטער די קעפּלעך**

**זיי קישעלעך געלייגט,**

**שמייכלען זיי אין דרימל**

**און רויטלען זיך...**

שרעקלעך שמייכלען קינדער... (פּויזע. פֿאַרקוקט אין פֿענצ־טער אַרײַן) **עס טריבט זיך דער שניי...**

**ווינטיק...ביימלעך וויגן זיך,**

**צווײַגלעך פֿאַרשנייטע ציטערן,**

**ווי פֿון שרעק געטרייסלט...**

---

* פאָדלאָגע.

**און טריב און טריבער ווערט דער הימל...**
**פֿון מערבֿ־זײַט אַ וואָלקן ציט...**
**און גייט... גייט אויף אונדזער הויז...**
**קינדער וויסן ,נישט...**
**קינדער פֿילן נישט...** (אין צימער אַריין, עטוואָס העכער ווי פֿר:ער) **פֿאַר וואָס מאַכט מען קיין הבֿדלה נישט?**
(די בית־המדרש־טיר עפֿנט זיך; אַ נײַער און שטאַרקער גערויש)

משה — (אויפֿגעשטאַנען) **אַ פּחד באַפֿאַלט...**
**ווי דער עולם רוישט...**

מרים — **דער עולם...**
**די אויסגעדאַרטע פּנימער**
**די אויגן, די אויסגעהונגערטע...**

שטימען אין צימער — **דער רבי!**
**דער רבי זאָל לעבן!**
**דער רבי!**

שלמה — (אַ זייער הויכער, גרויער, בלאַסער ייִד, אויסער דער שוואַרצער, שפּיציקער יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, — פּונקט־ווײַס געקליידט; אַן אומגעוויינלעך הויכער שטערן, אומגעוויינלעך גרויס געעפֿנטע אויגן; מיט אַ קינדיש־נאַיוון שמייכל איבערן אײַנגעשרומפּענעם, פֿון צער פֿאַרגליווערטן פּנים. **ישׂראל**, וועלכער האָט פֿאַר אים די טיר געעפֿנט, **פּנחס** און הינטער זיי דער **עולם** האַלט זיך אָפּ בײַ דער טיר. **שלמה**, אַרײַנגייענדיק אין מיטן צימער אַרײַן, ווען אַלע שטעלן זיך אויף, קוקט זיך אום און ווענדט זיך צו דער בית־המדרש־טיר) **אומזיסט אַלע רייד,**
**אַלע געבעטן אומזיסט...** (פּעסט)
**איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!**

ישׂראל — (עטוואָס אַריין) **רבי, דער עולם פֿאַרלאַנגט...**

אַנדערע — (פֿון בית־המדרש און אין צימער) — **דער עולם בעט!**

— **דער עולם פֿאַלט אויפֿן פּנים פֿאַר שרעק...**
— **האָט רחמנות!**
— **האָט רחמנות, רבי, אויפֿן עולם...**

שלמה — (ווענדט זיך צום רעשט־אונטער אַ פּאַטערשטול, אַן אַנלען מיט איין האַנט אַנשפּאַרנדיק) **עולם...**
**דער עולם...**
**צוויי... דריי... פֿיר...**
**פֿינף מנינים קליינע...**
**קליינע, קליינע ייִדעלעך...**
**אויסגעמאָגערטע**
**אײַנגעשרומפּטע**
**ייִדעלעך...**
**אײַנגעהויקערטע קומען,**
**קלאַפּן בײַם צדיק אָן...** (טאָן־ענדערונג: צער)
**געפֿרוירענע נשמהלעך...**
**הערצעלעך...**
**צום נר תּמיד קומען זיי,**
**שטעלן־אויס די הענטלעך;**
אַ פֿונק! אַ פֿונק!
אַ נדבֿהלע,
אַ מופֿתל...
אַ נס, אַ ווונק פֿון יענער זײַט...
און יעדער וויל פֿאַר זיך,
פֿאַר זיך,
פֿאַר אייגן ווײַב און קינד,
פֿאַר אייגן הויזגעזינד... (פּויזע)
און דאָ, צווישן טויט און לעבן,
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַרײַן,
אַ וועלט! (אַ פּויזע)

מרים — (אין דער שטילקייט; צום פענצטער פאַרקוקט)
עס ציט זיך, ציט דער וואָלקן שוואַרץ...
גלייך אַ שוואַרצער פויגל שפּרייט
זיינע שוואַרצע פליגל אויס...
שלמה — אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
אין שוואַרצן איינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט —
די שכינה ברומט.
און וויינט, טרויערט,
און ס'צאַפּלט,
אין אייגענעם בלוט פאַרטרונקען,
ס'האַרץ פון דער וועלט! (זיך אויסגלייכנדיק מיט אויסגע־
שטרעקטער האַנט)
אויסגעלייזט פון פיין און שרעק
מוז ווערן —
די וועלט! (טאָן־ענדערונג)
איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!
מרים — צאַרניק ברוינט דער וואָלקן זיך...
אַ צאַרניק־ברוינער הימל קוקט־אַראָפּ,
און זיי שמייכלען דאָרט —
קינדער זעען נישט!
שלמה — (ביטער) ברוגזט זיך דער הימל!
פאַר וואָס מאַכט ער, שלמהלע,
קיין הבֿדלה נישט!
אָנגעפלויגן זיינען זיך
נשמהלעך,
צוריקגערופֿענע פקדונותלעך...
צי האָבן זיך די טייבעלעך
אין דער נידער נישט באַפלעקט?
צי פעלט נישט וועם אַ פליגעלע?

**פון 1טן אַקט** די גאָלדענע קייט, **אין בועַנאָס־אײַרעסער** טעס **(טעאַטער־סעמינאַר) אין 1960**



**ר׳ שלמה —** אויסגעלייזט פון פּײַן און שרעק מוז ווערן די וועלט!

נישט אויסגעצופּט אַ פעדערל? —
באַקוקן מוז מען זיי!
און צו משפטן גרייט
שטייט דאָס בית־דין של מעלה...
אין עטרות גאָלדענע,
קרוינען ריין־בריליאַנטענע,
און זיי ווילן זעצן זיך
משפטן און פסקענען... (באַרעמהאַרציק)
און די נשמהלעך — —
פלאַטערן...
ס'ציטערן די פקדונותלעך...
מאימת יום הדין!
מאימת יום הדין! (טאָן־ענדערונג)
ציטערט נישט,
פלאַטערט נישט!
שלמה מאַכט קיין הבדלה נישט...
מען וועט נישט משפטן! (דערשראָקענע. פויזע. עס דער־
הערט זיך ווינט)

מרים — ווינטן בלאָזן,
יאָגן זיך, טרײַבן...
אַרום הויז, אַרום הויז...
ווי זיי פײַפן, ווי זיי וואָיען...

שלמה — כעסט זיך, הייסט עס, ס'גיהנום,
שיקט זײַנע שליחים אַרויס!
שוואַרצע פייגל פלאַטערן אַרום אין ווינט.
דער שוואַרצער הונט אויף דער קייט
וואַרפט זיך דאָרט!
שבת קודש איז אַריבער,
דער סמבטיון שלאָגט,
און שלמה האָט זיך אײַנגעשפּאַרט,

הבדלה מאַכן — ווייל ער נישט.
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאָכן ז"י,
זידן זיי...
רויכיקע פלאַמען הייבן זיך, וויקלען זיך,
פּעטש, ברענענדיקע כמאַרעס...
„קומט צוריק, רשעים!
אויף שרעק און פּיַין,
אויף יסורים רעים,
אויף ענוים קשים...
פאַר וואָס קומט איר נישט צוריק?"
און די אָרעמע נשמהלעך,
די פאַרפלעקטע, די פאַרזינדיקטע —
אַז שבת קודש לעשט זיך אויס,
ווייסן זיי
און ציטערן...
און טשעפּען זיך,
און כאַפּן זיך
מיט די שוואַרצע פליגעלעך,
מיט אויסגעפּוצטע פעדערלעך
צו די נעפּעלעך,
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּלדיקע הערצעלעך
צו די וואָלקנדלעך,
און ציטערן...
ציטערן! (טאָן־ענדערונג)
ציטערט נישט!
צאַפּלט נישט...
פליט אַיַך פראַנק און פריַי אַרום —
וווּ איר ווילט,

ווי אַ ווינטל טראָגט —
איך מאַך קיין הבֿדלה נישט!

אַרומיקע — (אין שרעק) — און וואָס וועט זײַן??
— רבי, וואָס וועט זײַן?

שלמה — שבת זאָל זײַן — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת אײַן!
נישט געפּסקנט, נישט געשטראָפֿט! (פּויזע)
עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פֿאַרן כּסא הכּבֿוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס'ציגגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מצווהלע טוט אַ ייִד
און — אַן עבֿירהלע...
שטעלן קען זי זיך נישט...
נישט כּולו חייבֿ,
נישט כּולו זכּאַי —
צאַפּלט זי...
און אל רחום וחנון * קוקט;
העלפֿן קען ער נישט... (פּויזע)
און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פֿון רוים
און וואַרט.
גיין קען ער נישט...
די ווונדן היילן זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —

---

* (אַ קלאַסישע פראַזע) „אל רחום וחנון ארך אַפּים ורב חסד ואמת" ( שמות ל"ד, ו'), אַ דערבאַרעמדיקער און לײַטזעליקער גאָט, אײַנגעהאַלטן אין צאָרן, און רײַך אין גענאָד און טרײַשאַפט (יהואָש).

אוּן גיין אויסלייזן די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כּוח צו וואַרטן איז נישטאָ...
אין מרה־שחורה זינקט אַרײַן די וועלט! (אויפֿשטייענדיק, מיט קראַפֿט)
אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!
(פֿון וווינונג קומען־אַרײַן **לאה** און **יונתן**, זיך האַלטנדיק בײַ די הענט; קיינער באַמערקט זיי נישט. פֿאַרוווּנדערט און עט־וואָס צעשראָקן בלײַבן זיי שטיין אין טיר)

שטילע שטימען אין צימער — ווי אַזוי, ווי אַזוי?

שלמה — (נאָך פֿעסטער) שבת זאָל זײַן!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פֿאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט...

היימישער חסיד — ח ר ו ב זאָל ווערן די וועלט?

שלמה — ח ר ו ב זאָל ווערן ד י וועלט!
און מיר —
מיר, שבתדיקע,
מיר, יום־טובֿדיקע,
מיר, נשמה־יתרהדיקע ייִדן,
וועלן איבער אירע חורבֿות גיין...

מרים — ווו אַהין?
רבי, ווו אַהין?...

שלמה — צו א י ם, צו א י ם!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין צו אים! (פּויזע. עקסטאַז)
זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(עס ווערט זייער שטיל. **שלמה** הייבט־אָן טאַנצן אַרום זיך. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס קלינגען פֿון הענגלאָמפּ. **ישישים** ווילן מאַכן אַרום רבין אַ ראָד. ווינקען צו די **זקנים** — יענע וואַקלען זיך. **ישישים** טאַנצן נישט־געשלאָסן. **יונתן** און **לאה** — מיטגעריסן רוקן־אָפּ דעם טיש און די שטולן פֿון הינטער די פֿענצטער, נעמען־אָן **די מוטער** ביַי די הענט און טאַנצן. קעגנאיבער די **ישישים** צווי האַלבע רעדער־טיילן. **משה** קוקט אויף אַלעם אַפּוועזנדיק — **חסידים** שליַיכן זיך שטיל פֿון צימער אַרויס אין בית־המדרש אַריַין. — **מרים** לאָזט־אָפּ די קינדערס הענט, כאַפּט־אויף איין עק פֿון **שלמהס** גאַרטל, טאַנצט־אַרום אים פֿאַרחלומט, עטוואָס גליק־לעך פֿאַרשעמט, צנועהדיק און פֿריילעך, ווי אַ כלה־טאַנץ. די **קינדער** נעמען זיך קעגנזיַיטיק אָן ביַי די הענט, טאַנצן באַזונדער. דער הענגלאָמפּ קלינגט וואָס אַ מאָל שטאַרקער).

לאה — **זע, זע — די מאַמע שטראַלט,**
**גליַיך די שכינה רוט אויף איר.**

יונתן — **אויפֿן עלטערזיידן קוק,**
**ווי אַ מלאך —**
**אין דער קדושה איַינגעהילט — —**

שלמה — (מערקט עס נישט, שטעלט זיך זעלבשטענדיק אָפּ)
**און אַזוי!**
**אַזוי גייען מיר,**
**זינגענדיק און טאַנצנדיק...**
**מיר, גרויסע, גרויסע ייִדן,**
**שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן,**
**די נשמות פֿלאַקערן!**
**פֿאַר אונדז וואָלקנס — שפּאַלטן זיך!**
**הימלען — פּראַלן די טויערן אויף!**
**אין ענן הכּבֿוד שווימען מיר אַריַין.**
**צום כּסא הכּבֿוד צו.**

**צום כסא הכּבֿוד!**
**אויפֿן אבֿן שיש טהור** *
**שטייען מיר!**
**און מיר בעטן נישט,**
**און מיר בעטלען נישט,**
**גרויסע שטאָלצע ייִדן זײַנען מיר —**
**זרע אַבֿרהם... יצחק... ויעקבֿ!**
**לענגער וואַרטן נישט געקאָנט!**
**שיר השירים זינגען מיר,**
**זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!**

מרים — (לאָזט־אָפּ דעם גאַרטל, לייגט זיך די הענט אונטערן קאָפּ, בייגט אים עטוואָס אַרונטער; מיט שטראַלנדיקע אויגן, קלאַרנעט־קלאָר, מיטן טראָפּ) **ישקני מנשיקות פיהו...**
**כּי טובֿים — — דודיך — — מיין** **

(פויזע. שטילער אומבאַוועגלעכער עקסטאַז)

ישראל — (עפֿנט ראָש פֿון יענער זײַט די בית־המדרש־טיר. אַ פּאַס ליכט פֿליסט־אַרײַן אָפּשײַנדיק) **גוט וואָך, ייִדן!**

שלמה — (פֿאַלט־צוריק אויף דער שטול) **נישט דערלאָזט!**

אַברהם — **ווער האָט מורד במלכות געווען?**

ישראל — **פנחס האָט הבֿדלה געמאַכט,**
(אַקצענטירנדיק) **ר׳ פנחס!**

שלמה — (זיך אויפֿהייבנדיק) מײַן זון, מײַן **שוואַרצער זון...**
(אין בית־המדרש־טיר באַווײַזט זיך פנחס, הינטער אים עולם)

ישראל — (אָפּטרעטנדיק אין אַ זײַט, שלמה זאָל זען דעם עולם)
**דער עולם האָט געבעטן!**

---

* (חגיגה י״ד) אַ מיסטישע פאַרשטעלונג מיט וואָס עס איז געבויט דער הימל־פּאַלאַץ, מיטן לויטערן מירמלשטיין. — ** (שיר השירים א׳ ב׳) דער סימבאָל פֿון אַלע מינים ליבע אין עקסטאַז: „זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פֿון זײַן מויל, ווײַל דײַן ליבשאַפֿט איז בעסער פֿון וויין״.

**דער עולם האָט פאַרלאַנגט,**
**געהייסן האָט דער עולם —**

(פויזע. שלמה גייט זייער לאַנגזאַם אָפּ צו זיך. פּנחס קומט, אין דער זעלביקער מאָס אין שטוב אַרײַן)

ישישים און עלטערע חסידים — (מורמלען)
**רב פּנחס, רב פּנחס...**

**מרים** פירט־אָפּ **שלמהן** אין זײַן צימער אַרײַן. **ישישים** מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ גייען פינצטער שווײַגנדיק נאָך. **לאה** און **יונתן** גייען, זיך בײַ די הענט האַלטנדיק, הינטער די **ישישים. יונתן** קוקט זיך אינעם גיין אום, דערזעט **פּנחסן,** רײַסט פלוצלינג אויס די האַנט פון **לאהן,** גייט־צוריק אין צימער אַרײַן. **עלטערע חסידים** שטעלן זיך בײַ בײדע זײַטן טיר און קערן זיך אום מיט די פנימער אין צימער אַרײַן. **פּנחס** גייט צום פאָטערשטול. הינטער אים **ישראל** און די אַנדערע **גבאים.** דער **עולם** הייבט זיך אָן צו באַוועגן, מיט האָפענונג און שרעק, אין צימער אַרײַן)

ישראל — (צו פּנחסן, וואָס וויגערט דעם פאָטערשטול צו פאַרנעמען)
**זעצט אײַך, רבי...**

(אַלע ציטערן־אויף. פּנחס זעצט זיך זייער לאַנגזאַם)

דבורה — (פון הויזטיר, וואָס אַרײַנגעפאַלן)
**דער יונגער דאָקטער וויל צום שווער!**

(אַלגעמיינע קאָנסטערנאַציע. פאָרהאַנג)

# צווייטער אַקט

דאָס זעלביקע צימער; נאָך מער אָפּגעלאָזט. צוגענומען — אַ שוואַרץ־צעראַטענע סאָפע; דער קרישטאָלענער הענגלייכטער — אַראָפּגענומען: אויפן צו דעם צוועק אַריינגעבראַכטן קיכטיש וואַלגערן זיך עטלעכע אַראָפּגעפאַלענע קרישטאָלן. אַראָפּגענר מען אויך די פאַרהאַנגען פון די טירן. מען נעמט אַראָפּ דעם לעצטן פאַרהאַנג פון ווענעציישן פענצטער. פון דרויסן שלאָגט אַריין ליכט פון אַ שיינעם פרילינגטאָג. — מען זעט די צעבליטע ביימלעך אין גערטל.

(משה ליגט אויף דער סאָפע. מרים, קרענקלעך און אָפּגעצערט, גייט אין צימער אַרום, קוקט מיט האַרצווייטיק און דערשלאָגענער אונטערגעבנקייט אויף די אַראָפּגענומענע זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעטראָגן לינקס דורך גבאים, מיט דער הילף פון היימישן אָרעמען חסיד, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון ישראלן. דבורה וואַרפט אויף משהן און מרימען באַרעמהאַרציקע מוטער־בליקן מיטן אויסדרוק: „וואָס קאָן איך אייך העלפן, קינדער?״. — די גבאים מיטן אָרעמען חסיד טראָגן אַלץ אַרויס דורך דער טיר לינקס; דער היימישער חסיד גייט זיי נאָך)

**דבורה** — (איס אָפּשטעלנדיק) משהל וויל אַוודאי שלאָפֿן, דאָס פֿענצטער פֿאַרהענג!

(נעמט־אַראָפּ פֿון זיך אַ שאַל, וואַרפֿט זי מיט ציטעריקע הענט אויפֿן טיש אַרויף; דער היימישער חסיד נעמט דעם שאַל, רוקט־צו דעם קיכטיש צום פֿענצטער. עס פֿאַלן דערביי, מיט אַ קלאַנג, די קרישטאָלן פֿון טיש אַראָפּ)

**מרים** — (שטעלט זיך ווײמוטיק אָפּ) די לעצטע קלאַנגען...

(קוקט זיך אום אין שטוב)

אַלץ וואָס קלאַנג איז געווען און פֿאַרב — פֿאַרשוווּנדן!

דבורה — רייד נישט, מרימל...

משה — (זיך בעטנדיק) שווײַג בעסער, מרימל, שווײַג...

(צו ישראלן) ווו איז יונתן?

ישראל — (געזאָלט אַרויסגיין און נאָר אָפּגעוואָרט דעם היימישן

חסיד) יונתן געזיכערט איז...

יונתן איז אונדזערער...

דבורה — (מיט שטילן שטאָלץ)

זיצט גאַנצע טעג און נעכט און לערנט!

ישראל — (צו דער טיר פֿון בית־המדרש מיטן בליק אַנווײַזנדיק)

צינד — בײַם רבינס רעכטער האַנט,

בײַ דעם זיידנס רעכטער האַנט,

אונטער זײַן השפּעה זיצט ער...

פֿרעג בעסער, משהל, ווו לאה איז?

(אָפּ מיטן היימישן חסיד)

משה — (אַנגסטיק) נישטאָ לאה?

יונתן — (פֿאַלט אַרײַן מיט שטאָלץ און פֿרייד פֿון בית המדרש)

מאַמע, טאַטע, באָבע!

אַ נײַער נצחון, אַ נײַער!

שליחים פֿון קהילות צום זיידן געקומען!

שלום בעטן זיי!

און ער — ווי ער קוקט אויף זיי,

מיטן בליק וואַרפֿט ער זיי אָפּ —

ער וויל קיין שלום נישט...

און דאָס זײַנען ייִדן — אַלטע

גרײַז־גרויע און חשובֿע,

מען זעט עס אין די פּנימער...

(נישט געפֿינענדיק קיין אָפּקלאַנג בײַ קיינעם, זעצט זיך

אין אַ זײַט. דאָס געזיכט פֿאַרענדערט זיך אים. פֿאַרטראַכט

זיך, פֿרעגט, נאָך אַ ווײַלע, מיט פֿאַרזאָרגטער ליבשאַפֿט)

מאַמע, ווו איז לאה?

מרים — (זעצט זיך צום פאַרהאַנגענעם פענצטער צו)
אָרעם קינד...
צוויי נשמות ראַנגלען זיך,
אומגליקלעך קינד, אין דיר.
דבורה — וואָס פאַר אַ רייד?
משה — וואָס פאַר אַ נשמות, מרימל?
יונתן — וועמעס נשמות, מאַמע?
מרים — דעם זיידנס און עלטער־זיידנס...
משה — און איך ווו בין, מרימל?
האָב איך גאָר נישט אין מײַן קינד?
מרים — פון דיר? זײַן אייגענע,
וואָס ווערט שטענדיק איבערגעוועלטיקט
פון זיידן און פון עלטערזיידן...
דאָס וואַרפט דאָס קינד און שלײַדערט...
אין עס שלאָגט זיך, ווי אַן אומרו,
צווישן ליכט און פינצטערניש...
יונתן — (ווידערשפעניק) רייד נישט פון פינצטערניש מאַמע!
ליכט איז דער זיידע, הייליק ליכט!
און גרויס און דערהויבן ווי אַ מלך!
גיי, מאַמע, זע,
ווי זיי שטייען פאַר אים,
זיי, די שליחים פון די קהילות.
דו זעסט, זיי שטייען אויף די פיס,
און דו פילסט, זיי ליגן אויסגעצויגן,
זײַנע קנעכל קושנדיק...
און הייבט ער אויף די ברעם, דער זיידע,
ציטערן זיי,
ווי אין שטורעמווינט די בלעטער...
און ער שטעלט זיך אויף
און דעם שטערן רונצלט ער,

בליצן אין אויגן,
דונערן איז דער שטים:
„פֿאַרטיליקן וועל איך אַלע...
די אַפּיקורסים און די מינים“...

דבורה — (ראַנגלט די הענט) אַזוי איז ער, אַזוי רעדט ער...

יונתן — „און אַלע, וואָס גאַרטלען זיך אונטער,
און נעמען נישט מײַן שׂררות אָן,
די רביים, נישט פֿון שטאָם,
די משיחים די פֿאַלשע,
און די רבנים, וואָס שטיצן זיי,
די דיינים און די שוחטים —
די פֿאַרשעלט איך!“

מרים — שווײַג, קינד, שווײַג,
רייד נישט נאָך קיין בייז!
שרעקלעך ווערסטו, קינד!
פֿינצטער ווערן די ליכטיקע,
די בלויע אויגן דײַנע,
דעם עלטערזיידנס זיסע, שטילע אויגן!
און דײַן פּנים ענדערט זיך,
אַ וואָלקן דײַן פּנים באַדעקט,
דײַנע ליפּן דינען זיך און ציטערן...
(יונתן פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים, לאָזט־אַראָפּ דעם קאָפּ אין די הענט; שטילע פּויזע)

משה — נאָר ער שטראָפֿט!
און אַ דן יחידי!
ער — דער שופֿט, ער — דער שוטר...
הערסט, מרימל,
נעכטן וועגן דאָקטער גערעדט —
„ער דאַרף דאָ נישט זײַן!“

יונתן — (אויפֿשפּרינגענדיק) מן הסתם, נישט!
ער פֿאַרפֿירט...
משה — אַט... האָט ישׂראל שוין
זײַנע לײַט אַ ווונק געטאָן...
דבורה — משהל, דו ביסט אַזוי שוואַך,
עס שאַדט דאָס ריידן דיר...
וואָס איז דיר?
משה — גאָר נישט, מאַמע!
ס'בלוט אין די אָדערן קילט...
מען לעבט און אָטעמט אין שרעק...
אַלץ אין עצבֿות אײַנגעהילט...
נאָר דין און — דין...
יונתן — (שטאָלץ) גילגול־פּנחס!
משה — וואָלקן, בליץ און דונער!
און די כּנסת ישׂראל
האָט הײַזעריק הילצערנע,
דעכלעך שטרויענע...
יונתן — „כּולו זכאי" וויל ער!
משה — פֿאַרשטייסט, מאַמע?
דבורה — וואָס ווייסט אַ ייִדענע?
משה — הײדאַמאַקן דורכגעגאַנגען
מיט שווערד און פֿלאַם...
קהילות חרובֿ ונחרבֿ געמאַכט,
און איבער די חורבֿות, איבערן אַש,
איבער די קעפּ פֿון נשׂרפֿים,
פֿון יתומים און אַלמנות,
איבער די שאַרעןּ * פֿאַרהונגערטע בעטלערס,
דונערט זײַן וואָרט,

---

* (אַלטייִדיש) מחנות.

שטראָפט זײַן דין...
(געבראָכענע שטים) דו ביסט נישט יוצא, מאַמע!
דבורה — (אויפגעשראָקן) איך?
משה — דו! אַן אישה, אַ ווײַב און אַ מאַמע!
דו — מידת הרחמים,
רייד מיט אים!
דבורה — כ׳קען נישט!
כ׳ציטער פֿאַר אים ווי אַ בלאַט,
ער ברעכט מיך איבער מיטן בליק...
ער רעדט צו מיר גוט;
ער וויל, און זײַן שטים
איז דער דונער — —
(וויל אַרויסגיין, נישט צו צעווייטיקן זיך פֿאַר די קינדער.
עפֿנט די טיר לינקס, באַגעגנט זיך מיט למכן און ביינישן,
לאָזט זיי דורך, קוקט זיי נאָך אַ ווײַלע דערשטוינט, — אָפּ)
משה — (איז אַראָפּ פֿון בעט) שלום עליכם.
(בלײַבט שטיין מיט, דער אויסגעשטרעקטער האַנט; ישישים
שטעלן זיך פֿאַר־מרימען מיט שולדיקע פּנימער)
למך — לענגער נישט געקאָנט...
ביניש — כצאן בלי רועה...
למך — (שטאַרקער) עס מוז זײַן אַ פּאַסטעך...
אַ פֿירער — —
מרים — (זייער שטיל) צום קבֿר...
משה — און אַבֿרהם ווו איז?
למך — צוגענומען...
ביניש — זכרונו לבֿרכה...
משה — געשטראָפֿט. (פֿײַנלעכע פּויזע)
למך — (דרינגענדיק צו בינישן)
קום, שלום נעמען!
ביניש — אין בית־המדרש איז ער (בײדע אָפּ)

מרים — אַלע גיבן זיך אונטער, אַלע!
לאה — (וואָס אַרײַנגעקומען פֿון הויפּטיר) נישט אַלע!
יונתן — (אויפֿשפּרינגענדיק, מיט אַ הייזעריק־פֿאַרשטיקטער שטים)
ווּ ביסטו געווען, לאה?
לאה — (וואָס האָט נישט דערהערט, אײַלט צום פֿענצטער צו; רײַסנ־
דיק דעם שאַל) אין דרויסן שנײַט, בליט,
אין דרויסן זינגט און קלינגט אַזוי פֿרײַ...
און דאָ, אין שאָטן אײַנגעהילטע,
אין אַ שפּינוועבס פֿאַרוויקלטע,
אין אַ פֿינצטערער נעץ פֿאַרשטריקטע,
נשמות צאַפּלען און שטיקן זיך.
(איבערמוטיק) ליכט זאָל זײַן!
(רײַסט־אויף דאָס פֿענצטער) און לופֿט!
יונתן — „לופֿט"... בײַ אים ביסטו געווען!
משה — (אויפֿגעציטערט) בײַ וועמען?
מרים — שלעכטע נבֿיאות זאָגט מיר מײַן האַרץ.
לאה — (פֿעסט, צו יונתן געווענדט) געווען!
און — האָב אים באַשטעלט!
יונתן — (גרימיק) לאה!
לאה — (סאַרקאַזם) עס וועט נישט העלפֿן דײַן צאָרן, זיידע!
ברודער־זיידע!
דער טאַטע איז קראַנק,
זע, די מאַמע...
יונתן — (אויסער זיך) און דערבײַ — געהערט!
גוטע זאַכן געהערט!
„באַטור"! רביים זײַנען שווינדלערס!
צוויי האַלבע קוילן צוזאַמענגעלייגט,
מיט קיין פֿערד נישט צו צערײַסן...
וואָס?

משה — (פֿאַרטראַכט) מרימל...
וואָס ריידן זיי?
מײַנע קינדער ריידן —
און איך פֿאַרשטיי קיין וואָרט...
דו האָסט דאָך דעם זיידן פֿאַרשטאַנען,
זיי פֿאַרשטייסטו, מרימל?

מרים — זיי זײַנען צו יונג,
איך — שוין צו אַלט...
(נאָך פּויזע) לאה האָט פֿאַר דיר דעם דאָקטער באַשטעלט!

יונתן — טאַטע!
לאָז אים נישט איבער דער טיר!
מאַמעשי!
לאָז אים נישט איבער דער שוועל!
דאָס איז אין גן־עדן די שלאַנג!

משה — (צעבראָכן) טאָכטער, מיט וועמען פּרוווסט דו זיך?
מיט וועמען ווילסטו ראַנגלען זיך?
אַ שעפּעלע קעגן אַ לייב —
אַ פֿייגעלע...

לאה — קעגן אַ שלאַנג?

יונתן — (פּלוצלינג געענדערט; שרעק און ברודער־ליבע) לאה...

לאה — וואָס, אָרעמער ברודער?

יונתן — איך האָב אַ חלום געזען...
מיר, דעם בעל־שמס אייניקל,
האָט מען אַ חלום געוויזן...
כ'וויל דיר פֿאַרציילן, לאה...

לאה — (גערירט) פֿאַרצייל...
דו פֿאַרציילסט אַזוי שיין...

יונתן — (אַזאַרט) איך בין אין הימל געווען!
(קוקט זיך אום, צו זען דעם אײַנדרוק)

משה — צו וואָס קינדער זײַנען זוכה!

לאה — (עטוואָס שטרענג) פֿאַרצייל!

מרים — (וועלנדיק פֿאַרגלעטן) פֿאַרצייל, יונתן, פֿאַרצייל...

אַז דו פֿאַרציילסט, טוט זיך
פֿון דיר, פֿון־דײַן נשמה,
דער שוואַרצער וואָלקן אָפּ,
לײַטערן זיך דײַנע בלויען אויגן אויס,
באָדט זיך דײַן מאַמעס האַרץ אין זיי,
ווי אין אַ קרישטאָלן טײַך...

יונתן — (פֿאַרציילט) אין הימל בין איך געווען...
אַלץ אַרום איז מערמלשטיין,
פֿריש געפֿאַלענער שניי —
קלאָר! אַזוי ווײַס, אַזוי העל אַרום,
אַזוי הייליק — —

(פּלוצעמדיקע ענדערונג) לאַכסט נאָך נישט, לאה?

לאה — ניין!

דײַנע חלומות האָב איך ליב...
פּערל זײַנען דײַנע חלומות,
פּערל שיטן זיך פֿון מויל...
און איך, אָרעמע,
איך, דײַן אָרעמע שוועסטער,
בעטל פֿאַר זיי!

משה — וואָס פֿאַר אַ לשון? (קיינער הערט אים נישט)

יונתן — און אַזוינע שטילע,
שטילע, זילבער־ווײַסע נעפּעלעך,
מיט גאָלד און פּורפּור געזוימט,
ציִען זיך, שווימען, וויקלען זיך אַרום,
הויך, הויך... איבער מײַן קאָפּ...
איך רײַס צו זיי די אויגן אַרויף...
מיט בענקעניש, מיט האַרציקער פֿרייד...
און אין די נעפּעלעך ציטערן,

שימערירן, בליצן און לעשן זיך באַהאַלטענע,
פֿליִענדיק אויף און אַפּ און אַרום —
שטערנדלעך,
גאָלדענע, קליינע, פֿינקלדיקע שטערנדלעך...
לאה — (כאַפּט־אָן די מוטער ביַי דער האַנט)
זײַנע אויגן זע, מאַמע!
טויבן, ריינע טויבן!
יונתן — (פֿאַרבליִפֿט) טויבן, זאָגסטו? טויבן!
(פֿאַרדעכטיק) פֿון וואַנען ווייסטו, לאה?
(ענדערונג) אמת, טויבן געווען!
זילבער־ווײַסע טויבן...
און די שטערנדלעך —
זײַנען זייערע אייגעלעך געווען...
לאה — וואָס באַטײַט?
יונתן — (נישט געהערט) ליַיכטזעליק־זיסע טויבן,
טיקען זיך און באָדן זיך
אין די זילבערנע נעפּעלעך.
און דערזעען מיך,
און גיבן זיך אַ לאָז צו מיר...
און שוועבן, און פֿליִען, פֿליִען,
נידעריקער, נידעריקער,
צו מײַן קאָפּ צו!
און אַרום, אַרום מײַן קאָפּ!
רירן זיך אָן בײַ מיר,
פֿליִענדיק,
מיט די שנאָבעלעך, מיט די פֿליגעלעך,
אָן די קליידער,
גלעטן די באַקן מיר, ליבלעך אַזוי,
מיט די ווײַסע פֿליגעלעך...
קושן אין די ליפּן מיך

מיט די שנעבעלעך...
און רוימען מיר אין אויער אַריַין,
אַזוי האַרציק בעטנדיק — — —

משה, מרים, לאה — וואָס? וואָס?

יונתן — „גלייבו!", „גלייבו!", „גלייבו!"

לאה — (פֿאַרדעכטיקט) וועמען?

יונתן — אַלע גוטע, פֿרומע לײַט,
אַלע אין דער גאָלדענער קייט...

לאה, מרים — וואָס פֿאַר אַ קייט?

יונתן — (דערויף נישט אַכטנדיק) און פּלוצלינג — — —
(די אויגן פֿינצטערן זיך, דאָס געזיכט — ברוינט זיך; אָטעמט שווער)

לאה — צוריק זיידע!

יונתן — (בײַ, אַנטשלאָסן) פּלוצלינג — טריט!
טריט דערהער איך!
צוויי קומען אָן, צוויי!
(פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט)
כ׳וויל נישט זאָגן, ווער.

לאה — (געביטנדיק) זאָג!

יונתן — (דעקט־אָפּ אַ טייל געזיכט) דו און — ער!

מרים — ווער?

משה — וואָס פֿאַר אַן „ער"?...

יונתן — (צו לאהן גשוונדט) ער — אַ מענטש פֿון אײַז!
אויגן פֿון שטאָל!
בליקן פֿון שאַרפֿע מעסערס!
און אַ מעסער אין דער האַנט...
און דיר דערלאַנגט ער עס!
(צוריק דאָס פּנים פֿאַרשטעלט, טיף־וויטיקדיק)
און זאָגט דיר: שנײַד!
און דו, שלעכטע שוועסטער, פֿאָלגסט,

פֿאָכסט־אַרום מיטן מעסער!
איבערן קאָפּ פֿאָכסטו מיטן מעסער,
אַרויף נישט קוקנדיק;
וואַרפֿסט נאָר מיט די הענט אַרום...
און דאָס מעסער לויפֿט־אַרום און בליצט...
(כאַפּט זיך אָן מיט די הענט בײַם קאָפּ) און די טויבן,
וואָס פֿליִען אויפֿן מעסער אָן,
פֿאַלן!
געקוילעטע,
געשאָכטענע פֿאַלן זיי...
אויפֿן ווײַסן מערמלשטיין
פֿאַלן זיי און בלוטיקן,
און צאַפּלען גוססנדיק,
און פֿאַרגייען אינעם בלוט,
און פֿאַרגייענדיק אין בלוט,
צו מיר קוקן זיי, ברומען זיי:
„גלייב, גלייב, גלייב!"
און די אייגעלעך שליסן זיך —
בערגמאַן — (עטוואָס פֿריִער פֿון לינקס אַרײַנגעקומען)
דעקלאַמירסט, יונתן!
יונתן — (אויסער זיך, אין שרעק) זיידע!
זיידע! קום־אַרײַן...
(פּויזע. פּנחס באַווײַזט זיך אין טיר פֿון בית־המדרש, קערט
זיך נאָך אום צו די פֿרעמדע ייִדן, וואָס גייען אים נאָך)
אומזיסט!
מיט שרעק זײַט איר געקומען,
מיט שרעק וועט איר גיין...
מיט שרעק איז געפֿלאַסטערט אײַער וועג...
מאַכן עטלעכע שריט אין צימער אַרײַן, עטלעכע פֿרעמדע
קומען־נאָך, אַנדערע בלײַבן אין טיר)

פרעמדער חסיד — **איר מאַכט חרוב אַ וועלט!**

פּנחס — (וואָס האָט נאָך קיינעם קיין צייט נישט געהאַט צו באַ־
מערקן, קערט זיך ווידער אום צו זיי) **כולו זכאַי מוז זײַן!**

**„איך לײַטער די וועלט, ווי זילבער**
**מיטן פײַער" — זאָגט גאָט!**
**ווינטן שיקט ער אַרויס,**
**וואָס טרייסלען־אָפּ פון איר**
**די זינד!**
**„שירת דודי לכרמו" —**
**זײַן ווײַנגאָרטן, פון זײַן האַנט געפּלאַנצט,**
**זײַנען מיר —**
**און דער שטורעם זינגט:**
**דערנער אויסגעריסן,**
**און פאַרטיליקט דאָס ווילדע גראָז!**

פרעמדער — **אָבער, רבי — —**
**דאָס האַלט נישט אויס דער עולם;**
**דער ציבור האַלט עס נישט אויס!**

פון 2טן אַקט די גאָלדענע קייט, אין טעס



ר׳ פּנחס -- און ווען אַ ריינער מנין בלייבט... און ווען נאָר איינער!

פנחס — (סאַרקאַזם) עולם... ציבור!
ווער דאַרף אַן עולם!
ווער דאַרף דעם ציבור!
און ווען אַ ריינער מנין בלײַבט,
און ווען נאָר איינער!
אַ געטרײַער וואַסער־טרעגער!
מיטן שטריק אַרום די לענדן,
און מיט אַלע זײַנע גרײַזן זאָל ער
תּהילים שרײַען!
וועט שוין זײַן אַ פֿרייד אין הימל,
אין גיהנום — אַ מהומה...
ווען אַ דאַך־באַשלעגער בלײַבט!
צום הימל שלײַדערן
מיט כּוח „שמע ישׂראל!" —
זאָל איין ייִד!
און ווען אַ קרעציקער!
מיט דער נשמה פּאַכט ער
און מיטן לעצטן אָטעם רופֿט ער
גאָטס נאָמען;
באַנײַט און אויסגעלייזט
ווערט די וועלט
און דאָס גיהנום — פֿאַלט...
איין גאָט
און איין ייִד זאָל זײַן,
נאָר מיט מסירת־נפֿש,
מיט קידוש השם...
און איר עולם — גייט!
(ווענדט זיך אָפּ מיט אָפּשײַ, דערזעט בערגמאַנען, ווערט
צעטומלט, צעשראָקן, כאַפּט זיך אָן בײַ דער שטול)
דו... דו ביסט דאָ...

בערגמאַן — (קאַלט) ד״ר בערגמאַן, צו דינסט!

פנחס — ניין... (זעצט זיך אַנמאַכטיק)
דו ביסט אונטערגעשיקט
פֿון אונטן...
אונטערגעשיקט פֿון יענע לײַט...
פֿון די שוואַרצע — — —

לאה — ניין!
אַ ווײַסער איז ער!
עס איז מײַן חתן, זיידע!
(פּנחס קוקט אויף איר אַפּוועזנדיק)

יונתן — (פֿאַלט צו אים צו) שטראָף זי נישט, זיידע!
מיטן בליק נישט פֿאַרברענען
אַ כּישופֿמאַכער איז ער;
זי איז נעץ אַרײַנגעצויגן...

פנחס — (אַרונטערפֿאַלנדיק מיטן קאָפּ אויף דעם אַלטן, געבראָכן)
כּרמי שלי לא נטרתי...
געריייניקט אַ וועלט
און אין מײַן הויז פֿאַרגעסן...
גאָט, גאָט אין הימל!
איך האָב דײַנע מלחמות געפֿירט
אויף דער ברייטער וועלט
דײַן גאָרטן אויסגעשטייניקט,
דערנער אויסגעריסן...
און ס״מ *... און דער ווער־וואָלף **
האָט זיך צו מיר,
שטיל, אונטער מײַנע אַקסל,
אַרײַנגעשליכן;

---

* (סוטה י׳) אַ פֿאַרקירצונג פֿון סמאל, שׂטן, מלאך־המות (קבלה). — ** דער סימבאָל פֿון אַפּנאַרער, רמאַי, וואָס פֿאַרצוקט, פֿרעסט־אויף.

און דאָס קלאָרסטע,
און דאָס ריינסטע,
דאָס ווײַסטע שעפּעלע פֿאַרצוקט...
ווערסט דו שווײַגן, גאָט?
דײַנע ווונדער נישט באַווײַזן?
מיר נישט העלפֿן אין דער נויט?

(לאַנגע פּויזע. עס דערהערן זיך שלײַכנדיקע טריט — עס קומען פֿון בית־המדרש למך און ביניש — די פֿרעמדע מאַכן זיי אַ וואַרע און לאָזן־דורך מיט גרויס־דרך־ארץ. זיי גייען צום רבין צו. אין דער זעלביקער צײַט מערט זיך, לויטן גערודער וואָס קומט פֿון דאָרט, דער עולם אין בית־המדרש. עס ווײַזן זיך אויך מענטשן, און זייער צאָל פֿאַרגרעסערט זיך אין הויף. פֿון טיר, לינקס, קומען־אָן עטוואָס שפּעטער דבורה און נאָך איר ישׂראל)

למך — (צו פּנחסן צוגעקומען) רבי... (קײַכט)

ביניש — רבי... אַ בשׂורה... (פֿאַרקײַכט זיך)

למך — נישט קיין גוטע...

דבורה — (אַרײַנגעקומען) די שטאָט ברענט!

ישׂראל — (באַלד נאָך דבֿורהן) דער דאָקטער ברענט!

משה — (צונויפֿגעפֿאַלן) נאָך אַ שטראָף!

יונתן — (טראַציק) אַ נס!

דבורה — אַ מופֿת נאָך אַ מופֿת!

(די ישישים קוקן זיך איבער, עולם אומרויִק)

פּנחס — איך דאַנק דיר, גאָט אין הימל!
אָנגענומען זיך מײַן קריוודע!

בערגמאַן — (שנײַדנדיק) איך בין אַסעקורירט, רבי.

לאה — (צו ישׂראל) און דו, ווײַז די הענט!
מוזסט האָבן שוואַרצע הענט, ישׂראל!
ווײַז די הענט!

(ישׂראל רוקט זיך אָפּ צעשראָקן, אין פֿענצטער באַווײַזט זיך

אַן אַפּגלאַנץ פֿון בראַנד. אין גאָרטן אַרײַן לויפֿט־אַן אַ גרוי־
סער עולם, איילן צום פֿענצטער, רײַסן עס אויף — מען
שפּאַרט פֿון בית־המדרש צו דער טיר)

שטימען — רבי, עס ברענט!
— עס גייט די שטאָט מיטן רויך!
— דער ווינט שלײַדערט די פֿלאַמען
פֿון דאַך צו דאַך!
— העלפֿט, רבי, העלפֿט!

בערגמאַן — דאָס קען ער גישט!

ישראל — (צופֿאַלנדיק, נאָך אים אַנדערע) אַפּיקורס, עוכר ישׂראל!
(צום עולם) אַליין אונטערגעצונדן!
ר׳איז אַסעקורירט!

עולם — אַ! (פֿאַלט־צו צו בערגמאַנען)

לאה — (צום עולם) האַלט! (זיי שטעלן זיך אָפּ)
דורכגעלאָזט!
(עס געשעט: זי גייט־צו, נעמט־אָן בערגמאַנען בײַ דער האַנט)
קום, חתן מײַנער!
קום, דו מענטש פֿון ליכט,
פֿון דער פֿינצטערניש אַוועק,
פֿון דער שלאַנגען־נעסט...
אַדיע, מאַמע!
טאַטע, זײַ געזונט...
געדענק אין אונדז, יונתן...
מיר גייען פֿון דאַנען!...
(אַז דער עולם וויל זיי צוריק אַרומשליסן) אַוועק!
אַ וואָרע געמאַכט!
לאָזט־דורך, רוחות פֿינצטערע,
מענטשן ריינע, קלאָרע,
וואָס גייען צום ליכט!

(עס געשעט. לאה, בערגמאַן — אָפּ. פּנחס — פֿאַלט פֿון שטול אַראָפּ)

## דריטער אַקט

דאָס זעלביקע צימער, אויף אַ קליין בית־המדרשל איבער־געמאַכט. אַן אָרון־קודש און דערביי אַן אָפן שענק, מיט טליתים און שופרות. אונטער אַ מעשענעם הענגלייכטער — אַן איינפאַכער טיש מיט צעוואָרפן שרייבגעצייג און „קוויטלעך". דערביי — אַ פּאַטערשטול. ביי די זייטן אָפּגעלאָזטע מעבלשטיק פון ערשטן אַקט. אַ טריבער נאָכמיטאָג, וואָס לייטערט זיך.

(מרים זיצט אײנע אַליין אין צימער, מיט אַ סידור אין האַנט, נאָר זי דאַוונט נישט; פון בית־המדרש דורך דער פאַרמאַכטער טיר הערט זיך געררויש פון אַ גרויסן עולם; זי מערקט נישט דערויף, זיצט, אין זיך פאַרטיפט, מיט אַ פאַרגליווערטן טרויער אויפן פּנים. פון הויפגערטל קומען־אַרויף חסידים מיט טליתים און תפילין־זעק, באַמערקן מרים'ען און גייען שטיל איבער צום בית־המדרש. צווישן אַנדערע — דער יונגער רייכער און היימישער, און אָרעמער חסיד, וואָס גייען אים נאָך)

יינגערער רײַכער חסיד — (שטעלט זיך אָפּ אין פאַרבײַגיין)
רביצין —
(אַז מרים ציטערט־אויף) גוט מאָרגן אײַך, רביצין.
כ'קען אײַך אָפּגעבן פון אײַער אײדעם אַ גרוס...
(מרים לײַכט־אויף) איך בין אין גובערניע געווען...

מרים — (זיך אויפשטעלנדיק) ביי מײַן טאַכטער...

יונגער רײַכער חסיד — בײַ אײַער אײדעם...
ער האָט מיר מײנס אַ ברודער באַפרײַט...
געװנג געקאָסט...
רײַך װערט ער...

מרים — און מײַן טאָכטער?

יונגער רייכער חסיד — האָב איך נישט געזען...
נישט אין גאַנצן... (דערמאָנט זיך עפּעס, האַקט־אָפּ צעמישט)
האָט נישט קיין פֿאַראיבל, רביצין...
(אָפּ. היימישער און אָרעמער חסיד ווילן נאָכגיין)

מרים — וואַרט...
איר קענט דעם ייִד...
פֿרעגט אים אויס — —
אויף מײַן טאָכטער פֿרעגט — —
(היימישער חסיד ראַש אָפּ; צום אָרעמען, וואָס וואַקלט זיך)
האָסט דאָך זי ליב געהאַט...
ז'איז דיר קיין שלעכטע נישט געווען...
זי האָט אַ קינד געהאַט...
פֿרעג כאָטש אויפֿן קינד...

אָרעמער חסיד — כ'האָב מורא, רביצין...
ישׂראל לאָזט קיין אויג אַראָפּ...
כ'וועל פּרווּון, רביצין — — (אָפּ)

דבורה — (פֿון עזרת־נשים־טיר, באַדויערנדיק)
אײַ, מרימל, מרימל...
דײַן מאַן גייט האַלטן אַ דרשה,
די ערשטע פֿאַרן עולם...
און דו זיצסט און טרויערסט...

מרים — כ'האָב וואָס צו טרויערן, שוויגער...
האָט מיר איין־איינציקע טאָכטער
חתונה געהאַט —
צו דער חופּה נישט געפֿירט!
האָט מיר איין מאָל אַ בשׂורה געשריבן:
אַ קינד געהאַט —
כ'וועל מײַן אייניקל נישט זען!

דבורה — (מיטליידיק, דאָך שטרענג) פֿאַרגעס!

מרים — אַ ברודער פֿאַרגעסט...
אפֿשר אַ טאַטע אויך...
און אפֿשר נישט...
קרעכצט גאַנצע נעכט,
וויינט גאַנץ אָפֿט פֿון שלאָף...
אַ מאַמע — קען נישט פֿאַרגעסן...
דבורה — קום די דרשה הערן...
ער דרשנט שוין אַ ווײַלע...
ישראל — (פֿאַלט־אַרײַן פֿון בית־המדרש) אַ ישועה, רביצינס, אַ ישועה!
דבורה — וואָס אַזוינס?
ישראל — הערט!
און איר אויך, יונגע רביצין...
הערט זײַן שטים!
דעם רבינס שטים!
אויפֿן בעלעמער, פֿאַרן עולם,
אויסגעגלײַכט, געהייכט,
שטייט ער און רעדט!
די אויגן זײַנע לייכטן מיט הילף...
און פֿון די לעפֿצן פֿליִען ווערטער אַרויס:
אמונה, בטחון, ליבשאַפֿט צום ליבן נאָמען
און מסירת־נפֿש... ווי די טויבן
פֿליִען זיי...
מרים — יונתנס ווערטער...
דבורה — אַ הויז מיט ניסים; ווײַטער אַ נס!
ישראל — דער קיבוץ!
רביצין, דער כוח פֿון קיבוץ איז עס!
צוזאַמענגערופֿן האָב איך אים
פֿון אַלע עקן וועלט...
בריוו דורך רײַטערס געשיקט...

און געקומען —
ייִדעלעך, חסידימלעך...

מרים — (שטומפּיקער עקל) דער עולם...

ישׂראל — (מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ) דעם עולם!
(צו דבורהן גוועגדט) און יעדער איינציקער פון עולם
איז — אַ ייִד!
און איטלעכער ייִד האָט —
אַ פּינטעלע,
אַ פינקעלע אין האַרץ!
און קליין איז דער פונק,
און פול מיט אַש איז דאָס האַרץ,
טליִעט עס קוים...
גייט מען אין חושך אַרום...
קומט מען זיך אָבער צונויף,
באַהעפּט מען זיך,
נעמען זיך צונויף די פּינטעלעך,
פלאַקערן אויף די פינקעלעך
און שמעלצן זיך צוזאַמען
אויף אַ זון,
אויף אַ גרויסע זון, —
אויף דער קרוין צום צדיקס קאָפּ!
(מיט נצחון) ניין!
גישט איבערגעריסן
די גאָלדענע קייט!

דבורה — וואָס פאַר אַ קייט?

מרים — געהערט שוין אַ מאָל...

ישׂראל — די קייט,
פון בעל־שם אָן, די גאָלדענע...

יונתן — (פון בית־המדרש מיט פרייד) מאַמע, באָבע!
אין עזרת־נשים גייט!

**הערט מײַן טאַטנס שטים,**
**זײַן ליכטיק פּנים זעט...**
**זעט, ווי די שכינה בליט**
**איבער אים, איבער זײַן קאָפּ...**

דבורה — **קום, מרימל...**

יונתן — **מאַמע!**

דבורה — **קום, טאָכטער...** (ציט זי)

מרים — (זיך לאָזנדיק ציִען) **דיר צוליב, קינד!**

(**דבורה** און **מרים** — אָפּ. אין דרויסן לײַטערט זיך. עס באַפרײַט זיך אַ זון)

יונתן — (צו ישׂראלן) **זע!**
**אַ זון, אַ גאָלדענע זון!**
**זומערלעב מיט אַ מאָל!**
**זומערלעב פאַר אונדז!**
(צוגעלאָפן צום פענצטער) **אָפּגעטאָן דער וואָלקן זיך**
פון אונדזער הויז...
אונדזער גערטל בליט,
**אונדזערע הערצער — אויך!**
**הערסט, עס ריזלט!**
**טײַכן ריזלען,**
**שטראָמען יאָגן**
**פון די בערגעלעך אַרום —**
**אונדזער הילף!**
(אין בית־המדרש ווערט פּלוצלינג שטיל)
**וואָס איז דאָס, ישׂראל?**
(אַ גערויש און ווײַטער שטיל. — **ישׂראל** און **יונתן** אײַלן צו דער טיר, עפענען זי; עס קומט־אַרײַן **משה**, פון ערשטן און צווייטן **גבאי** געפירט, הינטער זיי — דער **היימישער** און **אָרעמער חסיד; משה** איז דערשלאָגן, אײַנגעשרומפּן)

יונתן — **טאַטישי...** (נעמט אים איבער פון די **גבאים**)

ישראל — (צו די גבאים, היימישן און אָרעמען חסיד)׳
לאָזט דעם עולם נישט אַרײַן —
די טיר פֿאַרשפּאַרט!
(דער עולם ווערט צוריקגעשטופּט, די טיר — פֿאַרמאַכט
און מיט דריקעס פֿאַרשפּאַרט; עס באַווײַזט זיך דבורה און
מרים, בלײַבן שטיין צעשראָקענע אין טיר)
עולם — (אין טיר פֿון יענער זײַט) — לאָזט־אַרײַן!
— רבי!
— האָט רחמנות, רבי!
ישראל — מ׳קען נישט! מ׳טאָר ניש׳!
דער רבי וויל התבודדות*...
חשבון הנפש מאַכט ער, דער רבי!
עולם — (קלאַפּט ווידער) — רבי!
— מיר האָבן אַזוי פֿיל צו בעטן!
— קוויטלעך צוגעגרייט!...
— מיר האָבן אַזוי פֿיל בקשות...
ישראל — שפּעטער!
(צו די גבאים) גייט דורכן הויף...
נאַרט מיט עפּעס דעם עולם אַרויס,
אַ ניט — צעטרײַבט,
מיט שטעקנס צעטרײַבט...
(גבאים, און היימישער חסיד — אָפּ)
אָרעמער חסיד — (זוכט און געפֿינט אונטער אַ באַנק זײַנס אַ פּעקל)
נישטאָ דאָ וואָס צו טאָן מער...
זײַט געזונט... (אָפּ, מיטן פּעקל אויף די אַקסלען)
משה — (עטוואָס צו זיך געקומען) בקשות האָבן זיי...
קוויטלעך...

---

* אָפּזונדערונג, זיין אַליין, וואָס מקובלים האָבן געהאַלטן פֿאַר דאָס בעסטע מיטל פֿאַר אויפֿהייבן זיך אויף אַ העכערער מדרגה, התרוממות הנפש.

**איך ווייס...** (נעמט קוויטלעך פֿון טיש, לייענט איינס נאָכן אַנדערן, וואַרפֿט־אַוועק)

**„בנים“...**

**„בניט זכרים“...**

**„באַפֿרײַען פֿון די זעלנער“...**

(ביטער) **דאָס קען מײַן אײדעם...**

(נישטערט ווײַטער) **„פּרנסה“...**

**„ווידער פּרנסה“...**

**אַן עושר אַ שענקער וויל „שפֿע“,**

**„„שניי“ — אַ סוחר פֿון וועלדער,**

**„רעגן“ אַ דאַנציקער *...**

(ציט זיך אויס פֿאַר די אויגן די שוואַכע, מאָגערע האַנט)

**גענומען אַ ייִד אַ שוואַכן,**

**אין זײַנע שוואַכע, ציטעריקע**

**הענט אַרײַן שליסלען געלייגט**

**פֿון בנים, פּרנסה, שפֿע,**

**פֿון רעגן און שניי**

**איך קען נישט,**

**כ׳קען זיי נישט דערטראָגן...**

**גענומען אַ ייִד אַ קראַנקן,**

**וואָס אָטעמט קוים:**

**„פֿיר אַ וועלט!“ —**

מרים — (געריזט, צוטרעטנדיק) **וואָס איז דיר, משה?**

דבורה — (הינטער איר) **וואָס איז דיר פּלוצלינג געשען?**

ישׂראל — **מעשׂה שׂטן**

**אַזאַ שיינער אָנהייב געווען...**

יונתן — **טאַטע, אַזאַ שיינער אָנהייב געווען!**

---

* אַ סוחר וואָס שטייט אויף עקספּאָרטירן דורך דאַנציק, פּוילנס פֿאָרשטאָט בײַם באַלטישן ים.

משה — אַן אָנהייב...

געווען אַן אָנהייב...
געמיינט, עס קומט צוריק
דאָס אַמאָליקע,
דאָס שטראַלנדיק־זיסע...
דער עולם אַרום אין טליתים,
ווי מלאכים ווײַסע,
אויגן — שטראַלנדיקע,
בונטן שטראַלן פֿון אמונה,
פֿון בטחון, פֿון גלויבן אין מיר,
מיט מסירת־נפֿש צו מיר,
צו בעל־שמס אַן אייניקל...
זאַפּט דאָס האַרץ די שטראַלן אײַן און וואַקסט,
און בליִען הייבט עס אָן, דאָס האַרץ,
און עס יאָכצט דאָס האַרץ: איך בין!
אַן אָדלער בין איך,
ברייטע, ווײַסע, שטאַרקע פֿליגל האָב איך...
און דאָ אַרום זײַנען מײַנע „יונגע".
און איך פֿיר זיי אינעם בלויען רחבֿות,
אַרויף, אַרויף, אַלץ העכער און העכער!
צעשפּרייט די פֿליגל איבער מײַנע אָדערלעך!
און קוק מיך וואָס אַ מאָל אום אויף זיי,
צי פֿאַלט נישט ווער? זוימט נישט ווער?
און שטאַרק די שוואַכע מיטן בליק,
הייב די געפֿאַלענע מיטן רוף!
און מיר פֿליִען... ווײַט, ווײַט און הויך,
איבער דער ערד, איבער דער וועלט,
און איך רוף, און מײַן קול קלינגט איבער ימים!
איבער באַרג און טאָל, פֿעלד און וואַלד,
דערפֿער און שטעט... קלינגט דאָס קול,

דאָס קול פֿון מנהיג הדור, פֿון אמתן גיבור...
(הייבט זיך) און שטאַרק איז דאָס קול — וואָלקנס פלאַצן,
הימלען שפּאַלטן זיך פֿאַר אים...
ס׳גן־עדן עפֿנט טיר־און־טויער!
(פֿאַלט־צוריק מיד; הייבט זיך נאָך אַ מאָל אויף)
און ס׳קומען אונדז אָבֿות אַקעגן,
און צדיקים!
אָנגערוקט — דער טאַטע פּנחס!
שמייכלט דאָך אונטער ברעמען און וואָנסעס...
„נישט מײַן שיטה... נישט מײַן דרך...
נישט דאָ אַרום געדאַרפֿט צו קומען...
און נישט אַזוי...
אָבער גוט...
אַז געקומען!" —
דער זיידע שלמה קומט־אַרויס!
(זייער האַרציק ווייך) „דווקא אַזוי! גראָד אַזוי!"
אַלע פֿליִען נאָך,
העכער און העכער גייט דער וועג...
צום לבֿנת הספּיר *.
צום מערמלשטיין —
און פּלוצלינג — —

ישראל — וואָס פּלוצלינג?...
משה — „שווינדלער" האָט אַ רוף געטאָן!
ישראל — ווער?
משה — איך ווייס?
אפשר לאה פֿון ערגעץ...

---

* געבויט מיטן סאַפּירשטיין, וואָס מ׳האָט אַרײַנגעגעבן אין חושן פֿון כהן גדול (אין משכן), „נופך, ספיר ויהלום" (שמות כ״ח, י״ח), גאַרפֿונקל, סאַפּיר־שטיין און דימענט (יהואש).

אפשר דער דאָקטער — איר מאַן...
אפשר אין בית־המדרש ווער...
אפשר אַ בת־קול גאָר...
צי ביי מיר אין האַרצן?

עולם — (פֿון הינטער דער בית־המדרש־טיר) רבי —
גבאים טרייבן מיט געוואַלט,
האָט רחמנות, לאָזט־אַריין...
מיר שרעקן זיך אַזוי!

משה — (בעט זיך ביי ישראלן, ביי אַלע אַרום) לאָז־אַריין...
לאָזט־אַריין דעם עולם צו מיר...
לאָזט מיך פֿאַרן עולם
כורעים פֿאַלן,
מודה זיין,
מתוודה זיין...
אַ ייִד מוז דאָך ערלעך זיין!

דבורה — (וואָס איז ביים פֿענצטער געשטאַנען) עמעץ גייט...
לאה, דאַכט זיך, גייט...
אַ פֿאַרבלענדעניש צי וואָס...

מרים — (צוגעלאָפֿן צו דער טיר, וועלנדיק און נישט־קענענדיק מיט
די פֿאַרציטערטע הענט זי עפֿענען)
עס איז לאה... עס איז לאה...
(שרעק) נאָר אַליין, אָן דעם קינד...
און זי וואַקלט זיך,
און ווי בלאַס זי איז...
יונתן, דיין שוועסטער גייט —
(יונתן קערט זיך אָפּ)

משה — שטראָפֿן קומט זי, שטראָפֿן...

לאה — (אַריינגעקומען, אָנכאַפּנדיק די מוטער ביי די הענט — צום
פֿאָטער) ניין, נישט שטראָפֿן, טאַטע...

יונתן — (ווענדט זיך, שטרענג) פֿון וואַנען קומסטו, לאה?

לאה — פון דאָרט, פון ווײַט...
יונתן — וואָהין גייסטו, לאה?
לאה — צו אײַך...
יונתן — נאָך וואָס?
לאה — נאָך הילף!
יונתן — דו — צו אונדז?
ישראל — האָסט דאָך אויסגעפירט,
אַ גרויסן נצחון געהאַט!
יונתן — געזיגט, צו ליכט געגאַנגען!
לאה — ליכט איז — קאַלט... (ציטערט)
אַזוי קאַלט...
משה — דיר פעלט עפּעס, לאה?
לאה — וואָס האָב איך, טאַטע ? !
ישראל — (לאהן באַטראַכטנדיק) אַן אָפּצערונג...
לאה — (באַשטעטיקט) אַן אָפּצערונג...
(פויזע) און דאָרט,
דאָרט אין וויג געלאָזט אַ קינד...
דײַן איינציקער שוועסטערס קינד, יונתן!
דײַן אייניקל, טאַטע!
מאַמע, דײַן אייניקל ליגט דאָרט בלינד...
אַלע — בלינד?
לאה — אויגן האָט עס, גרויסע!
מײַנע, דער מאַמעס,
דעם עלטערזיידנס אויגן...
פלעגט אויך אַ מאָל אַזוינע האָבן,
יונתן...
און אַז ער האָט דו נאָך אַ מאָל אַזוינע...
יונתן — (האַרט) גליק!
לאה — מײַן קינד האָט!
און עס קוקט מיט די גרויסע,

מיט גרויסע טויבן־אויגן,
אָבער זען זעט עס נישט!
מרים — טאָכטער!
דבורה — וואָס אַזוינס?
משה — פֿאַר וואָס?
לאה — ווײַל דאָס,
וואָס קוקט בײַם מענטש דורכן אויג אַרויס,
דרימלט נאָך דאָרט...
די יונגע נשמה שלאָפֿט,
נאָך נישט אויפֿגעוועקט... (צעוויײטיקט)
און וועקט זיך דאָס נשמהלע אויף אַ מאָל,
מיך,
די מאַמע, זען וועט עס נישט!
העלפֿט מיר!
ישראל — און דער דאָקטער, דײַן מאַן?

כּ׳ין בטן אַקט די גאָלדענע קייט, אין טעס



יונתן — ליכט איז דער זיידע, הייליק ליכט!

לאה — איך האָב אים נישט...
מיט מײַן לײַב, וואָס איז פֿון מיר אַראָפּ
צוזאַמען,
האָב איך זײַן ליבשאַפֿט פֿאַרלוירן...
און ד'אַפּטייק האָט פֿאַר מיר קיין תּרופֿה נישט.
ער זאָגט אַזוי:
אַלץ איינס!
א י ר העלפֿט...
לאָזט מיך בײַ מײַן קינד!
העלפֿט!

יונתן — צו מענטשן פֿון פֿינצטערניש
קומסט דו, מענטש פֿון ליכט,
נאָך הילף...

לאה — כ'בין שוין ניט שטאָלץ!
דער טויט
האָט אויף מײַנע אַקסל
זײַן האַנט געלייגט;
דריקט מיך אַראָפּ, אַראָפּ
צו אײַערע פֿיס — (פֿאַלט אין דער מוטערס אָרעמס אַרײַן)

יונתן — קלאָר געוואָלט, ליכט באַגערט!

לאה — שווײַג!
רחמנות האָב און שווײַג!
קלאָר איז שניי —
און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט!
עס יאָגט דורך די ביינער אַ פֿראָסט!
קלאָר — איז טויט!
דער אין תּכריכים ווײַסע
אײַנגעהילטער סוד!
וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אײַזן האַרט,

וויי שטאָל...
אויב עס בליצט,
איז עס, יונתן, אַ מעסער,
וואָס קוילעט דײַנע טויבן!
אויב קלאָר, (פֿאַרצווייפֿלונג)
אויב קלאָר, בין איך פֿאַרפֿאַלן!
דער לעצטער טראָפּן בוימל
ברענט זיך אויס — אין לאָמפּ,
אַזוי זאָגט ע ר!...

משה — אַ „געזעץ" האָט ער געזאָגט...

יונתן — און — נאַטור...

לאה — אַן רחמנות פֿאַלש!
געזעץ איז אַ קייט!
נאַטור — אַ שטריק אויפֿן האַלדז...
וואַרגט, שטיקט, לאָזט נישט אָטעמען דער שטריק!
(העפֿטיק) עס קען ניט זײַן קיין הפֿקר־וועלט —
איז דאָ אַ וועלט, מוז זײַן ווער,
וואָס פֿירט די וועלט,
מוז זײַן אַן אויג, וואָס קוקט אויף אונדז!
אין אונדז, אין אונדז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ!
אַ באַרעמהאַרציק האַרץ...
(געבעט) בעט פֿאַר מיר —
בעט פֿאַר מיר בײַם האַרץ,
בײַם באַרעמהאַרציקן האַרץ בעט! —

משה, יונתן — מיר? — מיר?

לאה — איר!
איר, די גרויסע, די הייליקע — איר!

משה — לאה, איך בין אַ וואָרעם!

לאה — און דו, יונתן?! אָרעמער טאַטע!
יונג ביסטו און שטאַרק...
יונתן — ווו זײַנען מײַנע טויבן, לאה?
לאה — (טויבנאַרטיק) גלייב... גלייב... גלייב!...
יונתן — (האַרט) זיי זײַנען טויט!
משה — (פּלוצלינג, אויפשטייענדיק, צו ישׂראלן, רביש־שטאָלץ, פאַרביטערט) עפן!
ישׂראל — כ׳עפן! כ׳עפן!
משה — לאָזט־אַרײַן!
דעם עולם לאָזט־אַרײַן —
דעם גאַנצן עולם לאָזט־אַרײַן!
ישׂראל — (עפנט מיט פאַרציטערטע הענט, זייער ווײמוטיק)
צעגאַנגען זיך...
אַ מנין קוים — — —
משה — רוף־אַרײַן!
ישׂראל — כ׳פאָלג, רבי, כ׳פאָלג!
(ווינקט־אַרײַן דעם עולם; זיך צוריק צום צימער ווענדנדיק)
די אויגן זײַנע! די אויגן!
(עס קומען־אַרײַן אַ צענדלינג איבערגעשראָקענע ייִדן; מערסטנס בטלנים. צווישן זיי אַ ישיש פון צווײ חסידים געפירט).
משה — ליכט!
אָנגעצונדן זאָל ווערן ליכט!
(ישׂראל און די ייִדן טוען עס)
משה — מײַן טלית!
(ישׂראל לויפט נאָכן טלית צום ספרים־שאַנקל)
מרים — וואָס ווילסטו, משה?
משה — פּרוון!
יונתן — פּרווו, טאַטע, פּרווו...
זע, ווי בלאַס זי איז...

משה — פֿאַלן —
**ווי דתן ואבירם פֿאַלן,**
**ווי קורח!**
**נישט צעטרעטן ווערן, ווי אַ וואָרעם!**
(הילט זיך פֿיבערהאַפֿט איַין אין דערלאַנגטן טלית; **ישראל** טרעט־אָפּ פֿאַר שרעק, בעת **משה** גייט צום אָרון)
לאה — רופֿט־נאָך מיט שרעקיקער חרטה) **טאַטע —**
(אַז ער הערט נישט) **מאַמע...**
**עס פֿאַלט אַ פּחד אָן אויף מיר —**
**יונתן...** (כאַפּט אים אָן בײַ דער האַנט; **יונתן** רײַסט זיך אַרויס, קערט זיך אום. — **משה**, קושנדיק היציק דאָס פּרוכת, עפֿנט דאָס אָרון־קודש, שטעקט־אַרײַן דעם קאָפּ, זאָגט עפּעס, ווײנענדיק שטיל)
לאה — (צו יונתן) **זע —**
**זע, ווי זײַנע אַקסלען צוקן —**
**ווי עס ציטערן די הענט!**

פֿון 3טן אַקט די גאָלדענע קייט, אין טעם



משה — און וויל איך בין דער שוואַכסטער רינג אין דער קייט, אין דער גאָלדענער — בעט איך פֿון אָבות הילף!

משה — ... מתפלל...

מתפלל בין איך פֿאַר איר —
פֿאַר מײַן טאָכטער, פֿאַר מרימס טאָכטער, לאה!
און ווײַל איך בין אַזוי שוואַך,
און ווײַל איך בין אַזוי, אַזוי געפֿאַלן
און ווײַל איך בין דער שוואַכסטער רינג
אין דער קייט, אין דער גאָלדענער —
בעט איך פֿון אָבֿות הילף —
מיט אײַך!
(פויזע, טאָן־ענדערונג) טאַטע!
איך, דײַן שוואַכער זון, משה —
בעט בײַ דיר פֿאַר איר,
פֿאַר דײַן איניקל! —
מקנא קנאת השם צבֿאות *
ביסטו דאָ געווען!
ווו אַ שלעכטער וואָרצל — אויסגעריסן!
אַן אומריין שעפֿעלע — פֿאַרטריבן —
ווי זילבער האָסטו געלײַטערט אונדז
מיט פֿײַער —
דײַן אייגענעם טאַטן און אַ ל ע,
אַלע אַרום אַוועקגעגעבן פֿאַר גאָט!
אַצינד **!
אַצינד ביסטו געקומען אויף דײַן לוין!
גרויס —
בײַם כּסא הכּבֿוד
אין דער רעכטער האַנט
איז דײַן פּלאַץ!

* „קנא קנאתי לד׳ אלהי צבאות (מלכים א, י״ט, י׳), אָנגעמען האָב איך זיך אָנגענומען פֿון יהוהס וועגן, דעם גאָט פֿון צבאות. — ** איצטער, איצט, צונד.

העלף!<br>
און טאָמער ביסט דו בייז אויף איר —<br>
ווידערשפּעניסטיק איז זי קעגן דיר געווען —<br>
געדענק:<br>
לא תקום שטייט,<br>
לא תטור *** שטייט,<br>
אויפֿן עולם־האמת ביסט דו דאָך —

יונתן — אַזוי, אַזוי, טאַטע, אַזוי...

לאה — (פֿאַרצוקט) נישט אַזוי!<br>
נישט אַזוי, טאַטע...<br>
זאָג: חרטה האָט מײַן האַרץ!<br>
זאָג, אַז איך גלייב אין אים,<br>
אַז איך ליג בײַ זײַנע פֿיס,<br>
אַז איך וואַש מיט טרערן זיי...<br>
אַז איך וואַרף מיך פֿאַר אים אין שטויב...

משה — הערסט, טאַטע?<br>
(פּויזע) און דו, זיידע!<br>
דו, גרויסער ייִד, שטאָלצער ייִד — —<br>
זײַ אויף מיר נישט בייז,<br>
וואָס איך קום אַזוי צו דיר,<br>
וואָס איך שטעל אַצינד אויס די האַנט צו דיר<br>
און בעטל דײַן גנאָד!<br>
נישט שבתדיק און נישט יום־טובֿדיק<br>
איז דײַן אייניקל —<br>
געפֿאַלן זײַנען מיר!<br>
אויף בעטלברויט געקומען זײַנען מיר...

*** (ויקרא י״ט, י״ח) זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און קיין שנאה נישט האַלטן (אויף די קינדער פֿון דיין פֿאָלק).

מרים — נישט אַזוי, משה, נישט אַזוי...
דאָס וועט ער דיר נישט מוחל זײַן ——
לאה — ניין, נישט אַזוי, טאַטע.
זאָג, איך האָב אים ליב געהאַט...
זאָג, אַז איך געדענק אים נאָך —
אַז די שטראַלן פֿון זײַנע אויגן
בליִען נאָך אינעם האַרץ בײַ מיר.
אַז אין מײַן נשמה ציטערט נאָך
זײַן ליבער, ליבער שמייכל דאָרט!...
משה — און דו,
דו, עלטערזיידע —
(שטיל געבעט) און דו עלטער־עלטערזיידע!
און — די קייט!
די גאַנצע גאָלדענע קייט —
(שטיל געבעט; פֿאַרצווייפֿלט) זיי שווײַגן!
לאה — אַ וואָלקן גייט...
איבער מײַנע אויגן ציט
אַ נעפּל זיך —
פֿינצטער ווערט.
טאַטע!
איין מאָל, וויל איך, זאָל מײַן קינד מיך זען!
זאָל מײַן אָפּגלאַנץ בלײַבן דאָרט אין אויג!
איין מאָל, נישט מער!
(אָרעמער הסיד נעמט דעם זאַק פֿון אונטער דער באַנק אַפּער)
משה — און דו,
דו אַליין,
ווען איך רוף צו דיר —
גיב אַ צייכן מיר!
אַז דו ביסט!
אַז עס איז פֿאַראַנען אַן אויג — —

ארעמער חסיד — **שלעכט!**
(כאַפּט דעם זאַק אויף די אַקסלען, לאָזט זיך צו דער טיר)
יונתן — (לויפֿט גלײַכצײַטיק צו צום פֿאָטער, שטעלנדיק זיך צווישן
פֿאָטער און אָרון־קודש) **מען טאָר נישט פּרוּוון גאָט!**
(עולם אָטעמט־אָפּ פֿון שרעק, אויגן בליצן־אויף)
משה — (זיך אומקערנדיק, פֿאַרצווייפֿלט) **לאה, ער לאָזט נישט!**
לאה — (צוזאַמענפֿאַלנדיק פֿאַר שרעק) **דער זיידע פּנחס,**
**דער זיידע פּנחס...**
שרעקיקע שטימען — **איבערגעריסן,**
**איבערגעריסן די קייט!**
ישראל — (פּלוצלינג אַנטשלאָסן) **גיין!**
**יונתן איז רבי!**
לאה — (דערשראָקן) **יונתן ? !**
מרים — (אָפּוועהרנדיק) **קינד מײַנס!**
(יונתן וואַקלט זיך)
ישראל — **דער עולם וויל, דער עולם הייסט!**
מרים — (אַנגסט־אויסגעשריי) **דער עולם...**
עולם — **מיר ווילן, מיר הייסן!**
לאה — (מיט האָפֿענונג) **זײַ! ווער!**
יונתן — (מיט אַ מאָל אַנטשלאָסן) **איך בין!**

(פֿאַרהאַנג)

# פאלקסטימלעכע געשיכטן

1915 — 1904

# דריי מתנות

— א —

### אויבן ביי דער וואָג

אַ מאָל, מיט יאָרן און דורות צוריק, איז ערגעץ נפֿטר געוואָרן אַ ייִד.

מילא, אַ ייִד איז נפֿטר געוואָרן — אייביק לעבן קאָן מען נישט — טוט מען אים־זײַן רעכט... ברענגט מען אים צו קבֿורת ישׂראל.

נאָך סתימת הגולל [1], דער יתום זאָגט קדיש — פֿליט די נשמה אַרויף, צום משפּט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פֿאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עֲבֿירות און די מצוות...

קומט דעם בר־מינַנס סניגור [2], זײַן געוועזענער יצר־טובֿ — שטעלט זיך מיט אַ קלאָר ווײַס זעקל ווי שניי אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט...

קומט דעם בר־מינַנס קטיגור [3] — זײַן געוועזענער יצר־הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח [4] — און שטעלט זיך, מיט אַ קויטיק זעקל אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל אויף דער לינקער זײַט...

אין ווײַסן קלאָרן זעקל זײַנען מצוות, אין ברודיק שוואַרצן זעקל — עֲבֿירות. שיט דער סניגור, פֿון שניי־ווײַסן זעקל אויף דער וואָג־שאָל פֿון דער רעכטער זײַט, מצוות — שמעקן זיי ווי פּאַרפֿומען און לײַכטן ווי די שטערנדלעך אין הימל.

---

[1] צודעקן דעם קבר (ווען ס׳הייבט זיך אָן די אבילות). „אבילות מאימתי קא מתחלא מסתימת הגולל״ (סנהדרין מ״ז). — [2] פּאַרטייִדיקער, מליץ־יושר, דער וואָס זוכט אַ זכות אויפֿן באַשולדיקטן. — [3] באַשולדיקער, פּראָקוראָר. — [4] דער וואָס רעדט־אָן און פֿירט־אַראָפּ פֿון גלייכן וועג.

שיט דער קטיגור פֿון ברודיקן זעקל אַרויס, אויף דער וואָגשאָל פֿון דער לינקער האַנט, עבֿירות — זײַנען זיי, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שוואַרץ ווי קויל און אַ ריח האָבן זיי — סאַמעראָדנע[5] פּעך און סמאָלע.

שטייט אַזוי די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפּט — זי האָט זיך גאָר נישט געריכט, עס זאָל זײַן אַזאַ חילוק צווישן גוט און שלעכט; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפּט ביידע נישט דערקענט, איינס פֿאַר דאָס אַנדערע גענומען.

און די וואָגשאָל הייבט זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַ מאָל די, אַ מאָל יענע... און דאָס צינגל בײַ דער וואָגשאָל אין דער הויך ציטערט, נעמט זיך אויף אַ האָר לינקס, אויף אַ האָר רעכטס...

נאָר אויף אַ האָר... און נישט מיט אַ מאָל! אַ פּראָסטער ייִד געווען, אָן גרויסע להכעיס, ווי אויך אָן קידוש השם... אַזוי — קליינע מצווהלעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך... טייל מאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און פֿון דעסט וועגן, אַז דאָס צינגל רוקט זיך אויף אַ האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים אַ קלאַנג פֿון שׂמחה, פֿון נחת; רוקט זיך עס אָבער, חס ושלום, לינקס, שלאָגט זיך אַרויס אַ זיפֿץ פֿון עצבֿות, ביז עס דערגרייכט צום כּסא הכּבֿוד.

און די מלאָכים שיטן פּאַמעלעך, מיט כּוונה, אַ שרויט נאָך אַ שרויט, אַ שטויב נאָך אַ שטויב, ווי פּשוטע באַלעבאַטים ליציטירן אתּה הראית[6] אַ פּרוטה נאָך אַ פּרוטה...

נאָר אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקלעך ווערן ליידיק.

— שוין? — פֿרעגט דער בית־דין־שמש — אויך אַ מלאָך צווישן אַלע מלאָכים.

דער יצר־טובֿ, ווי דער יצר־הרע, דרייען־אויס די זעקלעך קאַ־

---

[5] עכטע (סאַמע געבוירענע). — [6] פּסוק, מיט וועלכן מ׳איז מכבד צו הקפות (טראָגן אַ ספר־תורה).

פויר: נישטאָ מער! און דעמאָלט גייט דער שמש צו צום ציגל זען, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קומט ער און קוקט אַזוי, און זעט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשען, זינט הימל און ערד זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג? — פֿרעגט דער אַב־בית־דין. שטאַמלט דער שמש:

— גלײַך! דאָס ציינגל שטייט אין סאַמעראָדנער מיט!...

די עבֿירות האָבן גלײַך געוואויגן מיט די מצוות.

— אַקוראַט? — פֿרעגט מען נאָך אַ מאָל פֿון בית־דין של מעלהס טיש.

קוקט ער נאָך אַ מאָל דער שמש און ענטפֿערט:

— אויף דער האָר!

האָט דאָס בית־דין של מעלה אַ ישובֿ און גיט, נאָכן ישובֿ הדעת, אַרויס אַ פּסק כּהאי לישנא [7]:

„היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשׂים טובֿים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

און פֿון צווייטן צד — ווײַל די מצוות נישט מער פֿאַר די עבֿרות, — קאָן מען איר נישט עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן.

על כּן נע־ונד זאָל זי זײַן...

זאָל זי אַרומפֿליען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איר דערמאָנען און דערבאַרעמען זיך און צורופֿן צו זיך מיט זײַן גנאָד".

און דער שמש נעמט די נשמה און פֿירט זי אַרויס.

יאָמערט נעבעך די נשמה און קלאָגט אויף איר מזל.

— וואָס וויינסטו אַזוי? — פֿרעגט ער זי — וועסט נישט האָבן קיין נחת און פֿרייד פֿון גן־עדן, וועסט דו דאָך אָבער אויך נישט האָבן קיין צער און יסורים פֿון גיהנום, — קוויט [8]!

---

[7] אַט אין אַזאַ שפּראַך. — [8] (פּויליש) גלייך אויף גלייך, באַצאָלט אַ חוב, מער ניט שולדיק.

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטן:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָר נישט! גאָר נישט איז שרעקלעך!

קריגט ער אויף איר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איר אַן עצה:

— פֿלי — זאָגט ער איר — נשמהלע, אַראָפּ און האַלט זיך נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט... אין הימל אַרײַן — זאָגט ער — קוק נישט... וואָרעם וואָס וועסטו זען אין יענער זײַט הימל? גײַערט שטערנדלעך! און דאָס זײַנען ליכטיקע, נאָר קאַלטע ברואים, זיי וויסן פֿון קיין רחמנות נישט, זיי וועלן זיך נישט מיִען פֿאַר דיר, זיי וועלן גאָט אין דיר נישט דערמאָנען... מיִען זיך פֿאַר אַן אָרעמער פֿאַרוואָגלטער נשמה קאָנען נאָר די צדיקים פֿון גן־עדן... און זיי, הער, נשמהלע, זיי האָבן ליב מתּנות... שיינע מתּנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערלעך — די טבֿע פֿון הײַנטיקע צדיקים! פֿלי זשע, נשמהלע — זאָגט ער ווײַטער — נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טוט זיך. און דערזעסט דו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש שיין און גוט, כאַפּ עס און פֿלי דערמיט אַרויף; עס וועט זײַן אַ מתּנה פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתּנה אין דער האַנט זאָלסטו אָנקלאַפּן און מעלדן זיך אין מײַן נאָמען בײַם מלאך פֿון דער פֿאָרטקע [9]. זאָג: איך האָב געהייסן!... און אַז דו וועסט האָבן געבראַכט דרײַ מתּנות, זײַ זיכער — וועלן זיך פֿאַר דיר עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן, זיי וועלן פֿועלן... בײַם כּסא הכּבֿוד האָט מען ליב נישט די פֿײַן געבוירענע, נאָר די אויפֿגעקומענע...

און אַזוי ריידנדיק, שטופּט ער זי מיט רחמנות פֿון הימל אַרויס.

---

[9] שירל.

— ב —

די ערשטע מתנה

פֿליט עס אַזוי, דאָס אָרעמע נשמהלע, נידעריק איבער דער לעבעדיקער וועלט, און זוכט מתנות פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פֿליט אַרום און אַרום, איבער דערפֿער און שטעט, ווו נאָר אַ שטיקל ישוב, — צווישן ברענענדיקע שטראַלן אין די גרעסטע היצן; אין רעגנצײַט — צווישן טראָפּנס און וואַסער־נאָדלען; סוף זומער — צווישן זילבערנעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופֿט, ווינטער צווישן די שנייעלעך, וואָס פֿאַלן פֿון דער הייך... און קוקט און קוקט, און קוקט זיך די אויגן אויס...

ווו זי דערזעט אַ ייִד, פֿליט זי האַסטיק צו און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן — צי גייט ער נישט מקדש השם זײַן?

ווו עס לײַכט זיך בײַ נאַכט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן — זי איז דאָ און קוקט־אַרײַן, צי וואַקסן ניט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקנדיקע בלימעלעך — באַהאַלטענע מעשׂים־טובֿים?

ליידער!... מערסטנטיילס שפּרינגט זי אָפּ פֿון אויגן און פֿענצ־טער, דערשראָקן און פֿאַרציטערט...

און אַז עס גייען ווײַטער פֿאַרבײַ זמנים און יאָרן, פֿאַלט זי כמעט אין אַ מרה־שחורה אַרײַן. פֿון שטעט זײַנען שוין בית־עלמינס געוואָרן, בית־עלמינס האָט מען שוין אויף פֿעלדער צעאַקערט; וועל־דער האָט מען אויסגעהאַקט, פֿון שטיינער בײַ וואַסערן איז זאַמד געוואָרן, טײַכן האָבן דאָס געלעגער געביטן, טויזנטער שטערן זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן, מיליאָנען נשמהלעך זײַנען אַרויפֿגעפֿלויגן, — און זײַן ליבער נאָמען האָט זיך אין איר נישט דערמאָנט, און קיין אויסטער־ליש גוטס און שיינס האָט זי נישט געפֿונען...

טראַכט זי בײַ זיך:

די וועלט איז אַזוי אָרעם, די מענטשן — אַזוי מיטלמעסיק און גרוי יעוף דער נשמה, און די מעשׂים זייערע זײַנען אַזוי קליין... ווי

קומט צו זיי איסטערלישס? אויף אייביק בין איך נע־ונד און פֿאַר־שטויסן!...

נאָר ווי זי טראַכט אַזוי, שלאָגט איר אַ רויטער פֿלאַם אין די אויגן אַרײַן, אין מיטן דער פֿינצטערער, שווערער נאַכט אַ רויטער פֿלאַם.

זי קוקט זיך אום — פֿון אַ הויכן פֿענצטער שלאָגט דער פֿלאַם... גזלנים זײַנען אַ גבֿיר באַפֿאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. איינער האַלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און לײַכט; אַ צווייטער שטייט בײַם גבֿירס ברוסט מיט אַ בליצנדיקן מעסער און חזרט אים אַלץ אין איינעם איבער: „רירסטו דיך, ייִד, איז דײַן סוף! גייט דיר דער שפּיץ פֿון מעסער פֿון יענער זײַט רוקן אַרויס“!... און די רעשט עפֿענט קאַסטנס און שרענק, און רויבט.

און דער ייִד שטייט בײַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קיין ברעם איבער זײַנע קלאָרע אויגן, קיין האָר פֿון דער ווײַסער באָרד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט... נישט זײַן זאַך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען — טראַכט ער — געלויבט איז זײַן הייליקער נאָמען!... מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבֿר אַרײַן“ — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רויִק צו, ווי מען עפֿנט דעם לעצטן שופֿלאָד פֿון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טײַערע כּלים, — און ער שווײַגט...

און אפֿשר איז ער זיי גאָר מפֿקיר!

נאָר פּלוצלינג, אַז די גזלנים טרעפֿן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציִען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע — פֿאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפֿלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשריי טאָן:

— „רירט נישט!“

נאָר אויפֿן אָרט פֿון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל

פון רויכערדיקן בלוט — דאָס מעסער האָט זײַנס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פון האַרץ און שפּריצט אויפן זעקל אַרויף!

ער פאַלט און געשווינד רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פאַרגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָר נישט פון דעם וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער גבֿיר געוואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגן און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

כאַפּט די נשמה אַ פאַרבלוטיקטן שטויב פון ארץ־ישראל־ערד און מעלדט זיך דערמיט בײַ דער פאָרטקע אין הימל...

די ערשטע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן.

— ג —

די צווייטע מתנה

— געדענק! — האָט דער מלאך צוגערופן, פאַרמאַכנדיק הינטער איר די פאָרטקע פון הימל — נאָך צוויי מתנות!

— גאָט וועט העלפן! — האָפּט די נשמה און פליט פריילעך צוריק אַראָפּ.

די פרייד האָט מיט דער צײַט אָבער אויפגעהערט. עס זײַנען ווײַטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס... און עס באַפאַלן זי צוריק די טרויעריקע געדאַנקען:

ווי אַ לעבעדיקער קוואַל האָט די וועלט אַרויסגעשלאָגן פון גאָטס ווילן און רינט און רינט ווײַטער אין דער צײַט. און וואָס ווײַטער זי רינט, מער ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אַרײַן; טריבער, אומ־ריינער ווערט זי; ווייניקער מתנות געפינט מען אויף איר פאַרן הימל...

קלענער ווערן די מענטשן, דראָבנער[10] — די מצוות, שטויביקער — די עבֿירות; מעשׂים — נישט מיטן אויג צו דערזען!...

ווען גאָט — טראַכט זי ווײַטער — זאָל הייסן איבערוועגן מיט אַ מאָל די מצוות מיט די עבֿירות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים געריִרט, קוים־קוים געציטערט...

די וועלט קאָן אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף... זי איז אויך נע־ונד צווישן ליכטיקן הימל און פֿינצטערן שאול תחתיה... און דער קטיגור מיטן סניגור וואָלטן זיך דעריבער אייביק געראַנגלט, ווי עס ראַנגלען זיך דאָ אייביק ליכט מיט פֿינצטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבן מיט טויט...

זי וויגט זיך די וועלט און קאָן נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלן דעריבער אייביק זײַן חתונות און גטן, בריתן און לוויות, סעודות־מצווה און סעודות־הבֿראה[11]... און ליבשאַפֿט און האַס... אייביק, אייביק...

פּלוצלינג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער...

זי קוקט־אַראָפּ — אַ דײַטשישע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַר־צײַטישע), אַלערליי אויסגעבויגענע דעכער רינגלען־אַרום דאָס פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשידנפֿאַרביק־געקליידטע מענטשן אין דאָס פּלאַץ; פֿיל קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקנס, וואָס שטאַרן־אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען...

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרינעם טוך

---

[10] קלענער. — [11] דער ערשטער אָנבייסן פֿאַר אַן אָבל נאָכן קומען פֿון בית־עולם )מועד קטן(.

**מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן[12]. בײַם טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קלײדער אויף גאָלדענע האָקלען[13], אין סויבעלנע היטלען מיט װײַסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן אָן זיצט דער פּרעזידענט אַלײן, אַ פּרעסיקער[14] אָדלער װײט אים איבערן קאָפּ...**

**אין אַ זײַט שטײט געבונדן אַ ייִדיש מײדל. נישט װײַט האַלטן צען קנעכט אַ װילד פֿערד. און דער פּרעזידענט הײבט זיך אויף און לײענט פֿאַרן ייִדישן מײדל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר, און ער װענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:**

„אָט די ייִדין דאָ, די ייִדישע טאָכטער, איז אַ שװערע זינד באַגאַנגען; אַ שװערע זינד, װאָס גאָט אַלײן, װי גרױס זײַן באַרעמהאַרציקײט זאָל נישט זײַן, װאָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן...

זי האָט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הײליקן לעצטן יום־טובֿ, אויף אונדזערע רײנע גאַסן...

און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הײליקע פּראָצעסיע, אונדזערע הײליקע בילדער, װאָס מיר האָבן מיט לויבגעזאַנג און קעסלפּויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע װײַס געקלײדטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הײליקע פּויקן... און װער װײסט צי האָט דער טײַװל, דער אומרײנער טײַװל, װאָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער ייִדישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבֿס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזער אַ רײניקײט?

װאָס האָט ער געװאָלט, דער טײַװל אין דער שײנער געשטאַלט? װאָרעם לײקענען קאָן איך ניט — שײן איז זי, שײן, װי נאָר אַ טײַװל קאָן זיך מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַלאַ־

---

[12] קוטאַסן, קײקעלעך פֿון פֿעדעם, װי בערשטלעך. — [13] העקעלעך (אויף צוטשעפּען). — [14] אַ שטענדיק הונגעריקער, אַ פֿרעסער.

באַסטער פנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפֿיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן!... זעט אירע פֿינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער פֿון די הענט; די זון לייַכט דורך זיי אַדורך!...

און וואָס האָט ער געוואָלט דער טײַוול? אָפּרײַסן אַ נשמה פֿון דבֿקות אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן:

— זעט דאָס שיינע מיידל! — האָט אויסגערופֿן אונדזערער אַ ריטער פֿון איינער פֿון אונדזערע שענסטע משפּחות...

און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — האַלעבאַרדניקעס[15] האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט — ער האָט זיך אַפֿילו ניט געוועדט, דער טײַוול — וואָרעם, ווי אַזוי? ריין זײַנען זיי דעמאָלט געווען. אָפּגערייניקט פֿון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה ניט געהאָט...

און דאָס איז דעם טײַוולס, אין געשטאַלט פֿון דעם יידיש מיידל, פּסק:

צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַוולאַנישע צעפּ, צום ווידל פֿון אַט דעם ווילדן פֿערד...

זאָל עס לויפֿן און שלעפּן זי ווי אַ הורג איבער די גאַסן, וואָס אירע פֿיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס זי האָט פֿאַראומרייניקט מיט אירע פֿיס״! —

**אַ ווילד פֿריידגעשריי האָט זיך אויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער ארום, און אַז די פֿאַליע פֿון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פֿרעגט מען די פֿאַרמשפּטע צום טויט, אויב זי האָט זיך ניט עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינטשן.**

**— איך האָב! — ענטפֿערט זי געלאַסן — עטלעכע שפּילקעס בעט איך.**

**— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מיינען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.**

---

15 ואַבלייט (אין מיטלעלטער) מיט העלמען און פּאַנצערס.

— ניין! — ענטפֿערט זי רויִק און קאָלט — דאָס איז מײַן לעצטער ווילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט — בינדט־צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן־צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבֿס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווידל פֿון ווילדן פֿערד, וואָס מען קאָן שוין קוים דערהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ און עס ווערט אַ געדרודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פֿון די הײַזער, און אַלע הייבן־אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיצרוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פֿערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט. אַלע פּנימער פֿלאַמען. אַלע אויגן בליצן. און אין געדרודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פֿאַרמשפּטע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פֿונעם קלייד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס זיך אין לײַב — עס זאָל איר לײַב ניט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פֿערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן...

באַמערקט האָט עס נאָר די נע־ונדניצע — די נשמה...

— לאָזט דאָס פֿערד! — קאָמאַנדירט דערווײַל ווײַטער דער פּרעזידענט און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַ מאָל האָט עס זיך אויסגעריסן. און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער, און עס וויִען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיצרוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד איבערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטערגאַסן אַרויס, אַרויס פֿון שטאָט...

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פֿאַרבלוטיקטע שפּילקע פֿון דער פֿאַרמשפּטערס פֿוס און פֿליט שוין מיט איר צום הימל אַרויף.

— נאָך איין מתּנה אין גאַנצן! — טרייסט זי דער מלאך בײַ דער פֿאַרטקע.

— ד —

די דריטע מתנה

און צוריק פֿליט־אַראָפּ די נשמה. אין גאַנצן נאָך איין מתנה דאַרף זי.

און עס גייען ווײַטער אַוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפֿאַלט זי ווײַטער אַ מרה־שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איר, איז נאָך קלע־נער געוואָרן... נאָך קלענערע מענטשן, נאָך קלענערע מעשׂים... די גוטע ווי די שלעכטע...

איין מאָל טראַכט זי:

ווען גאָט, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען, זאָל וועלן אַ מאָל אָפּ־שטעלן און סוף כּל סוף משפּטן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַ מאָל... און פֿון איין זײַט זאָל זיך שטעלן אַ סניגור און שיטן פֿון ווײַסן זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטויבעלעך, און פֿון דער צווייטער זײַט — דער קטיגור זאָל שיטן זײַנע פּיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואָלטן ליידיק געוואָרן... אַזוי פֿיל קלייניקייטן, אַזוי פֿיל!

אָבער, אַז די זעקעלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען?

דאָס צינגל וואָלט געוויס געבליבן שטיין אין דער מיט!

בײַ אַזוינע קלייניקייטן, בײַ אַזוי פֿיל קלייניקייטן קאָן גאָר נישט איבערוועגן... וואָרעם וואָס? נאָך אַ פֿעדערל, נאָך אַ שטרויעלע, נאָך אַ פלעווע, נאָך אַ שטויבל!...

און וואָס וואָלט גאָט געטאָן? וואָס וואָלט ער געפּסקנט? צוריק צו תּוהו ובֿוהו? נישט: די עבֿירות וועגן נישט איבער די מצוות...

אויסלייזן? אויך נישט: די מצוות וועגן נישט איבער די עבֿירות... וואָס דען?

— גיי ווײַטער! — וואָלט ער געזאָגט... — פֿלי ווײַטער צווישן

גיהנום און גן־עדן, ליבשאַפֿט און האַס, רחמנותדיקע טרערן און רויכערדיק בלוט... צווישן וויגן און קבֿרים... ווײַטער, ווײַטער!

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן פֿון די שווערע מחשבֿות — וועקט זי אַ קול פֿון פֿויקן...

ווו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דאָס אָרט, נישט די צײַט...

נאָר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה זעט זי... צו די אײַזערנע גראַטן אין די קליינע פֿענצטערלעך ציִען שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון... זיי גליטשן זיך אויך אָן די שטיקעס [16] פֿון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — ריי־טער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: דורך אַ סטראָי [17] וועט מען טרײַבן...

וועמען?

עפּעס אַ יידל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַלב־געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַר וואָס קומט עס אים? ווער ווייסט, אַ פֿאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפֿשר אַ בילבול... עס איז דאָך געווען פֿאַרצײַטן...

און די זעלנערס שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזוי פֿיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויס־האַלטן די העלפֿט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער... און ער גייט גלײַך און שטרויכלט נישט און פֿאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרימצאָרן כאַפּט־אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן: ער גייט נאָך, ער גייט!

---

[16] באַגנעטן. — [17] אַ שטראָפֿסיסטעם צו קריגן געשלאָגן צווישן ביידע שורות סאָלדאַטן.

און די ריטער פֿײַפֿן אין דער לופֿט ווי די רוחות און כאַפּן־אַרום דאָס לײַב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פֿון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן.

— הו־האָ! הו־האָ!

אין מיטן טרעפֿט דער סאָלדאַט צו הויך און וואַרפֿט דעם פֿאַר־משפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פֿון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס, דער פֿאַרמשפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ ישוב, און איז זיך מיישב, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי הראש, און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, וווּ די יאַרמולקע ליגט. ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אויס און גייט ווײַטער, רויק, רויט פֿאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַר־מולקע אויפֿן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פֿאַלט...

און אַז ער איז געפֿאַלן, איז צוגעפֿלויגן די נשמה און געכאַפּט די יאַרמולקע, וואָס האָט אַזוי פֿיל אומזיסטיקע שמיץ געקאָסט, און איז אַרויף מיט איר צו דער פֿאָרטקע פֿון הימל.

און די דריטע מתנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פֿאַר איר געמיט: די טויערן פֿון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דרײַ מתנות געעפֿנט!

און דער אורים ותומים [18] האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתנות, אויסטערליש שיינע... צו נוץ קומען זיי נישט, גאָר נישט לתשמיש [19], אָבער לנוי [20] — אויסטערליש.

---

[18] הייליקע חפצים אין משכן. „ונתת אל חושן המשפט את האורים ואת התומים והיו על לב אהרן בבואו לפני ד׳״ (שמות כ״ח, ל׳), און זאָלסט אַרײַנטאָן אין דעם חושן פֿון באַשייד די אורים ותומים, און זיי זאָלן זײַן בײַ אַהרנען אויפֿן האַרצן, ווען ער קומט פֿאַר גאָט (יהואָש). — [19] צו באַניצן, ממשותדיק. — [20] פֿאַר שיינקייט וועגן בלויז („נאה״), נישט צו ניצן, נאָר אויף קוקן.

## פדיון שבויים

שיינקייט, מיינט איר, האָט איר אויסגעטראַכט? די פֿריִערדיקע דורות האָבן פֿון שיינקייט גאָר נישט געוווּסט? אַן אײַנרײדעניש! מען האָט פֿון אייביק אָן געוווּסט, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט, אָבער נישט יעדערער איז זוכה צו בײדע וועלטן, און אַ גרויסער נסיון איז עס; מען גייט אויף אַ גליטש..

אָט איז אַ מאָל געווען איינער צמח, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, האָט ער באַקומען אַ גרויסע ירושה — האָט ער טאַקע געפֿירט אַ הויז, אויף אַלע ייִדן געזאָגט! אַ פּאַלאַץ אויפֿגעשטעלט, געמאָלטע דירות, פּריציש מעבל, מיט סאַמעט און זײַד געבעט. דילן, ווי שפּיגלען רויטע, עס האָט געבלענדט! און קרישטאָלענע הענגלײַכטער, און קונציק־געבויגענע העסעס אויף די ווענט, און מזוזות אויף די טירן אין זילבערנע, עכט־זילבערנע שײדלעך מיט גאָלד באַפּוצט... און אַ סוכּה האָט ער זיך געשטעלט אַ געשניצטע, מען האָט געזאָגט: פֿון פּימסנהאָלץ. אַרום אויף די ווענט — יריעות געהאַפּטענע, און אויסגעהאַנגענע מיט אתרוגים, לולבֿים, גראַנאַטן... און אַלע יאָר, לכּבֿוד יום־טובֿ, פֿרישע. אַ הויז — אַ גן־עדן. און אַ ווײַב האָט ער געהאַט אַן אמתע יפֿה־פֿיה, אַ יפֿת־תּואר, פּאָרטרעטן צו מאָלן... האָט מען אָבער אין יענער וועלט אויך נישט פֿאַרגעסן: האָט די יפֿת־תּואר געהאַט איר גרויסע שטוב באַזונדער, האָט זי די שפּיגלשטוב געהייסן: גרויסע געשליפֿענע שפּיגלען אַרום אויף אַלע ווענט און אין שטוב זײַנען געשטאַנען רעדלעך צום שפּינען, און רעמען צום שטיקן און העפֿטן. פֿאַרזאַמלט זי בײַ זיך אין שטוב, אַ פּאָר שעה אין טאָג, אויסער שבתים און ימים־טובֿים, די יתומות פֿון שטעטל און לערנט זיי שפּינען פֿון וואָל און פֿלאַקס, העפֿטן און שטיקן מיט זילבער און גאָלד. זי האָט דערצו אַ געבענטשטע האַנט געהאַט, אַ בריה נפֿלאה

געווען, און דערביי אַ חכמה נפלאה און אַן אמתע צנועה. פֿלעגט זי זיי בײַם לערנען אויך מדריך זײַן, גוטע רייד ריידן און קלוגע רייד, ווי אַזוי אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף זיך אויפֿפֿירן וכדומה. דאָס איז איר מצווה געווען. און דער מאַן צמח האָט זײַן מצווה געהאַט: אין קרוינפּוילן איז געווען אַ צײַט פֿון תוהו ובֿוהו, איין מלך האָט מען אַרויסגעטריבן, דעם צווייטן — נאָך נישט אויסגעקליבן, און בין מלכא למלכא איז „איש הישר בעיניו" — איז יעדער שלאַבאַן[1] געװען אַ גרענעץ, יעדער מאַיאָנטעק[2] — אַ באַזונדער מלוכה און יעדער פּריץ אַ קייסער, וואָס האָט זיך זײַן חייל און זײַנע תּפֿיסות געהאַט. פֿעלן דאָך נישט, מן הסתם, קיין שלעכטע פּריצים, ווילדעווען זיי — און אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי דער סדר־עולם איז, צו זרע אַבֿרהם יצחק ויעקבֿ... האָבן געליטן די ישובֿניקעס, די פּאַכטערס מיט אַרענ־דאַרן. פֿאַר אַ שלעכט וואָרט — שמיץ, פֿאַר נישט צאָלן אַ ראַטע צו דער צײַט — תּפֿיסה, אַנגעטאָן דיבעס[3] און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ נאַסע הייל מיט ווײַב און קינדער... האָט זיך דער צמח פֿאַרנומען מיט פּדיון שבֿויים און פֿלעגט אַרומפֿאָרן אין די דערפֿער מיט אַ בײַטל מיט רענדלעך און אויסלייזן.

איין מאָל, ווינטערצײַט איז עס געווען, אַ גרויסער שניי אָנגע־פֿאַלן, פֿאָלט־אַרײַן צום גבֿיר צמח אַ מלמד פֿון אַ דאָרף, וווּ ער האָט בײַם אַרענדאַר געקנעלט, אָטעמט קוים פֿאַר שרעק, די אויגן קריכן אים פֿון אונטערן שטערן אַרויס, און מיט שוים איבער די ליפּן דער־ציילט ער, אַז הײַנט פֿאַר טאָג איז מען פֿון פּריץ באַפֿאַלען דעם אַרענדאַר, אָנגעטאָן דיבעס אים מיטן ווײַב און אַלע בני־בית, פֿאַר־נומען און אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה אַרײַן, און ער אַליין, דער מלמד, איז קוים אַנטלאָפֿן מיטן לעבן; מען האָט אים אויך געוואָלט פֿאַרנע־מען, נאָר ער האָט אַ פֿענצטער אויסגעהאַקט, אַרויסגעשפּרונגען און

---

[1] באַריער ביי דער ־ראָגאַטקע (עק שטאָט). — [2] גוט, נחלה, פּריציש אייגנ־טום. — [3] (פּאַלאַניזם) שטעקנס אויף די פֿיס, אַ מין בינדן, ווי אַ שלאָס.

איבערן וואַלד אַנטלאָפֿן. אַ פּויער האָט אים נאָכגעוואָרפֿן אַ קלאָ־ניצע[4], אין פֿוס אַרײַן געטראָפֿן, און אָט בלוטיקט נאָך דער פֿוס... שיקט מען נאָכן רופֿא צום מלמד און צמח הייסט אײַנשפּאַנען דעם שליטן, וואַרפֿט זיך אַרײַן אין ביבערפּעלץ, פֿאַרגעסט נישט מיטצו־נעמען אַ בײַטל מיט רענדלעך, זאָגט אַ תּפֿילה קצרה פֿאַרן וועג און פֿאָרט... וואָס רעכנט ער, צמח? דער אַרענדאַר האָט קיין ראָטע נישט באַצאָלט! פֿאַלט ער אַרײַן צום פּריץ — אַרײַן לאָזט מען אים, ער איז דאָך צמח, האָט עסקים מיטן פּריץ — לאַנג ברײַען וויל ער נישט. דער אַרענדאַר מיט די בני־בית קאָנען דערווײַל געפֿרוירן ווערן אין תּפֿיסה — דער פֿראָסט קנאַקט, פֿאַרשמירטע שויבן! פֿרעגט ער נאָר:

— יאַסני פּאַניע[5], וויפֿל קומט פֿון אַרענדאַר?

שמייכלט דער פּריץ פֿון אונטער די וואָנצעס און שלעכטע פֿײַ־ערלעך שלענגלען זיך אים אין די אויגאַפּלעס: עס קומט אים בײַם אַרענ־דאַר גאָר נישט... פֿאַר אַ חובֿ וואָלט ער אים אין תּפֿיסה אַרײַנגע־וואָרפֿן? פֿאַלט־אײַן בײַ צמחן דאָס האַרץ. פֿרעגט ער:

— יאַסני פּאַניע, ער האָט דיך באַליידיקט, אַ שלעכט וואָרט געזאָגט?

— וואָלט ער שוין לאַנג געהאָנגען!

— וואָס דען, יאַסני פּאַניע, וואָס דען? און דאָס האַרץ בײַ צמחן קלאַפּט ווי בײַ אַ גזלן.

— גאָר נישט! — זאָגט דער פּריץ — נאָר איך ווייס, זאָגט ער, אַז איר האָט אַ גרויסע תּורה מיט תּרי״ג מצוות און אַלע קאָנט איר נישט מקיים זײַן, נעמט זיך יעדער ייִד צו איין מצווה, צו זײַן מצווה, פֿאַר וועלכער ער איז זיך מקריבֿ, און מען האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט אויף דיר גענומען פּדיון שבֿויים, און דו האָסט אַ ווײַב אַ יפֿה־פֿיה, אַן אמתע יפֿת־תּואר, שענער ווי אַלע פּריצות, וויל איך דו

---

[4] (פּ׳) ראַד־דרענגל פֿון אַ וואָגן. — [5] (פּ׳) ליכטיקער הער (טיטל).

זאָלסט מקיים זײַן פּדיון שבֿויים... פֿאַר איין שעה יחוד מיט דײַן ווײַב!
— מאַנס זײַן וועל איך זי נישט.

כאַפּט צמח און אַנטלויפֿט און פֿאַרגעסט אין שליטן און לויפֿט צו פֿוס. לויפֿט ער פֿאַרבײַ פֿאַרן פּריצס תּפֿיסה, גייען גויים מיט קאַסעס אַרום דער תּפֿיסה אויף דער וואַך און פֿון תּפֿיסה הערט זיך אַ גרויסע יללה, און איין פֿויער לייגט־איבער די קאַסע פֿון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט אוןווישט זיך מיטן רעכטן אַרבל די אויגן אויס:

— פֿאַניע צמח, זאָגט ער, אַ ביטערער רחמנות, איין קינד איז שוין דערפֿרוירן געוואָרן...

כאַפּט עס צמחן אָן בײַם האַרץ, לויפֿט ער צוריק צום פּריץ: אַז נישט מאַנס זײַן, איז ער בײַ גאָט אין די הענט — און דער שליטן איז נאָך אײַנגעשפּאַנט. כאַפּט אויף זיך דער פּריץ אַ בערנפּעלץ, לויפֿט־אַרויס, צמח שטרויכלט נאָך, דער פּריץ זיצט שוין אויבן אָן, כאַפּט־אָן צמחן, וואָס ווײַגערט[6] זיך אײ דער העלפֿט, הייבט אים אויף ווי אַ קינד און זעצט אים נעבן זיך, און גיט אַ זעץ דעם שמײַסער אין די פּלייצעס אַרײַן: פֿאָר! און די אָפּגעקילטע פֿערד רײַסן־אויס מיט אַ מאָל און מען פֿאַרשווינדט אין אַ שטויב פֿון שניי, גלײַך שדים וואָלטן געפֿלויגן...

געקומען, לאָזט צמח דעם פּריץ אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן און גייט איבערן קאָרידאָר צום ווײַבס חדר. שטייט די טיר אָפֿן. שטייט דאָס ווײַב צווישן יתומות און רעדט מיט זיי האַרציקע דיבורים און לערנט זיי. רופֿט ער זי אַרויס און דערציילט מיט גרויס געוויין און האַרצווייטיק, וואָס עס איז געשען, און ווײַזט איר אָן אויפֿן חדר, וווּ דער פּריץ וואַרט אויף איר. און איידער ער הערט איר תּשובֿה, ווערט אים, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, נישט גוט, פֿאַלט ער אַנידער אויף אַ שטול און בלײַבט חלשות... און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פֿאַרשטייט ער נישט, וואָס דאָ איז געשען, וואָס ער זיצט אין פֿאָדערהויז. אויף

[6] (ד׳) ציט־אָפּ, ווил נישט, פֿאַרלייקנט. צווייפֿלט, וואַקלט זיך.

אַ שטול און איז אַזוי מאַט און באַגאָסן מיט שווייס. עפֿנט ער אויגן און אויערן, דערהערט ער דעם פּריצס קול פֿון אַ שטוב. דערמאָנט ער זיך אַלץ מיט אַ מאָל, שפּרינגט־אויף, לויפֿט־צו צו דער טיר. די טיר איז פֿאַרמאַכט; בייגט ער זיך איַין, קוקט דורכן לאָך פֿון שליסל, זעט ער, ווי זי זיצט אויף דער סאָפֿע, ער נעבן איר אויף אַ פֿאָטער־שטול, אויפֿן טיש — כּיבוד, און ער האַלט אירע הענט אין זיַינע הענט, און אָט נעמט ער אירע הענט צו זיַין מויל. כאַפּט צמחן אָן אַ שרעק. הייבט ער אָן לויפֿן איבערן פֿאָדערהויז. לויפֿט ער פֿאַרביַי דער שטוב, וווּ די מיידלעך זיצן. די טיר איז אָפֿן, זעט ער גאָר, אַז זיַין וויַיב זיצט צווישן די מיידלעך און לערנט זיי, און איר פּנים שטראַלט מיט חכמה און צניעות. וואָס איז? אַ פֿאַרבלענדעניש? לויפֿט ער צו־ריק צום לאָך פֿון שליסל אין יענעם חדר, זיצט זי, שוין איבערגע־בויגן צום פּריץ, איר קאָפּ אויף זיַין אַקסל און ער נעמט זי אַרום און בייגט צו די יצר־הרע־פֿאַרשיכּורטע אויגן צו איר בלאַס פּנים, די וואָנצעס צו די ליפּן. כאַפּט צמחן וויַיטער אָן אַ גרויל. לויפֿט ער צו יענער שטוב — זיַין וויַיב איז פֿאָרט צווישן די מיידלעך. ער זעט זי באַשיַינפּערלעך און ער הערט איר קול און טרינקט מיט דאָרשט אירע קלוגע רייד:

— אַ יידישע טאָכטער — לערנט זי די יתומות — מוז זיַין ריין, ווי אַ קרישטאָל, ווי אַ ריינקייט.

דערהערט ער אָבער אַ גערודער פֿון יענעם חדר, כאַפּט עס אים אָן און וואַרפֿט אים אַהין. זי זיצט שוין אין גאַנצן אויף זיַין שויס, נעמט־אַרום מיט וויַיסע נאַקעטע הענט זיַין רויטן האַלדז, און מויל גענענט זיך צו מויל, ליפּן — צו ליפּן, אַז עס קלינגט... פּאַקט עס אים, ווי אַ שגעון. לויפֿט ער צוריק. דערהערט ער שוין אויפֿן וועג איר זיס־קלינגענדיקן קול פֿון דער שפּיגלשטוב אַרויס:

— אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיַין שטיל ווי אַ טויב און ריין, ווי אַ שפּיגל. אָן אַ הויך...

פֿאַרדרייט זיך שוין דעם אָרעמען צמח אין קאָפּ, פֿאַלט ער, אַ שווייס־באַגאָסענער, אויף דעם שטול און פֿאַרגעסט זיך אין גאַנצן...

און אַז די שעה פֿון יחוד איז אַריבער, כאַפּט ער זיך פֿון זיך אַליין אויף. דער פּריץ גייט־אַרויס פֿון פֿאָדערהויז. ער זעט נאָך זײַן רייטן קאַרק אין טיר, ווי ער פֿאַרשווינדט. דערמאָנט ער זיך אַלץ, וויל אויפֿשפּרינגען. קומט אָבער זײַן ווײַב, זיס און צניעותדיק־שטראַלנדיק, פֿון שפּיגלשטוב אַרויס, גייט צו אים שטיל צו, לייגט די האַנט אויף זײַן שטערן און זאָגט אים:

— אין זכות פֿון פּדיון שבֿויים!

ענטפֿערט ער איר:

— אין זכות, וואָס דו לערנסט די יתומות...

ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ סיעתא דשמיא [7] — אויפֿן יצר־הרעדיקן פּריץ אַ פֿאַרבלענדעניש.

[7] מיט דער הילף פון הימל (בבא בתרא נ"ה).



פון י. ל. פרצעס ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק אויפגעפירט פון מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער

# ניסים אויפֿן ים

אין דער מדינה האָלאַנד, אין אַ האַלב אײַנגעזונקן הײַזל בײַם ברעג פֿון ים, האָט געוווינט אויך אַ שטומע נשמה — אַ ייִדישער פֿישער מיטן נאָמען סאַטיע. אפֿשר נאָך אַן עלטערזיידן סעדיה; נאָר פֿון דעם האָט ער נישט געוווּסט, ער האָט בכלל זייער ווייניק געוווּסט פֿון ייִדישקייט. פֿון אָבֿות־אָבֿותיו אַ פֿישער, פֿאַרברענגט טעג און יאָרן אויפֿן ים, געלעבט — איין איינציקע ייִדישע משפּחה צווישן ניט־ייִדן, וואָס זאָל ער וויסן? סאַטיע כאַפּט פֿיש; דאָס ווײַב זײַנס שטריקט נעצן און פֿירט די שטוב; די קליינע קינדער וואַלגערן זיך אין זאַמד און זוכן בורשטין... און אַז סאַטיע גייט אויפֿן ים און עס מאַכט זיך אַ שטורעמווינט, עס ווערט סכּנות־נפֿשות, האָט — נישט ער אויפֿן ים, נישט דאָס הויזגעזינד אין שטוב, נישט געקאָנט אַפֿילו קיין שמע ישׂראל מתפּלל זײַן... האָט סאַטיע געקוקט שטום אין הימל אַרײַן; דאָס ווײַב זײַנס שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרײַן אָדער שלײַדערט נאָך אפֿשר אַ בייזן בליק צום בייזן, פֿינצטערן הימל אַרויף און די קינדער וואַרפֿן זיך אויפֿן זאַמד און רופֿן גלײַך מיט אַנדערע קינדער: „סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ"!

און פֿון וואַנען האָבן זיי געזאָלט וויסן מער? צו פֿוס גיין אין קהילה אַרײַן — איז ווײַט; פֿאָרן האָט די אָרעמע פֿאַמיליע, וואָס האָט קוים פּרנסה געהאַט, נישט געקאָנט; און אַ חוץ דעם לאָזט דער ים נישט אַוועק. סאַטיעס פֿאָטער, סאַטיעס זיידע און עלטערזיידע זײַנען אומגעקומען אויפֿן ים. נאָר אַזאַ כּוח האָט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענטשנס געפֿערלעכסטער שונא, און גאַנץ אָפֿט אַ פֿאַלשער שונא, און — ליב האָט מען אים, און צו׳ן ווערט מען צוגעצויגן צו אים ווי מיט צוואַנגען... און מען קאָן זיך פֿון אים נישט אָפּרײַסן, וויל מען לעבן אויף אים און אונטערגיין אין אים...

*

נאָר איין ייִדישער מנהג איז אין דער משפּחה געבליבן — יום־כּיפּור!

ערבֿ יום־כּיפּור אין דער פֿרי האָט מען אויסגעקליבן דעם גרעסטן פֿיש און די גאַנצע משפּחה איז געגאַנגען מיטן פֿיש אין שטאָט אַרײַן, און אָפּגעגעבן האָט מען דעם פֿיש דעם קהלשן שוחט, בײַ וועלכן מען פֿלעגט פֿאַרפֿאַסטן און עסן נאָכן תּענית.

איבערן מעת־לעת פֿלעגט די משפּחה זיצן אין האָלענדישן מקום־קדוש, צוהערן זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגל שפּילט, ווי דער חזן זאָגט אויף זײַן אופֿן און שטייגער... פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט האָט מען נישט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פּריידיקער אין דער גאָלדענער יאַרמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אויפֿגעהויבן, האָט מען זיך אויך אויפֿגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אַראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריקגעזעצט. טײל מאָל פֿלעגט סאַטיע פֿאַר מידקייט אײַנדרימלען, האָט אים אַ שכן מיט אַן עלנבויגן צום אויפֿשטיין געוועקט...

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום־כּיפּור. אַז עס איז אַ יום־הדין, אַז אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט און וואָס אין הימל טוט זיך — פֿון דעם האָט סאַטיע נישט געוווּסט. עס איז בײַ אים אַ מנהג געווען, יום־כּיפּור צו הערן כאָר און אָרגל אומגעגעסן, און אַז נאָך נעילה (ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט, אַז עס הייסט נעילה) גייט מען צום שוחט אויף וועטשערע... אַ סך מער האָט דער שוחט אַליין אפֿשר אויך נישט געוווּסט — האָלאַנד!

און באַלד נאָכן שוואַרצן קאַפֿע, פֿלעגט סאַטיע מיטן ווײַב און מיט די קינדערלעך זיך אויפֿהייבן, געזעגענען זיך מיטן שוחט און זײַן הויזגעזינד, און אָנווינטשעווען זיך, און אַוועקגיין און וואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט צום ים. נישט אַהיים פֿלעגט מען זאָגן, נאָר — צום ים.

און אויפֿהאַלטן לאָזט מען זיך נישט.

— סטײַטש? — טענהט דער שוחט מיט דער שוחטקע — איר האָט דאָך אַפֿילו די שטאָט נישט געזען.

פֿאַרקרימט זיך סאַטיע:

— די שטאָט!

קיין בעל־דברן איז סאַטיע נישט. דער ים לערנט שווײַגן. נאָר

די שטאָט האָט ער פֿײַנט, ענג, אָן לופֿט און אָן הימל. אַ פּאַסיקל צווישן דאַך און דאַך... אויפֿן ים אָבער — אַ רחבֿות... עס אָטעמט זיך...

— עס איז דאָך אײַער שונא... אײַער טויט! — טענהט מען צו אים.

— אָבער אַ גוטער טויט!

ער וויל האָבן זײַן פּאָטערס און זײַן זיידנס סוף — אײַנגעשלונגען ווערן געזונטערהייט פֿון ים, נישט קרענקען און גוססן אַ צײַט לאַנג אויף אַ בעט... הערן ווי מען וויינט... און דערנאָך באַגראָבן ווערן... אין דער האַרטער ערד... בררר!

קאַלט ווערט אים, אַז ער דערמאָנט זיך פֿון אַזאַ קבֿורה... —

און מען גייט צו פֿוס אַהיים, צום ים...

און אַז מען גייט צו פֿוס איבער נאַכט, און עס הייבט־אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פֿון זאַמדיקן ברעג, און דערנאָך בליצט־אויף דער שפּיגל פֿון ים, דערפֿרייט מען זיך, פּאַטשט מען מיט די הענט...

אַ חתן מיט אַ כּלה פֿרייט זיך נישט אַזוי...

און אַזוי גייט עס פֿון יאָר צו יאָר...

עס בײַט זיך דער פֿישער, זעלטענער — דער שוחט; מנהג בלײַבט מנהג.

און דער מנהג איז אַ סכום הכּולל פֿון פֿאַסטן, כּאָר און אָרגל, אויסגעמישט מיטן גרויסן פֿיש צו דער וועטשערע נאָך נעילה בײַם שוחט, מיטן געזעגענען און אָנווינטשן זיך...

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציקער פֿאָדעם, וואָס בינדט צו סאַטיען צום כּלל־ישׂראל...

*

ויהי היום, איין מאָל פֿאַר טאָג, קוים געגרויטעלט האָט זיך דער מיזרח. שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער אָטעמט, קוים עס הערט זיך זײַן ברומען, ער ציט זיך פֿויל און נאָך פֿאַרחלומט אויס. און ציט זיך אײַן... ווו ניט ווו פֿלאַטערט אין דער בלויער לופֿט אַ ווײַסע פֿאָר פֿליגל, שרײַט־אויף אַן עוף... און ווײַטער שטיל... שטילע

גלאַנצן פֿליִען איבערן ים. גאָלדענע פֿלעקן גליטשן זיך איבערן געלן זאַמד. פֿאַרמאַכט זײַנען די שיפֿער־שטיבלעך איבערן ברעג. נאָר אַ טיר סקריפּעט, — סאַטיע גייט־אַרויס...

ערבֿ־יום־כּיפּור אין הײַנט. פֿרום און ערנסט איז זײַן פּנים, שטיל לײַכטן אים די אויגן: ער גייט טאָן אַ מצווה, כאַפּן אַ פֿיש אויף יום־כּיפּור!

און ער גייט צום שיפֿל צו און נעמט־אָן די. קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדן צום באָרט. די קייט קלינגט און קולות דערהערן זיך רעכטס און לינקס:

— גיטע, גיטע!

דאָס רופֿן צו אים די שכנים, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פֿון די קליינע פֿענצטערלעך.

רויִק און שטיל ליגט ווײַט און ברייט אויסגעגאָסן דער ים, צו־זאַמענגעגאָסן מיטן זוים פֿון פֿריש־מאָרגענדיק לאַכנדיקן, פֿריילעכן הימל... קוים ער אָטעמט, דער ים, קוים ער רונצלט זיך בײַם ברעג און, ווי בײַ אַ גוטער באָבען, טאַנצן ליכטיק־גלאַנצנדיקע שמייכלען צווישן די רונצלען... און עפּעס מורמלט ער, אַ באָבע־מעשׂה דער־ציילט דער ים די צעוואָרפֿענע, מיט לאַנגע וואַסער־פֿלאַנצן, ווי מיט האָר באַוואַקסענע שטיקער פֿעלדזן, און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיק, שפּילנדיק — דער פֿישער אָבער קען בעסער דעם ים און ער גלייבט אים נישט.

— גיטע...

דער ים וויגט זיך און וועט זיך צעוויגן און פּלאַצן וועט דער ליכטיקער שפּיגל, און פֿון שפּיל וועט ווערן אַן ערנסט, פֿון שטילן ברומען — געשריי און געפּילדער, און פֿון רונצלען וועלן אויפֿשטיין וואַלן[1], וואָס וועלן שלינגען שיפֿלעך און שיפֿן, ווי קליינע פֿישלעך דער לוויתן...

— גיטע...

---

[1] כוואַליעס, ווי הויכע באַריערן.

און אַ באָרוועסער אַלטער מאַן, מיט אַ פֿלאַטערדיקן גרויען קאָפּ און אַ היטל, מיט אַן איינגעשרומפּענעם פּנים, ווי דער ים, נאָר אָן זיין פֿאַלשן, זיסן שמייכל — קומט־אַרויס פֿון אַ שטיבל, גייט צו סאַטיען צו און לייגט אים אַרויף די האַנט אויפֿן אַקסל:

— זע!

און ער ווייזט אים אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע, וואָס נאָר אַ פֿיי־שעראויג קאָן דערזען אויפֿן זוים פֿון הימל.

— פֿון דעם וואַקסט־אַרויס אַ וואָלקן...

— כ׳וועל פֿריִער צוריק אין דער היים זיין — ענטפֿערט סאַטיע — אײן פֿיש וויל איך נאָר כאַפּן.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים ביי זיין אַלטן שכן:

— האָסט ווייב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימל! — ענטפֿערט סאַטיע מיט בטחון — ער גייט זיין מצווה טאָן... און ער שטופּט־אָפּ דאָס שיפֿל און שפּרינגט־אַריין...

און לייכט ווי אַ פֿעדער טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים און דער ים וויגט עס אַרום, זיס־ברומענדיק, אַזוי ליבלעך, און זוימט עס און וויקלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פֿאַרמאָגט — און דער אַלטער פֿישער שטייט אויפֿן ברעג און מורמלט:

— סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ!

לייכט טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבערן ים — געשיקט וואַרפֿט סאַטיע אַראָפּ זיין נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כּוחות ציט ער זי קוים־קוים אַרויס און געפֿינט אין איר וואַסער־פֿלאַנצן, ים־שטערן, — נאָר נישט קיין אײנציקן פֿיש...

דער אַלטער פֿישער אויפֿן ברעג האָט דאָס שיפֿל שוין פֿאַרלוירן פֿון אויג. סאַטיע ציט שוין צום דריטן מאָל און צום פֿערטן מאָל אַרויס די נעץ: נישט לייכט איז זי אַרויסצוציִען. אַלערליי וואַסער־פֿלאַנצן האָבן זיך אין אירע אויגן פֿאַרפֿלאָכטן — נאָר קיין אײנ־ציקער פֿיש...

און דער ים וויגט און צעוויגט זיך וואָס אַ מאָל שטאַרקער, און אויפֿן הימל איז שוין אַרויפֿגעשווומען די זון, נאָר פֿײַכט איז איר גלאַנץ — אַ פֿאַרוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פּינטעלע אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן הינטערוויילעכץ אונטער דער זון, ווי אַ ברוינע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און רוקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האַלבער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרוווט און פּרוווט דאָס מזל.

— גאָט — טראַכט ער — וויל נישט, איך זאָל דאָס יאָר מקיים זײַן די מצווה. מען מוז צוריק!

און טרויעריק ווערט אים אויפֿן האַרצן: ער האָט געמוזט עפּעס זינדיקן קעגן גאָט, וועלכער באַווייליקט נישט הײַיאָר זײַן קרבן. און ער נעמט דעם רודער פֿעסט אין דער האַנט אַרײַן און וויל שוין אויסדרייען דאָס שיפֿל צוריק. נאָר אין דער זעלביקער רגע באַקומט ער אַ שפּריץ אין פּנים אַרײַן, און ער דרייט זיך אויס און דערזעט, ווי אַ גרויסער גאָלדענער פֿיש וואַרפֿט זיך, שפּילנדיק, איבערן ים און שפּריצט מיטן וויידל איבערן וואַסער.

ע! דעם פֿיש מוז ער כאַפּן, דעם פֿיש האָט אים גאָט באַשערט, וואָס האָט זײַן עגמת־נפֿש געזען, זײַן בענקען, מקיים צו זײַן די מצווה. — און ער דרייט צוריק אויס, און יאָגט נאָך דעם פֿיש...

און דער ים איז שוין צעוויגט. כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער... אַ האַלבע זון איז שוין מיט אַ וואָלקן באַדעקט, בונטן ווײַסע שטראַלן רײַסן זיך קווער אַהער פֿון הינטערן וואָלקן. און דער פֿיש שווימט איבער די פּלייצעס פֿון די כוואַליעס, און סאַטיעס שיפֿל נאָך, נאָך... און פֿאַרשווונדן ווערט פּלוצלינג דער פֿיש. צווישן אים און סאַטיעס שיפֿל הייבט זיך אויף אַ וואַל, אויפֿגעבלאָזן, אויפֿגעיאָגט פֿון ווינט...

— עס נאַרט מיך, עס בלענדט מיר די אויגן! — טראַכט סאַטיע און וויל ווײַטער אויסדרייען דאָס שיפֿל און שווימען צוריק. אין דער זעלביקער רגע לייגט זיך אָבער די כוואַליע, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל

אײַנגעזונקען געוואָרן; כּמעט צום שיפֿל צו שווימט צו דער פֿיש און קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן, גלײַך ער בעט זיך: נעם מיך, נעם מיך... זײַ מקיים מיט מיר די מצווה, זײַ מיך מזכּה מיט איר...

דרייט סאַטיע צוריק אויס — פֿאַרלוירן ווערט דער פֿיש! אַ נײַע כוואַליע שווימט־אויף צווישן אים און דעם שיפֿל, און עס הייבט זיך ווידער אָן דער ירגזון פֿון ים. נישט קיין ליבלעך לידל זינגט ער, דער ים, ער כּעסט זיך: אַ העזה, אַצינד אויף אים צו שווימען, אויף זײַנע כוואַליעס צו טרעטן! און גלײַך זי וואָלט זיך פֿאַרן ים דערשראָקן, באַהאַלט זיך הינטערן וואָלקן די זון... אויף דעם, זעט־אויס, האָט נאָר געוואַרט דער ווינט — ער איז באַפֿרײַט געוואָרן און צעיאָגט זיך מיט אַן אויסגעלאַסענעם צאָרן. און ער שמײַסט, און פּאַטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאָך מער אויף דעם ים. און דער ים ברויזט און קנאַקט, גלײַך טויזנטער באַסן שפּילן אין זײַנע געדערעם, קעסל־פּויקן — אין זײַנע כוואַליעס...

— אַהיים, אַהיים! — קלאַפּט בײַ סאַטיען דאָס האַרץ, און ער נעמט צוזאַמען די נעצן אין שיפֿל אַרײַן, און כאַפּט שטאַרקער אָן דעם רודער, און אַרבעט מיט אַלע קרעפֿטן. די אָדערן אין דער האַנט ווילן פּלאַצן. ווי אַ הוילע נוס וואַרפֿט זיך דאָס שיפֿל אויף־און־אָפּ איבער די כוואַליעס. פֿאַרשוואַרצט איז דער הימל, ברוין־צאָרנדיק דער צעבראָכענער ים — און ער אַרבעט אַלץ — אַהיים, אַהיים...

פּלוצלינג דערזעט ער, עפּעס שווימט צו אים צו פֿון דער זײַט — אַ מענטשלעכער קערפּער שווימט, אַ דערטרונקענער — אַ פֿרוי איז עס — פֿאַר איר שווימען די האָר, שוואַרצע האָר — זײַן ווײַב האָט אַזוינע האָר... פֿון אונטער די האָר באַווײַזן זיך ווײַסע הענט — זײַן ווײַב האָט אַזוינע הענט... און אַ קול רופֿט: — ראַטעווע! — זײַן ווײַבס קול... די מוטער פֿון זײַנע קינדער... זי האָט אים געמוזט נאָכשווימען אויפֿן צווייטן שיפֿל. זי טרינקט זיך, זי רופֿט נאָך זײַן הילף...

און ער דרייט דאָס שיפֿל אויס רעכטס און וויל צו צום קערפּער — דער ים לאָזט נישט! כוואַליעס הייבן זיך אין דער מיט. דער

שטורעם רײַסט און וואָיעט — נאָר אין דעם שטורעם הערט ער איר קול: — העלף! העלף! סאַטיע, העלף!...

און ער שטרענגט־אָן די לעצטע קרעפֿטן צוצושווימען. און אָט איז ער שוין נישט ווײַט פֿון ווײַסן פֿלעק. די האָר זעט ער שוין נישט, נאָר דאָס שווימענדיקע, זינקענדיקע קלייד... מיטן רודער צו דער־לאַנגען... נאָר אין דער מיט, צווישן אים און זײַן ווייב, הייבט זיך אויף אַ וואַל, שטויסט זי אָפּ אין איין זײַט, דאָס שיפֿל — אין דער צווייטער — — —

— אַ פֿאַרבלענדעניש! — טראַכט ער, זיך דערמאָנענדיק אַז דאָס זעלביקע האָט ער געהאַט מיטן גאָלדענעם פֿיש; און נישט ווילנדיק וואַרפֿט ער אַן אויג צום ברעג, זעט ער, ווי עס לײַכטן זיך שוין אין די פֿישער־הײַזלעך די פֿענצטער.

— יום־כּיפּור! — דערמאָנט ער זיך און לאָזט פּלוצלינג אַרויס דעם רודער פֿון דער האַנט.

— טו מיט מיר — שרײַט ער צום הימל אַרויף — וואָס דו ווילסט, יום־כּיפּור רודער איך נישט!...

און דער ווינט רײַסט, אין כּף־הקלע וואַרפֿן די כוואַליעס דאָס שיפֿל; און סאַטיע, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פֿון דער האַנט, אַזוי זיצט ער רויק און קוקט מיט אָפֿענע אויגן אַ מאָל צום פֿאַרשלאָסענעם הימל אַרויף, אַ מאָל צום קאָכנדיק־שוימענדיקן ים אַראָפּ.

— טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דײַן רצון געשען...

פּלוצעם דערמאָנט ער זיך אַ ניגון פֿון כאָר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל, און ער הייבט־אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די דאָזיקע שטומע נשמה האָט נאָר דאָס איינציקע לשון צו ריידן מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער, די כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער, שאַרפֿער נאָך בלאָזט דער ווינט... דאָס שיפֿל וואַרפֿט זיך באַרג־אויף, באַרג־אָפּ, איין כוואַליע וואַרפֿט עס צו דער צווייטער... איינע רײַסט אים אַרויס און שלײַדערט אים אַוועק דעם רודער, אַ צווייטע קומט־אָן פֿון הינטן און יאָגט זיך נאָכן שיפֿל

מיט אַן אָפֿן מויל... דער ווינט רײַסט ווי טויזנטער וועלף — אין דעם געדודער אַרײַן זינגט סאַטיע דעם ניגון פֿון „מי ינוח ומי יניע״ [2]... ווי דער כאָר, אונטערגעהאַלטן פֿון אָרגל...

די כוואַליע שלאָגט אין שיפֿל אַרײַן. סאַטיע וויל שטאַרבן זינ־גענדיק, נאָר דאָס שיפֿל קערט זיך איבער. אָבער סאַטיען איז נאָך דער טויט נישט באַשערט...

צוויי ווײַסע געשטאַלטן, ווי פֿון נעפּל געוועבטע, גייען האַלטנדיק זיך בײַ די הענט, באָרוועס, מיט צעפּלאָסענע האָר און לײַכטנדיקע אויגן, איבערן ים. און ווי סאַטיע דרייט זיך איבער מיטן שיפֿל, קומען זיי צו, הייבן אים אויף, נעמען אים צווישן זיך און גייען מיט אים אונטער די אָרעמס, און טרעטן מיט אים איבער די כוואַליעס, ווי איבער בייטן און בערגלעך, און פֿירן אים אַזוי געאָרעמט צווישן ווינט און געטומל. ער קוקט און וויל ריידן, עפּעס פֿרעגן וויל ער — נאָר זיי זאָגן אים:

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג! — דײַן געזאַנג וועט גובֿר זײַן דעם צאָרן פֿון ים...

*

זיי גייען מיט אים און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפֿל זײַנס גייט אים נאָך... ער דרייט זיך אום — דאָס שיפֿל מיט דער נעץ און אין דער נעץ איז פֿאַרוויקלט דער גאָלדענער פֿיש...

און אַז זיי האָבן אים צוגעפֿירט צום ברעג און געלאָזט אים אַהיים, האָט ער געטראָפֿן בײַ זיך דעם שוחט מיט דער שוחטקע...

אין שטאָט איז אַ שׂריפֿה געווען, זײַנען זיי געקומען צו אים צו גאַסט...

האָט מען געקוילעט דעם פֿיש און — מנהג איז געבליבן מנהג...

---

[2] (פֿון יום־כּיפּורדיקן מוסף) וועמען ס׳וועט באַשערט זיין צו רוען און וועמען עס וועט באַשערט זיין צו וואָגלען („בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון״).

# דער זיווג

אָדער

# שרה בת טובים

— 1 —

און די מעשׂה, וואָס איך וועל איצט דערציילן, איז אַן אויסטערליש־וווּנדערלעכע מעשׂה און — אַן אמת גמור. זי איז אין קיין שום ספֿר נישט געדרוקט, אין קיין קהלשן ‧פּנקס נישט פֿאַרשריבן; איך האָב זי בקבלה איש מפּי איש און שטאַמט פֿון אַ גרויסן אָרט...

און געשען איז די מעשׂה פֿאַר צײַטנס, ווען עס זײַנען נאָך אַזוי פֿיל שטעט און דערפֿער נישט געווען; אַ וועלט מיט „וואַלד־אויס, וואַלט־אײַן". און געטראָפֿן האָט זיך עס אין מעהרען[1] דער מדינה, אַ ייִדישע קהילה איז זעלטן, משפּחותווײַז אין דערפֿער פֿאַרזייט, אין וועלדער צעשפּרייט, אָן תּורה, אָן תּפֿילה בציבור, אויסער ימים נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווײַטע שטעט אַרײַן.

זיצט זיך דעמאָלט אַ ייִד אַ שווײַגער[2] בײַ אַ גראַף אין אַ דאָרף. פּרנסה רינט איבערן מויל... פֿינף הונדערט קי מעלקט ער דעם גראַפֿס. זײַנע אייגענע אויך אַ ביסל. האָט ער אַ פֿולן קעלער מיט פּוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תּבֿואות, פֿלאַקס און פֿעלעכלעך. און דער טײַס־טער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק. און דאָס קניפּל בײַ דער שווײַ־גערין באַזונדער, און אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, אַ ווילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

---

[1] „גרויסע ייִדישע מאַסן זייַנען געווען קאָנצענטרירט אין ביימען, מעהרען און שלעזיע. אין אָנהייב 16טן י״ה" (שמעון דובנאָוו), וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, ב׳ VI, ב״א 1952, ז׳ 245). — [2] אַרענדאַר.

און פון דעסט וועגן, איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט, זיצט דער שוויגער ביי אַ וועקסן ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דעם שפּיץ ווייסלעכער באָרד צווישן די ציין, דער שטערן גערונצלט, ווי פון שווערער זאָרג, און קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן אין פענצטער אַריין...

— דו זינדיקסט, מיין מאַן! — וועקט אים פון די געדאַנקען דער שוויגערינס קול. פון דער צווייטער שטוב איז זי אַריינגעקומען, צום שלאָפנדיקן זון געקוקט און איר פּנים שטראַלט:

— הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעק־לעך רויטלען זיך, ווי אַ פרישער פרימאָרגן, און דער אָטעם איז רויק און שטיל, און שמעקט נאָך פרישע עפּל...

— דאָס איז טאַקע מיין זאָרג — ענטפערט דער שוויגער — מען וווינט אין אַ דאָרף, ווייט פון אַ ייִדישער קהילה, און יאָרן ציִען, יאָרן פליִען, ווו נעמט מען אַ שידוך פאַר אונדזער זון. ווי אַזוי וועט מען אים פאַרקנסן?

— גאָט וועט העלפן! — טרייסט די שוויגערין — ער האָט ביז אַהער אונדז נישט פאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז טאַקע! — מאַכט דער שוויגער — גאָטס הילף דאַרף מען. און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט, צווישן ייִדן וווינט מען נישט, נאָר איין מצווה קאָנען מיר מקיים זיין — הכנסת־אורחים הייסט די מצווה! און זע! — ער ווייזט איר מיטן בליק צום פענצטער צו — איז אָנגע־פאַלן אַ שניי פון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פאַר־יאָגט, די וועגן פאַרשיט, און טעג און אפשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הייבט ער זיך אויף און גייט־אַרויס זען, וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צו רעכט מאַכן. זאַמט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיק. לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט, גייט צום פענצטער צו און פּויקט מיט די דיקלעכע פינגער אין דער שויב צום מאַן אַרויס.

איז אָבער די שויב געפֿרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און גייט נאָך דעם מאַן פֿאַר דער טיר. זעט זי, אַז דער מאַן, וואָס הערט נישט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פֿאַרקוקט אויפֿן וועג פֿון וואַלד אַרויס. קוקט זי אים פֿאַרוווּנדערט נאָך. זעען זיי בײדע צוזאַמען, ווי איבערן פֿאַרשאָטענעם וועג פֿון וואַלד גייט אַ געשטאַלט אַ ווײַבערישע, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסלען נאָר פֿאַר שיינקייט וועגן פֿאַרוואָרפֿן, גלײַך אַ לינדע זומערנאַכט; נישט אײַנגעוויקלט איז זי אין דער שאַל, פֿרײַ פֿליִען רעכטס און לינקס די עקן פֿון איר, גלײַך זיי וואָלטן אירע פֿליגל געווען... און נישט זי גייט אין שניי, זי שווימט איבערן שניי, קיין פֿוס פֿאַלט נישט אַרײַן, לאָזט קיין צייכן נישט איבער.

קוקן זיי אַזוי בײדע פֿאַרגאַפֿט, ביז די געשטאַלט קומט־צו צו זיי און פֿרעגט, צי קען זי נישט רוען אַ שעה בײַ זיי אין שטוב...

קומט דאָס פּאָרפֿאָלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פֿירן מיט גרויס פֿרייד דעם ווײַבערישן וווּנדערלעכן גאַסט אין שטוב אַרײַן. גאָט האָט זיי אַ גאַסט באַשערט! און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל. און די שוויגערין לויפֿט־צו צו דער שאַנק און עפֿנט זי ברייט און וויל אַרויסנעמען פֿון שענסטן און בעסטן עסן און טרינקען, און אײַנגעמאַכטס, און זיסן בראָנפֿן אַ ביסל. דער אויסטערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָר נישט פֿאַרזוכן, גאָר נישט טועם זײַן, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַ ביסל, זי גייט אין אַ נייטיקער שליחות... גיט זיך די שווײַגערין אונטער, צינדט־אָן נאָך אַ וועקסן ליכט, פֿירט דעם גאַסט אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן; ווײַזט־אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פּוכענע, אַ לײַכט וואַרעם איבערבעט...

— און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, שלאָפֿט אײַך געזונטערהייט.

שלאָפֿן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוען אַ ביסל, ווײַל זי האָט נאָך אַ ווײַטע שליחות. און אַז די שווײַגערין

ווייל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי אײַן און פֿרעגט, וויפֿל עס קומט פֿאַרן חדר, וואָרעם אַוועקגיין וועט זי שטיל און וויל קיינעם נישט וועקן, ווייל זי איבערלאָזן געלט.

שפרינגט די שוואַנגערין אָפּ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פֿאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציקע מצווה, וואָס זיי קאָנען מקיים זײַן אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפֿט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווײַטער העלפֿן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פֿרעגט:

— פֿעלט אײַך עפּעס דען? האָט איר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!... מ׳זע׳מיר, ברוך השם, איך און מײַן מאַן געזונט, און אונדזער זון, זאָל לעבן, אַוודאי... און פרנסה, ברוך השם, איבערן מויל... נאָר וועגן אַ זיווג גייט...

און זי דערציילט וועגן איר זון, וואָס ווערט 17 יאָר אַלט... און מען וווינט אין אַ דאָרף, צו אַ קהילה איז ווײַט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

— מען האָפֿט צו גאָט, מען בעט זײַן ליבן נאָמען... דער מאַן אויף זײַן לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תחינות קאָן זי אויסווייניק כמעט, שרה בת טובֿימס אַלע זיסע, האַרציקע תחינות... נאָר איינע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן דורכגעגעצט, די זיווג־תחינה...

— גאָט וועט העלפֿן! — שמייכלט די געשטאַלט — איך בין זיכער, שמייכלט זי... אַ סימן האָט איר, קיין געלט פֿאַרן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אײַך אַ מתנה פֿאַר אײַער זונס כלה וועגן...

אַזוי זאָגט זי עס און נעמט דערבײַ פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתנה אַפֿיר: אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך מיט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שוואַנגערינס אויגן. שטופּט איר די געשטאַלט די פּאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט אַרײַן און זאָגט:

— „אַ מתנה פֿון שרה בת טובֿים“.

און פֿאַרשווינדט.

און אַז דער שוואַגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿן ווײַב דער־

וואַרטן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. און נישט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, דערשראָקן די טיר געעפֿנט. זעט ער: דאָס ווײַב שטייט אַלײן אין מיטן שטוב מיט אַן אָפֿן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן און גאָלדענע פֿאַנטאָפֿעלעך אין דער האַנט.

— 2 —

אין דער זעלביקער צײַט, אין דער זעלביקער מדינה מעהרען, נאָר מײַלן, מײַלן ווײַט פֿון שווײַגער, און נישט ווייסנדיק פֿון שווײַגער, האָט אין אַ טיפֿן וואַלד אַ ייִד געוווינט, אַ קוילנגרעבער. האָט אַ שטיבל אין וואַלד און אַן אויוון געדונגען, אויך בײַ אַ גראַף. נאָר דער ייִד איז אַן אָרעמער געווען און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפֿאַלענע פֿון ביימער, זומער — אָפּגעדאַרטע צווײַגן, ווינטער — קאָרע געפּלאַצטע פֿון פֿראָסט און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פֿון דונער און אָפּגעריסענע פֿון ווינט, און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פֿאַרברענען. קומט ער פֿאַר נאַכט אַהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער. האָט אים אָבער זײַן ליבער נאָמען אַ זיס טעכטערל באַשערט (דער ייִד איז אַן אַלמן געווען), קומט זי אים אַקעגן מיט פֿרייד, און העלפֿט אים וואַשן און איבערטאָן זיך און גיט אים צו עסן און צו טרינקען, און מאַכט אים פֿײַן דאָס געלעגער צו רעכט.

און קאָן ער נישט אײַנשלאָפֿן — און זינט ער איז אַן אַלמן געוואָרן טרעפֿט זיך עס אים גאַנץ אָפֿט — צינדט זי אַ קינל[3] אָן אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגן דער לבֿנה צום פֿענצטערל, און לייענט הויך אירע „הייליקע" ספֿרים אויף עבֿרי־טײַטש, די מוטער האָט זי אויסגעלערנט, די ספֿרים בירושה געלאָזט: צאינה וראינה, קבֿ הישר, תּחינות פֿון שׂרה בת טובֿים... לייענט זי אים הויך... ער, אַ פּראָסטער ייִד, הערט זיך אײַן, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו,

---

[3] ברענהעלצל צום באַלייכטן קוים־קוים, אַנשטאָט אַ לעמפּעלע.

דאַכט זיך אים, אַז יענע לייענט, די מוטער לייענט, און ער שלאָפֿט רויִק איַין, איַינגעוויגט פֿון זיסן קול און די ווערטער די הייליקע...

קומט איר אַ מאָל אַ זייער האַרצווייִיקע תּחינה אין דער האַנט אַריַין, אַ תּחינה וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיַין ליבן נאָמען וועגן אַ זיווג פֿאַר אַ קינד...

„און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פֿאַר מיַין ליבער, האַרציקער טאָכטער וועגן אַ זיווג, אַ זיווג אַ כּשרן"... הייבט דאָס מיידל אָן צו פֿאַרשטיין וועגן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אָן אַנדער תּחינה נעמען. בעט זיך דער פֿאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבן, ניין... וויַיטער לייען... גיב מיר די הייליקע ווערטער אין מויל אַריַין, לאָמיך בעטן ביַי גאָט פֿאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פֿולס, נאָר אַ ייִד אַ פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פֿאָלגן און לייענט וויַיטער און וויַיטער. ווי שמעקנדיקער בוימל גיסט זיך די תּחינה. לאַנג איַינגעשלאָפֿן איז שוין דער פֿאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לייענט... און פּלוצלינג וועקט זיך אויף אַ נישט פֿאַרשטאַנען בענקעניש אין דעם מיידלס האַרץ, די יתומישע נשמה האָט זיך עפּעס פֿאַרבענקט... עס קלאַפּט דאָס הערצל קליין, פֿיַיכט און געפֿלדיק ווערן די אייגעלעך פֿאַרדעקט, די ריין קינדעריש בלויע, און דאָס קולעכל ציטערט און ציטערט און ווערט פֿון באַהאַלטענע טרערן פֿיַיכט...

און אין מיטן — עפֿנט זיך די טיר און אין איר באַוויַיזט זיך אַ וווּנדערלעכע געשטאַלט... אין אַ הויב אַ הויכער און אַ טערקישער שאַל, די אויגן לויַכטן אַזוי ליַיטזעליק זיס, אַז דאָס איַינגעשרומפּענע פּנימל שטראַלט.

— טאַטע! — וויל זי דעם פֿאָטער וועקן, לייגט אָבער די אַלטע די פֿינגער איבער די לעפֿצן, ווערט דאָס מיידל שטיל, בליַיבט זי, ווי אין אַ פֿאַרכּישופֿטן חלום שטיק. און די אַלטע גייט־צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט־אויס די האַנט און ציט דאָס מיידל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק דיך נישט, מיידעלע! — זאָגט זי — שׂרה בת טובֿים בין איך... מײַנע תּחינות האָסטו געלייענט... און עס איז אַ שטילע נאַכט, האָב איך אין מײַן שטילער רו דײַן זיסן קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר אַ מתּנה געבראַכט...

און נעמט פֿון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַפֿיר:

— זע, ליב קינד... אָט, סאַמעט געשוירן אַ שטיק... אויף אַ בײַטעלע צוגעשניטן... און פֿול[4], אַלערליי קאָלירן זײַדענע פֿול, צום אויסנייען דאָס בײַטעלע... און פֿעדעם נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך אַ ביסל, און פֿליטערלעך דערצו, אויך זילבער און גאָלד... און אַזוי זעסטו בײַט מען, טעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט... האַלט די נאָדל פֿעסט, לויף מיט די פֿינגערלעך געשיקט... זעסט אַ מגן־דודל גייט, און אָט בליִען בלימעלעך אַרויס... פֿרישע, ווי אין וואַלד אין זומערצײַט... אַ תּפֿילין־בײַטעלע גיי, אַ מתּנה מאַך, פֿאַר דײַן באַשערטן אַ מתּנה, ווי דײַן ליבע מאַמע האָט דײַן ליבן טאַטן געשענקט...

און די אַלטע לערנט, און דאָס מיידעלע שטיקט און העפֿט...

און אַז דער פֿרימאָרגן בליט, כאַפּט זיך דער פֿאָטער אויף. די טאָכטער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תּפֿילין־בײַטעלע אין די הענט. סאַמעט, זילבער און גאָלד...

— 3 —

און אַז דעם שווײַגערס זון איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט מען אים אַרויפֿגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַרײַן זיך אַ כּלה זוכן צו שׂרה־בת־טובֿימס־פֿאַנטאָפֿעלעך...

פֿאָרט ער וואַלד־אויס, וואַלד־אײַן, איבער דערפֿער און שטעט, כּלה־מיידלעך ווי זאַמד און ערד — קיין איינער פּאַסן די פֿאַנטאָפֿעלעך נישט...

פֿאָרט ער אַ יאָר, פֿאָרט ער צוויי — נישטאָ און נישטאָ. פֿאַר־

[4] באַפּוצונגען.

לירט ער די אמונה דערין, קערט ער אַהיים. ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגן: ס'איז אַ חלום געווען. אַזוינע פּיסלעך קליינע זײַנען נישט פֿאַראַן...

פֿאָרט ער אַהיים, און פֿאָרט, און פֿאָרט פֿון וועג אַראָפּ, און פֿאַר־בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן בײַ ריזן שטייען, נישט אויס און נישט אײַן. בלײַבט ער שטיין. פֿרײַטיק איז. די זון גייט־אונטער און לאָזט זיך, אַ פֿײַערדיקע קויל, אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַראָפּ. דער אָוונט פֿאַלט־צו — שטעלט ער זיך „שיר השירים" זאָגן, און גייט, „שיר השירים" זאָגנדיק, אין וואַלד אַרום, האַלט זיך נאָר פֿון וועגעלע נישט ווײַט, און פֿון פֿערד, וואָס פּאַשעט זיך... און שטיל רוישט בײַם אָוונט־ווינטל דער וואַלד, גלײַך ער וואָלט אים „שיר השירים" נאָכגעזאָגט... און שטיל ווערט און טונקעלער. און פּלוצלינג פֿלאַמט צווישן דיביימער אַ פֿענצטערל אויף. לויפֿט ער צו מיט פֿרייד און קלאַפּט־אָן:

— ווינט דאָ אַ ייִד

— אַ ייִד!

אַ ייִד קומט פֿון שטיבעלע אַרויס, באַווײַזט זיך אויף דער שוועל.

— שלום עליכם, אַ ייִד!

— שלום עליכם! — ענטפֿערט דער יונגער מאַן — קאָן מען האַלטן שבת בײַ אײַך?

— האַלטן יאָ — ענטפֿערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל דער ייִד

— נאָר עסן האָב איך נישט וואָס...

— עסן האָב איך — ענטפֿערט דער יונגער מאַן — און טרינקען אויך. קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פֿון אַלעם גוטן אָנגעגרייט...

אין אַ שעה אַרום, נאָך קבלת שבת, זיצן זיי שוין ביידע נאָך קידוש בײַם טיש... און זינגען זמירות, און עסן... זעט דער יונגער מאַן, ווי פֿון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם אַ ביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פֿאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, פֿאַר אַ קעלבעלע צי אַן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם,

דער ייִד — פֿאַר וואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט? אַ יונגער מאַן, פֿרעגט ער אים.

— זאָגט דער אַלטער:

— ניין, אַן אָרעמער קוילנגרעבער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופֿות פֿאַרמאָג איך נישט... נאָר אַ זיס טעכטערל האָב איך. באָרוועס גייט זי, נעבעך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייט אין שטוב אַרײַנצוקומען... זיצט און עסט פֿאַר דער טיר...

נעמט דער יונגער מאַן מיט האַרצקלאַפּעניש די גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך פֿון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער:

— גייט, מעסט זיי אײַער טאָכטער אָן, צי זיי פּאַסן, זעט...

קומט דער אַלטער צוריק:

— זיי פּאַסן...

*

און בײַם רײַכן שווײַגער איז אַ חתונה געווען... ער האָט מיטן קוילנגרעבער אַ שידוך געטאָן, און די חופּה האָט מען אין שטאָט געשטעלט. און אַז מען איז פֿון דער חופּה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלינג אַ געשטאַלט באַוויזן, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל, אַ פּנים אַן אַלטס, נאָר אויגן לײַטזעליקע און יונגע, און האָט קעגן חתן־כּלה מיט אַ קוילעטש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבן געוווּסט, ווער דאָס איז...

# דער קונצנמאַכער

אין אַ וואָלינער שטעטל אַרײַן איז אַמאָל געקומען אַ קונצנמאַכער.

און כאָטש עס איז געווען אין דער פֿאַרדאַגהטער פֿאַר־פּסח־צײַט, ווען אַ ייִד האָט מער זאָרג ווי האָר אויפֿן קאָפּ, האָט דאָך זײַן אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פֿון אַ מענטש! קרוע־בלוא, מיט אַ צילינדער, אַפֿילו אַ צעקנייטשטן, אויפֿן קאָפּ, אַ ייִדיש פּנים — דער צלם־אלקים פֿליט אים איבער דער נאָז, און — אַ געגאָלטע באָרד! און קיין פּאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט. און עסן האָט׳ן קיינער נישט געזען, נישט קיין כּשרס, נישט קיין טריפֿהס. גיי, ווייס, וואָס ער איז! מען פֿרעגט׳ן: פֿון וואַנען? זאָגט ער: „פֿון פּאַריז“... וווהין? — „קיין לאָנדאָן!“... ווי קומט איר אַהער? זאָגט ער: „פֿאַרבלאָנדזשעט!“... אַ פּנים, צו פֿוס געגאַנגען! און ווײַזט זיך בײַ קיין מנין נישט, אַפֿילו שבת־הגדול נישט! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, ווערט ער פּלוצעם נעלם, גלײַך די ערד וואָלט׳ן אײַנגעשלונגען, און שווימט־אַרויס אויף יענער זײַט מאַרק.

דערווײַל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַלע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! בפֿני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענדיקע קוילן, ווי פֿאַרפֿל; און פֿון מויל אַרויסגעצויגן האָט ער אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פֿאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי׳ס [1] גלות. פֿון אַ כאָלעווע פֿון שטיוול וואַרפֿט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צעלויפֿן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אויף אַ פֿוס און קראַצט־אָפּ פֿון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע

---

[1] (פוילישער ייִדיש) ווי דאָס.

שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ“, גיט ער אַ פֿייף, לויפֿן זיך אין דער לופֿטן צוזאַמען חלות און קוילעטשן, ווי די פֿייגל, און הייבן־אָן טאַנצן אַ ראָד צי אַ ברוגז־טאַנץ אונטער דער סטעליע. און גיט ער דעם צווייטן פֿייף, ווערט דאָס אַלץ כּהרף עין פֿאַרשוווּנדן, כּלא היה! אויס קוילעטשן, אויס בענדער, אויס אינדיקעס — גאָר נישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אַז „יענער צד“ קאָן אויך עפּעס באַווײַזן! די חרטומים פֿון מצרים האָבן מן הסתּם גרעסערע קונצן באַוויזן! איז אָבער די שאלה: פֿאַר וואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער קבצן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך פֿון פּאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דער אכסניא. מיט אַ פֿייף באַקט ער אָן מער קוילעטשן און חלות ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער אַרויס פֿון כאַלעווע, און אַ פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגענעם, אַז שענערע לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי אַ פֿלאַקער! ווערטלט מען זיך: די פֿינפֿטע קשיא צו „מה נשתּנה!“...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתּנה“, וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצנמאַכער און איבערגיין צו חיים־יונהן און זײַן ווײַב רבֿקה־ביילע. חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען. האָט ער אײן מאָל געקויפֿט אַ וואַלד אין „גלײַכן געלט“. האָט מען דעם וואַלד פֿאַרמאַכט, איז אַרויס „אין אין העמד“. איז ער געוואָרן „וואַלדשרײַבער“, האָט ער די שטעל פֿאַרלוירן. זיצט ער שוין אַ שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון הענגלײַכטער ביזן לעצטן קישן. זאָגט רבֿקה־ביילע: גיי־אַריבער צו קהל און נעם מעות־חיטים. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפֿן, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן וועט ער זיך נישט: גייט רבֿקה־ביילע און זוכט נאָך אַ מאָל אין אַלע ווינקעלעך און געפֿינט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפֿל — ממש אַ נס מן השמים, יאָרן זינט דער לעפֿל איז פֿאַרלוירן געוואָרן! גייט חיים־יונה,

נעמט דעם לעפּל, פֿאַרקויפֿט׳ן, און טראָגט־אַרײַן די פּאָר גראָשן אויף מעות־חיטים פֿאַר אָרעמע לײַט. אָרעמע לײַט, זאָגט ער, זײַנען בילכער. די צײַט דערווײַל רוקט זיך. שוין אין גאַנצן נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן צו פּסח — ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פֿאַרלאָזט נישט! מילא, רבֿקה־ביילע שווײַגט; אַן אישה מוז פֿאָלגן אַ מאַן. עס גייט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבֿקה־ביילע ווייסט נישט פֿון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פּנים אין שעניק[2] אַרײַן און וויינט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט הערן. און אויף פּסח איז קיין צייכן נישטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט — בײַ נאַכט וויינט זיך אַ מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, בײַ טאָג אָבער מוז מען קנײַפּן די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטייען! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפֿן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פֿרעגן: ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט בוראַקעס? די נענטערע זאָגן:

— סטײַטש, וואָס טוט זיך מיט אײַך, רבֿקה־ביילע?! פֿעלט אײַך, וועלן מיר אײַך באָרגן, וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין מתּנת בשׂר ודם[3] און רבֿקה־ביילע וועט קעגן איר מאַן נישט גיין — זוכט זי זיך אויס תּירוצים פֿון אונטער דער ערד און דאָס פּנים פֿלאַמט און פֿלאַמט...

זעען די שכנים, אַז עס איז נישט ווי עס דאַרף צו זײַן, נעמען זיי און לויפֿן צום רבֿ — סטײַטש? דער רבֿ, נעבעך, הערט־אויס, קרעכצט־אָפּ און פֿאַרקלערט זיך, און סוף־כּל־סוף ענטפֿערט ער, אַז חיים־יונה איז אַ בן־תּורה און אַ ירא־שמים, און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!... רבֿקה־ביילע איז אַפֿילו אַן בענטשליכט געבליבן...

און — שוין פּסח!

חיים־יונה גייט פֿון בית־המדרש אַהיים, זעט ער, אַז אַלע פֿענצטער אין מאַרק שײַנען־אַרויס מיט שׂמחת־יום־טובֿ און נאָר זײַן דירה שטייט, ווי אַן אָבֿל צווישן מחותּנים, ווי אַ בלינדע צווישן זעענדיקע.

---

[2] שטרויזאַק. — [3] אַ גאָב פֿון אַ מענטשן (נישט פֿון רבונו של עולם).

ער פֿאַלט אָבער בײַ זיך נישט אַראָפּ: „אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער. ער גייט־אַרײַן און זאָגט פֿריילעך: „גוט יום־טובֿ", און איז נאָך אַ מאָל מטעים — „גוט יום־טובֿ דיר, רבֿקה־ביילעו!" — און רבֿקה־ביילעס קול ענטפֿערט אים, אָנגעזאַפּט מיט טרערן, פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל אַרויס: „גוט יום־טובֿ, גוט יאָר!" און אירע אויגן ברענען־אַרויס פֿון פֿינצטערן ווינקעלע ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. גייט ער צו איר צו און זאָגט איר:

— רבֿקה־ביילע, — זאָגט ער — הײַנט איז יום־טובֿ, יציאת־מצרים, פֿאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלן האָבן אונדזער פּסח, מוז מען אָננעמען פֿאַר ליב און זײַן בײַ אַ פֿרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפֿן... ייִדן זאָגן „כל דכפֿין ייתי וייכול", דאָס איז טײַטש, ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען עסן. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן ייִד...

און רבֿקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם רצון פֿון איר מאַן, האַלט־אײַן מיט אַלע כּוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין גיין — אין דער זעלביקער רגע עפֿנט זיך אָבער די טיר און עמעץ קומט־אַרײַן און זאָגט:

— גוט יום־טובֿ!

ענטפֿערן זיי „גוט יאָר", נישט זעענדיק ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען:

— איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!

ענטפֿערט חיים־יונה:

— מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט...

ענטפֿערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!

— אין דער פֿינצטער? — האַלט זיך שוין רבֿקה־ביילע. נישט אײַן און שליוכצט.

— חלילה! — ענטפֿערט דער אורח — עס וועט זײַן ליכט. און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווײַזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לײַכטער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין־ליכט, אין מיטן שטוב, אין דער לופֿט! עס ווערט ליכטיק. חיים־יונה און רבֿקה־ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצנמאַכער, און זיי גאַפֿן און קאָנען פֿאַר וווּנדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פֿון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן בײַ די הענט און שטייען מיט אויפֿגעריסענע אויגן און אָפֿענע מײַלער. דער קונצנמאַכער ווענדט זיך דערווײַל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים:

— נו, בחורל, באַדעק דיך און קום אַהער!

און אַזוי ווי ער זאָגט אַרויס, פֿאַלט פֿון סטעליע אויפֿן טיש אַראָפּ אַ שניי־ווײַס טישטעך און באַדעקט אים, און דער באַדעקטער טיש הייבט זיך אָן רירן, און גייט און קומט אין מיטן שטוב אַרײַן, און פֿאַרהאַלט זיך פּונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לײַכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַנידער אויפֿן טיש.

— אַצינד — זאָגט דער קונצנמאַכער — פֿעלן נאָר הסבעטן, — זאָלן זײַן הסבעטן[4]!

גייען דרײַ בענקלעך, פֿון דרײַ עקן פֿון שטוב, און גייען־צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זײַנע דרײַ זײַטן. הייסט ער, דער קונצנמאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן, ציִען זיי זיך אויס אין דער ברייט און עס ווערט פֿון זיי פֿאָטערשטולן. רופֿט ער אויס:

— ווייכער! — באַדעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט און תּוך כּדי דיבור פֿאַלן אויף זיי פֿון סטעליע אַראָפּ ווײַסע, שניי־ווײַסע קישנס און לייגן זיך, אויפֿן קונצנמאַכערס געבאָט, אויף די פֿאָטערשטולן און

---

[4] פֿון הסבה, זיצן אַרום אַ טיש. הסבה־בעט, זיצן אָנגעלענט (צום סדר, פּסח).



מאַרק שאַגאַלס אַן אילוסטראַציע צו
י. ל. פּרצס „[illegible]“

— עס ווערן הסבעטן! אויף זײַן געבאָט באַווײַזט זיך אויך אַ קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפֿן טיש. עס באַווײַזן זיך אויך רויטע כּוסות מיט פֿלעשער ווײַן און מצות, און אַלץ וואָס מען דאַרף צו אַ כּשרן און פֿריילעכן סדר, אַפֿילו הגדות מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַסער צו וואַשן האָט איר? — פֿרעגט דער קונצנמאַכער — איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!

דעמאָלט האָבן זיי זיך ערשט אויפֿגעכאַפּט פֿון גאַפֿן. און רבֿקה־ביילע פֿרעגט חיים־יונהן אויפֿן אויער:

— מעג מען? וואָס?

און חיים־יונה ווייסט איר נישט וואָס צו ענטפֿערן.

ראָט זי אים:

— גײ מײַן מאַן, און פֿרעג דעם רבֿ.

ענטפֿערט ער, אַז ער קאָן זי מיטן קונצנמאַכער אַליין נישט איבערלאָזן. וויל ער, זי זאָל גיין. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער ייִדענע וועט דער רבֿ נישט גלייבן, ער וועט מיינען, אַז זי איז פֿון זינען אַראָפּ. גייען זיי ביידע צום רבֿ און לאָזן־איבער דעם קונצנמאַכער מיטן סדר.

האָט דער רבֿ געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כּישוף, האָט קיין ממשות נישט, וואָרעם כּישוף איז נאָר אַ פֿאַרבלענדעניש פֿאַר די אויגן. הייסט ער זיי אַהיימגיין און, אויב די מצה וועט זיך לאָזן אָפּברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כּוסות אַרײַן און די קישנס פֿון הסבעט — אָנטאַפּן, וכדומה, איז גוט... איז עס מן השמים, מעגן זיי געניסן.

אַזוי האָט דער רבֿ געפּסקנט. גייען זיי מיט האַרצקלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצנמאַכער שוין נישטאָ און דער סדר שטייט ווי ער איז געשטאַנען. די קישנס לאָזן זיך אָנרירן, דער ווײַן גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא, און האָבן געהאַט אַ פֿריילעכן יום־טובֿ.

# ר' שלמהס מעשהלעך

## דער בריליאַנט

איין מאָל דאָנערשטאָג בײַ נאַכט, איך געדענק עס נאָך ווי הײַנט, האָבן מיר גערעדט וועגן רעליגיע און רעפאָרמען.

אָנגעהויבן אייגנטלעך האָט מען פון ליטעראַטור.

מען האָט זיך דערמאָנט אין מאַפּוס „אהבת ציון“, פון אהבת־ציון“ איז מען אַריף אויפן „עיט־צבוע“ — איז שוין געווען אַ קאַצנ־שפּרונג צום „הדת והחיים“.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח.

איינער האָט געזאָגט, אַז פון „בראשית“ ביזן „הכשר הזבח“ (אונדזער קליינשטעטלדיקן שוחטס אַ ספר אויף שחיטה) איז איין רעליגיע — איין אמונה — איין תורה, פון וועלכער מען טאָר נישט רירן קיין אות.

אַ צווייטער מאַכט זיך באַלד אַ שפּאַס: „פון צינדהעלצלעך, זאָגט ער, אַ צוזאַמענגעשטעלטער מגן־דוד; נעם־אַרויס איין העלצל, צעפאַלט ער זיך אין גאַנצן“.

מען שמייכלט, נישט צופרידן:

— נישט קיין צוזאַמענגעשטעלטער מגן־דוד איז עס, נאָר אַ בנין, אַ הויז, אַ בית־המקדש!

— ווער עס רײַסט אויס שטיינער און באַלקן, וויל אַלץ אײַ־נפירן.

אַן אַנדערער מיינט:

— אַ בנין, אַ הויז צי אַ בית־המקדש, מוז האָבן פענצטער און טירן. מוז האָבן ליכט און לופט. אויב מען וויל נישט, עס זאָל דערפון אַ תפיסה ווערן, צום דערשטיקן, צום דערוואָרגן ווערן! „וחי בהם“ —

שטייט. עס דאַרף זײַן אַ הויז צום לעבן, צום געזונט זײַן, נישט צו פוילן און איבערגעוואַקסן צו ווערן, ווי קאַרטאָפל אין קעלער. און אַ הויז מוז מען אויך פון צײַט צו צײַט רייניקן, נישט דאָס מיסט האַלטן אין שטוב, נישט אויפן אייביקן מיסט זיצן!

עס טרעפט זיך אין אונדזער בית־המדרש נאָך אַ גרעסערער אַפּיקורס:

— אַ הויז — זאָגט ער — מוז מען אויך אַמאָל איבערשיטן. אַפילו די פונדאַמענטן מוז מען איבערקוקן, צי זיי פוילן נישט... און די באַלקנס, צי פרעסן זיי נישט אויף די האָלצווערעם... אַ ניט, פאַלט אַ מאָל פלוצעם אײַן אַ הויז און די איינווינערס ווערן לעבעדיקער־הייט באַגראָבן!

עס געפינט זיך אַפילו אַ שונא פון אַלטע הײַזער בכלל!

איז נישט גלײַכער אַ נײַ הויז צו שטעלן, מיט נײַע גרויסע טירן און פענצטער! אַ סך לופט, אַ סך ליכט!

דערווײַל האָט מען געבראַכט בייגל פון בעקער, פרישע, שמעקנ־דיקע, קנאַקנדיקע בייגל...

אַלע, אַפילו דער וואָס וויל אַ נײַ הויז מיט טירן און פענצטער, זײַנען צוגעלאָפן צום כיור, געוואַשן זיך, אָפּגעווישט זיך אין די פאָלעס, געמורמלט די ברכה — און אין אַלע מײַלער האָבן אָנגע־הויבן די פרישע בייגל צו קנאַקן...

מיט דער געלעגנהייט האָט זיך דער אַלטער ר׳ שלמה באַנוצט און דערציילט אונדז די מעשׂה פון בריליאַנט.

אַ מאָל איז געווען — האָט ער דערציילט — אַ קאַלאַניסט. פרעמד איז ער געווען אין דאָרף; ער האָט מיט קיינעם און קיינער האָט מיט אים נישט געהאַלטן. ער האָט גאָר אַן אַנדער לשון גערעדט און קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, און נישט געוואָלט פאַרשטיין!

איין מאָל האָט ער, דער קאַלאַניסט, געפונען אַ בריליאַנט.

רעכט פאַרשטאַנען דערויף האָט ער זיך נישט; קיין האָן איז ער אָבער אויך נישט געווען און וואָלט אים אויף אַ קערנדל ווייץ נישט פאַרטוישט.

עס שײַנט און בליצט; „עס איז אַ קליינע זון" — טראַכט ער. עס מוז ווערט זײַן אַן אוצר.

נאָר מיט אַ טײַערן שטיין, צווישן פֿרײַדע לײַט איז מען מיטן לעבן ניט זיכער. ווערט מען געוווּר, וועט מען אים די ערשטע נאַכט באַפֿאַלן, די פֿענצטער אַרויסנעמען און צונעמען דעם אוצר מיט דער נשמה צוזאַמען!

מען מוז באַהאַלטן דעם שטיין!

דעם ווײַב אַפֿילו וועט ער נישט זאָגן פֿון בריליאַנט אַ וואָרט. ער האָט זי ליב, נאָר אַ ייִדענע — לאַנגע האָר — קורצער שׂכל; זי וועט זיך נישט אײַנהאַלטן.

און ער נעמט זיך צוריק צו וועגס צו דער קאָלאָניע און באַגראָבט דעם שטיין אין דער ערד, אין געמיזע-[1]גערטל פֿאַרן הויז.

פֿאַר אַ צייכן לייגט ער אויף דעם אָרט אַ קיזלשטיין, אַ שווערן קיזלשטיין, ער זאָל דאָס אָרט דערקענען, און אַז עס וועלן קומען בעסערע צײַטן, אָן קנאה־שׂנאה צווישן שכנים און בפֿרט צו פֿרעמדע, וועט ער וויסן וווּ צו זוכן און צו געפֿינען דעם אוצר. דעמאָלט זאָל ער שײַנען און בליצן אין שיינעם העלן טאָג!

איין מאָל האָט דאָס יונגע ווײַבל דעם שטיין באַמערקט. עס איז איר אַ שאָד דאָס פּיצל ערד, וואָס דער קיזלשטיין פֿאַרנעמט; אויף זײַן אָרט קאָן אַרויסוואַקסן אַ ציבעלקעלע, אַן אוגערקע... אַ שאָד!

אַליין אַוועקנעמען דעם שווערן שטיין קאָן זי נישט; רופֿט זי דעם מאַן צו הילף.

ער דערשרעקט זיך:

— גאָט באַהיט! — רופֿט ער אויס — ריר נישט דעם שטיין!

— פֿאַר וואָס?

— עס איז אַ מזלדיקער שטיין! ער ברענגט אונדז מזל וברכה!

— עס איז דאָך אַן איינפֿאַכער קיזלשטיין!

— זעסט דאָך! אַזאַ סגולה האָט ער שוין!

---

[1] גרינס.

זי גאַפּט! זי איז ניט זיכער, צי דער מאַן מיינט עס ערנסט, צי מאַכט ער שפּאַס.

זי קוקט אים אין די אויגן אַרײַן און זעט זיי ערנסט, כמעט האַרט, אָן אַ לאַכעדיקן פּונק.

נו, דעם מאַן האָט זי ליב און האַלט אים פֿאַר קלוג און ערלעך. און גלאַט — אַ ייִדענע! אַ ייִדענע איז שטענדיק צופֿרידן אַז זי קאָן אין עפּעס גלייבן, — אין אַ סגולה, אין אַ ווונק פֿון אויבן... און לאַנג צײַט צו קלערן האָט זי נישט; דאָס גערטל מוז פֿאַרזייט ווערן! פֿאָלגט זי און טוט אירס.

אויפֿן צווייטן טאָג באַמערקט דער מאַן צוויי שטיינער אין גאָרטן.

— וואָס איז דאָס? ווער איז דער צווייטער שטיין? — פֿרעגט ער.

און דאָס ווײַבל שמייכלט.

זי איז גראָד בײַ נאַכט שלעכט געשלאָפֿן. עפּעס האָט די לבֿנה אַזוי ווונדערלעך אַרײַנגעשײַנט דורכן לאָדן... עפּעס איז איר אַזוי ענג, אַזוי באַנג געוואָרן אויפֿן האַרץ... זי האָט אַזוי מורא געהאַט... שטיל זיך אַראָפּגעכאַפּט פֿון בעט, אַרויסגעשלײַכט זיך פֿון שטוב דעם מאַן וועקן האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי זיך מישבֿ געווען, און — צוגעלייגט נאָך אַ שטיין...

עס האָט זי באַרויִקט!

— אין צווייען — שמייכלט זי — איז שטאַרקער.

און וואָס זאָל ער טאָן, דער קאָלאָניסט? גיי, בייזער דיך אויף אַ ייִדענע, ווען זי שמייכלט אַזוי קינדיש־זיס און לייגט דיר אַרויף די ווייסע שמאָלע הענט אויף די אַקסל און דערלאַנגט דעם אַלאַבאַסטער־שטערן צום מויל — —

דעם ווײַסן שטערן קושט ער מיט פֿאַרגעניגן, אין די בלויע אויגן זוכט ער אַן ענטפֿער אויף דעם, וואָס זי איז בײַ נאַכט אַזוי אומרויִק... און שווײַגט!

דעם קוש אויפֿן שטערן האַלט דאָס יונגע ווײַבל פֿאַר אַ לוין

פֿאַר איר גוטסקייט און פֿרומקייט. און ווען עס ווילט זיך איר אַ קוש אין שטערן — לייגט זי נאָך אַ שטיין...

טוט ער עס נישט, באַווײַזן זיך איר טרערן אין די אויגן.

*

דאָס פֿאַרפֿאָלק האָט קינדער געהאַט — אַ יינגל מיט אַ מיידל.

דאָס מיידל וווּנדערט זיך נישט, פֿרעגט נישט און טוט נאָך דער מוטער.

די מוטער לייגט גרויסע, די קליינע טאָכטער קליינע שטיינדלעך; נאָר די שטיינדלעך וואַקסן מיט איר צוזאַמען.

דער קלוגער זון פֿרעגט שוין: וואָס באַטײַט עס?

— שטיינער — ענטפֿערט די מוטער שטאָלץ, וואָס זי ווייסט אַזוי פֿיל — זײַנען מזלדיק!

— פֿאַר וואָס? — וווּנדערט זיך דער קליינער — און וואָס הייסט מזלדיק? צי האָט מען אַ מאָל מער ווי מען פֿאַרדינט, ווי מען אַרבעט־אויס?

דאָס פֿאַרשטייט שוין די מוטער נישט.

— פֿרעג דעם טאַטן! — זאָגט זי.

— ווען עלטער ווערן — ענטפֿערט דער טאַטע — וועסט דו דאָס אויך פֿאַרשטיין!

און, אַז דאָס יינגל איז אויפֿגעוואַקסן, האָט אים דער פֿאָטער דערציילט דעם סוד פֿון ברילִיאַנט.

און אַזוי איז געשען אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה פֿון דורות.

איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן דעם סוד.

אין יעדן דור האָט איינער געוווּסט פֿון ברילִיאַנט און די רעשט האָבן געגלייבט, אַז קיזלשטיינער זײַנען מזלדיק; אַז וואָס מער, איז בעסער, און האָבן שטיינער געלייגט.

שכנים קוקן און גאַפֿן.

טייל לאַכן אין די פֿויסטן אַרײַן; אַנדערע, פֿאַרקערט, האָבן דרך־ארץ פֿאַר אַלטע מנהגים, וואָס זיי האָבן שוין, קומענדיק אויף דער וועלט אַרויס, געטראָפֿן ווי אַלטע מנהגים.

גישט איינער האָט געקלערט, עס מוז זײַן נאָך פֿון דער צײַט, ווען מלאָכים זײַנען אויף לייטערס געקראָכן און מענטשן האָבן געזען.

טייל שכנים האָבן געוואָלט באַווײַזן דער משפּחה זייער ליבשאַפֿט און האָבן, פֿאַר חבֿרשקייט, אויפֿגעהויבן שטיינער פֿון וועג און אין גאָרטן אַרײַנגעוואָרפֿן.

און אין דער משפּחה אַליין איז דאָס שטיינער וואַרפֿן שוין אַ קולט, אַ הייליקער מנהג געוואָרן, אַ מין עבֿודת־הבורא.

יונגע לײַט פּראָטעסטירן; אַלטע בייזערן זיך און דראָען מיט ביינערדיקע פֿויסטן.

יונגע לײַט האַלטן אין איין ריידן קעגן די שטיינער און די אַלטע זאָגן:

— ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך געפֿירט, וועלן מיר זיך אויך פֿירן...

— אונדזערע עלטערזיידעס זײַנען קליגער געווען פֿאַר אונדז און האָבן שטיינער געוואָרפֿן — מוז אַזוי זײַן!

— נישט אונדזער וועלט, מיר זאָלן זי פֿאַרבעסערן, איבערמאַכן. אַ גוט פֿערד גייט אין קאָליע[2] און ברעכט נישט די פֿיס.

און נאָך אַזעלכע ווערטלעך און קלוגע שפּרוכן, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט, דאָס הייסט, אונדזער מענטשלעכע וועלט.

און וויל אַ יונגער מאַן עפּעס טאָן דאַקעגן, ווילן די אַלטע „צע־ברעכן די אייער, וואָס ווילן קליגער זײַן פֿון די הינער!“

*

און יאָר־יערלעך שיידן זיך יונגע לײַט מיט טרערן אין די אויגן פֿון אַלטן הויז, פֿון דער אַלטער מכשפֿה און גייען זוכן אַרבעט אין דער פֿרעמד: עסן ברויט פֿון פֿרעמדע אויוונס, נעכטיקן אונטער פֿרעמדע דעכער; בעטן זיך קוים אײַן.

ווײַל אין דער היים איז שוין נישט אויסצוהאַלטן!
דער באַרג שטיינער וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג.

[2] (פּויל) צוג, ריי, שורה.

ער שיט זיך אָפּ און קומט מיט יעדן טאָג נענטער צום הויז.

מיט דער צײַט האָבן די הייליקע שטיינער טיר און פֿענצטער פֿאַרוואָרפֿן.

— עס שאַדט נישט! — האָט מען געזאָגט.

און מען שטעלט אויף אַ לייטער און מען קריכט דורכן קוימען.

עס האָט לופֿט פֿאַרפֿעלט; קיין אומגליק נישט! אַז מען עסט ווייניק און לעבט ווייניק, דאַרף מען ווייניק לופֿט!

און לעבן איז נישטאָ פֿון וואַנען.

נישטאָ וווּ צו זייען, וווּ צו אַקערן — סאַמע שטיינער, סאַמע שטיינער!

— לאָזט כאָטש — בעטן זיך די יונגע — צוזאַמענשאַרן די שטיינער; זאָלן זיי וואַקסן אין הימל אַרײַן, נאָר ווייניקער, אָרט פֿאַרנעמען אויף דער ערד! זאָל זײַן וווּ צו אַרבעטן, וווּ צו אַקערן און זייען.

— אַפּיקורסים! — שרײַען די אַלטע — איבער אונדזערע פּגרים וועט איר צוקומען צו די שטיינער...

*

ר׳ שלמהַ פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, נעמט־אַרויס אַ שמעק טאַבאַק.

מיר, וואָס האָבן שוין לאַנג די בייגל פֿאַרגעסן און האָבן בײַ דער מעשׂה דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן, שטעמען־אָפּ, און עמעץ פֿרעגט:

— און פֿאַר וואָס שווײַגט דער, וואָס ווייסט פֿון בריליאַנט און מאַכט קיין שלום נישט צווישן די אַלטע און די יונגע?

— באַ, — ענטפֿערט ר׳ שלמה מיט אַ זיפֿץ — דאָס אומגליק איז טאַקע, וואָס מיט דער צײַט האָט מען גאָר אין גאַנצן אין בריליאַנט פֿאַרגעסן!

צי איז עמעץ פּלוצלינג געשטאָרבן און קיין צײַט נישט געהאַט אַ צוואה צו לאָזן...

צי האָט איינער זײַן אייגענעם טאַטן נישט געגלייבט און זײַן אייגן קינד נישט געוואָלט געגלייבט...

געגוג — דעם בריליאַנט האָט מען פֿאַרגעסן און אַלט און יונג שלאָגן זיך איבער שטיינער!

*

ר׳ שלמה האָט געענדיקט.

און מיר פֿרעגן זיך: ווער איז דער בריליאַנט?

און מיר ווילן טרעפֿן:

— דאָס פּינטעלע ייִד?...

— „אנכי״?...

— „ואָהבֿת לרעך כּמוך״?

נאָר ר׳ שלמה ענטפֿערט נישט. אַ געהיימער שמייכל בלאָנדזשעט אים אויפֿן פּנים.

— שקצים! — רופֿט ער — אַהיים, עס גרויט שוין דער טאָג!

1902



י. ל. פּרץ און זיין לעבנספֿריינד יעקב דינעזאָן

# קינדער-לידער

1914 — 1915

## יעדע מוטער

יעדע מוטער ליבט איר קינד,
אַז עס איז דאָס בעסטע;
איך האָב אַ קינד און ליב עס נישט,
און ווייס: עס איז דאָס בעסטע!

יעדע מוטער ליבט איר קינד,
אַז עס איז דאָס שענסטע;
איך האָב אַ קינד און ליב עס נישט,
און ווייס, עס איז דאָס שענסטע!

יעדע מאַמע ליבט איר קינד
און אומזיסט דאָס ליבן;
מען שאָקלט מיטן קאָפּ נאָר צו —
קיינער וועט נישט גלויבן!

איך האָב דאָס שענסטע, בעסטע קינד
און טו עס גאָר נישט ליבן,
כאָטש ווער אויגן האָט, דער זעט,
און באַדאַרף נישט גלויבן!

## קעצעלע, שטיל!

קעצעלע, שטיל!
מײַזעלע, שטיל!
מײַן אוצר
שוין שלאָפֿן וויל!

קעלבעלע, קעלבעלע,
נישט געמעק׳ט
און מײַן אוצרל
נישט געזועקט!

וואָיעווע נישט,
דו, ווינטעלע!
שטילער, שטילער,
ייִנטעלע!

זײַן מויל פֿאַרבײַס
דאָס צינגעלע —
שלאָפֿן וויל
מײַן ייִנגעלע!




## מיטן קינד טאַנצנדיק

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אינעם בלומענקראַנץ!
זעסט, דער הימל
לאַכט מיט טרערן —
ועסט געשווינד
אַ כּלה ווערן!
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אינעם בלומענקראַנץ!

## דער רײַטערמאַן

עס רײַט, עס רײַט אַ רײַטערמאַן
אין שנעלן גאַלאָפּ:
האָפּ, האָפּ, האָפּ!
רײַט ער צו, דער רײַטערמאַן,
רײַט ער צו צו אונדזער הויז.
די מאַמע שטייט און קוקט־אַרויס.

שטעלט זיך אָפּ דער רײַטערמאַן:
— ליבע פֿרוי,
זאָגט גענוי,
קינדער, וואָס וואָיעווען, זײַנען פֿאַראַן?
קינדער, וואָס שלאָפֿן רויִק נישט אײַן,
כאַפּ איך מיט מיר אין זעקל אַרײַן.

די מאַמע זאָגט צום רײַטערמאַן:
— רײַטערמאַן,
ווײַטער שפּאַן!
דאָ זײַנען נאָר שטילע קינדער פֿאַראַן.
זיי האָרכן מיד און גייען אַליין
אין בעט אַרײַן און שלאָפֿן־אײַן.

## שטייט אַ ביימעלע




שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך...
שטייט דערויף אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע.
מאַכט־צו מײַן קינד די
אייגעלעך —
אַ ברכה אויף זײַן קעפּעלע!

אויף די גרינע צווײַגעלעך
שלאָפֿן־אײַן די פֿייגעלעך...
די מאַמע זינגט: אַ־אַ־אַ...
עס איז אַ שטילע נאַכט אַזאַ!

## אויף די גרינע צווייגעלעך

אויף די גרינע צווײַגעלעך
שלאָפֿן זאָלט איר, פֿייגעלעך!
אין וואַסערל — די שיפֿלעך —
אויף די גרינע קישעלעך!
האַלט דעם אָטעם אײַן, דו, ווינט!
אײַ־ליו, ליו־ליו, שלאָף, מײַן קינד!

## צוגעדעקט די פיסעלעך

צוגעדעקט די פּיסעלעך,
כ׳ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך,
פֿרישע ניסעלעך פֿון וואַלד —
זאָל מײַן קינד נאָר שלאָפֿן באַלד!
דרימלט־אײַן מײַן קינדל פֿעסט,
קומען באַלד די ליבע געסט...
קומען, קומען, אָנגעפֿלויגן
מלאָכימלעך מיט זיסע אויגן,
די פֿליגעלעך פֿון לויטער גאָלד,
זיי האָבן שטילע קינדער האָלד [1]!
און זיי קומען זיי באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיטן
מיט חלומות שטילע, פֿײַנע,
ווי עס פּאַסט פֿאַר קינדער קלײנע...
מאַך נאָר צו די אייגעלעך,
זיי פֿליִען־אָן ווי פֿייגעלעך!
הערסט, מײַן קינד, הערסט, מײַן קרוין?
די פֿליגעלעך זיי רוישן שוין...
זיי פֿליִען־אָן ווי פֿייגעלעך,
מאַך נאָר צו די אייגעלעך...
שנעל די אייגעלעך פֿאַרמאַכט,
האָב אַ גוטע, זיסע נאַכט!

---

[1] (ליטווישער יידיש) ליב.

## דער יעגער

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן,
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַרײַן,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער!
— ווו נעמט מען געווער?

אונדזער יאַנקעלע דערזעט —
אין אַ ווינקעלע אַ בעזעם שטייט!
מיטן בעזעם וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קען אין שטוב שוין מער נישט בלײַבן!
וויל דעם בעזעם אונטערהייבן,
שווערער בעזעם קערט זיך איבער
און דער יעגער פֿאַלט־אַריבער...

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין נישט אין וואַלד אַרײַן,
ער וויל שוין נישט קיין יעגער זײַן!

## דאָס הינטעלע

דאָס קליינע הינטעלע איז דום [1],
דרייט זיך אַלץ אַרום און אַרום,
וויל זײַן אייגענעם שאָטן כאַפּן
און ער קען אים נישט דערטאַפּן!

---

[1] (דייטש) נאַריש, שוטהוואַטע.

## דער סקולפּטאָר

איך זיץ נישט ליידיק אין דער היים.
האָב איך צײַט נאָר, נעם איך ליים,
קלעפּ איך מיר אַ מײַזל אויס,
מאַך אַ פֿייגעלע דערויס [1],
פֿון פֿייגעלע, נישט לאַנג געטראַכט,
ווערט אַ ציגעלע געמאַכט,
כ׳מאַך אַ מענטשעלע דערפֿון!
און וואָס איך וויל! און אויף דער זון
טריקן איך מײַן אַרבעט אויס:
מענטש און ציג, קאַץ און מויז,
וואָס איך זע נאָר אויף דער וועלט —
און אין פֿענצטער אויסגעשטעלט.

## ברייטעלע

ברייטעלע, ברייטעלע קליין!
ברייטעלע מוז קײַלעכדיק זײַן!
און איצט — שנעל אין אויוון אַרײַן!

געגנוג אין איוועלע געזעסן —
האַם, האַם! אויפֿגעגעסן...

## קיכלעך באַקן

איך באַק, איך באַק, איך באַק, איך באַק!
גענומען מעל פֿון זאַק!
דו, הינדעלע, אַן איי דערלאַנג,
דען דער אויוון ברענט שוין לאַנג!
געשווינד, הינדעלע, געשווינד —
איך באַק אַ קיכעלע מײַן קינד!

---

[1] (פוילישער יידיש) פון דעם.

מוזיק — משה מילנער

## ברייטעלע

**(Breitele.**



שלאָף, מײַן קינדעלע, שלאָף!
דער פּאַסטעך פֿירט אַהיים די שאָף.
ער האָט די שאָף אַהיימגעבראַכט
און דאָס שטעלכל פֿאַרמאַכט...

**שלאָף, מיין קינדעלע**

נאָך אַ ביסל זאַלץ געלעקט,
נאָך אַ ביסל שטיל געבלעקט...
לאַמטערל וואַרפֿט אַ שטילן שײַן,
און די שעפּעלעך דרימלען־אײַן,

פֿון אַ גאַנצן טאָג שוין מיד!
דו, אין דרויסן, הינטל, היט!
הינטל, היט, נאָר דו נישט ביל!
און די שעפּ׳לעך דרימלען־מיט.

*

**רעגן**

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך!
אַ רעגנדל גאָר וווּנדערלעך,
שמעקענדיקע טרעפּעלעך!
אַ רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט־אַרויס און טאַנצט אַ ראָד,
מיט בלויזע פֿיס און קעפּעלעך!

גאָר נישט קלערן, גאָר נישט פֿרעגן,
קינדער וואַקסן אויפֿן רעגן,
ווי בלומען, ווי די זאַנגען!
נאַק׳טע קעפּלעך, נאַק׳טע פיס,
וואַקסט פֿון יעדן קינד אַ ריז,
ביזן הימל צו דערלאַנגען!

## דער פויגל

אויף אַ בוים אין גריגעם וואַלד  
אַ וווּנדערלעכער פֿויגל שאַלט:  
— טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַלאַ!

איז אַ ייִנגל צוגעלאָפֿן,  
און דער פֿויגל איז אַנטלאָפֿן.  
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

— וואָס אַנטלויפֿסטו? — ס'ייִנגל שרײַט —  
נישט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד.  
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

כ'בעט דיך פֿויגל, פֿויגל, בלײַב!  
און דער פֿויגל: — איך נישט גלייב!  
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

*

## דער שיפער

ס'האָט דער רעגן אויפֿגעהערט,  
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,  
נאָר די דעכער זײַנען נאַס,  
רינען רינען, רינען!

כ'האָב מײַן שיפֿעלע געפֿונען,  
אויפֿן וואַסער עס געלאָזט,  
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,  
יאָגט מײַן שיפֿעלע געשווינד  
אויף די פֿליגל פֿונעם ווינט...

— פֿלי דיר, פֿלי, מײַן שיפֿעלע!  
און וווּהין פֿליסטו, שיפֿעלע?  
— צו דער פֿרײַער וועלט, אַהין,  
וווּ ס'איז ליכטיק, וווּ ס'איז גרין,  
פֿויגל זינגט, בלימל בליט.  
— שיפֿל, שיפֿל, נעם מיך מיט!

# פרילינג קומט!

גראָזן. שפּראָצן, ס׳שפּראָצן בלומען,
פֿייגל פּיפּצען, טויבן ברומען,
ס׳קלינגט דאָס וואַסערל דערפֿרייט:
פֿרילינגצײַט! פֿרילינגצײַט!
עס קלינגט און זינגט, פּלוישט און ברומט:
— פֿרילינג קומט, פֿרילינג קומט!

פֿרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפֿט דעם ליבן גאַסט אַקעגן!
לויפֿט צום וואַלד, לויפֿט צום פֿעלד,
אומעטום אַ פֿרײַע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פּלוישט און ברומט:
— פֿרילינג קומט! פֿרילינג קומט!

## אויך איך וועל דערלעבן...

אויך איך וועל אַ פֿרייד דערלעבן!
מיר אין גאָרטן אָפּגעגעבן
אַ בייט אַ גאַנצע, שוואַרצע ערד —
פֿייגעלעך, איר הערט?

געאַקערט דורך האָב איך די בייט
און מיט בלימלעך אויסגעזייט —
אַ בלימל נאָך אַ בלימל שפּראָצט —
פֿייגעלעך, איר גלאָצט?

בלעטלעך זויבער איך געניי,
דער הימל — נישט געקאַרגט קיין טוי,
וואַקסן בלימעלעך ווי גאָלד —
איר האָט זיי האָלד?

שפּרינגט אײַך, פֿייגעלעך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלעך געציפּט!
קיין שאָדן נישט געמאַכט בײַ מיר,
פֿייגעלעך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליִען, לאָזט זיי שמעקן,
אַ נישט — איר זעט? — כ'האָב אַ שטעקן
און צעיאָג אײַך, אויב איר שטערט!
פֿייגעלעך, איר הערט?

# פרילינג

שפּאַן, שפּאַן!
טראָג זיך אָפּ, דו, ווינטערמאַן!
טראָג זיך אָפּ, דו, אַכזר איינער,
נאָך דיר בענקען וועט נישט קיינער!

מיט דײַן פראָסט
ווי געפּײַניקט אונדז דו האָסט!
האָסט די נאָז אונדז אָפּגעפרוירן,
און די באַקן, און די אויערן!

צײַט, צײַט!
דער פרילינג קומט אין גרינעם קלייד.
הערסט די פייגל: — ציר־ציר...
דיך פאַרשיקט מען קיין סיביר!

# פון ליבע און ליידן

## שטיינערנע פּאַלאַצן

שטיינערנע פּאַלאַצן,
אײַזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פֿון ווײַסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.
קרישטאָל'נע זשיראַנדאָלן
בלאַנקען דורך די שויבן...

דאָרט וועט מײַן געליבטער
זיך אַ כּלה קלויבן.
זיך אַ כּלה קלויבן,
שענער און געזינטער
און איך וועל דאָ פֿוילן,
ווי אַ בלאַט אין ווינטער...

## מיין נישט!

מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — באַשאַפֿן,
מאַכן אַ וועג מיט פֿויסטן און נעגל
צום שענקפֿאַס, און פֿרעסן, און זויפֿן, ווען אַנדערע
קוקן פֿון ווייטן מיט גלעזערנע אויגן,
פֿאַרחלשט, און שלינגען דאָס שפּייעכץ, און ציִען
צוזאַמען דעם מאַגן, וואָס וואַרפֿט זיך אין קרעמפֿן —
אַ, מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע!
מיין נישט די וועלט איז אַ בערזע — באַשאַפֿן,
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפֿן ביי אָרעמע מיידלעך די בושה,
ביי פֿרויען די מילך פֿון די ברוסטן, ביי מענער
דעם מאַרך פֿון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפֿן וואַקסענעם פּנים —
אַ, מיין נישט די וועלט איז אַ בערזע!
מיין נישט די וועלט איז אַ הפֿקר — באַשאַפֿן
פֿאַר וועלף און פֿאַר פֿוקסן, פֿאַר רויב און פֿאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פֿאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זען;
דער נעפּל — מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פֿאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד איינצוזאַפּן דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אַ, מיין נישט די וועלט איז אַ הפֿקר!
די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפֿקר!
געמאָסטן ווערט אַלץ, געוויגן ווערט אַלץ!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פֿאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פֿונק אין קיין אויג נישט פֿאַרלאָשן!
פֿון טרערן ווערט טייכן, פֿון טייכן ווערט ימים,
פֿון ימים אַ מבול, פֿון פֿונקען אַ דונער —
אַ, מיין נישט לית דין ולית דיין [1]!

1906

---

• (ויקרא רבה, כ״ה) נישט קיין געזעץ, נישט קיין ריכטער. הפקר אַ וועלט!

# שטעט און שטעטלעך

# עלטערע מענטשן געדענקען נאָך...

22סטן מיי 1902

עלטערע מענטשן געדענקען נאָך אַלטע קהילות, שטילע קהילות, ווען עס האָט זיך שטיל־מתנגדיש געלעבט.

עס האָט נאָך נישט געהייסן מתנגדיש; עס זיינען נאָך קיין חסידים נישט געווען, זיי זאָלן דעם נאָמען געבן! אָבער שטיל איז געווען...

דאָס מחלוקת פון חכמי צרפת קעגן רמב״ם און זיינע תלמידים איז פאַרגעסן געוואָרן! אַלע גרויסע פון ביידע צדדים זיינען געשטאַנען הויך און גרויס אין ווייסן ליַוונט און שוואַרצע לעדערנע רוקנס אין די הויכע גרויסע ספרים־שענק אין בית־המדרש... ר׳ נפתלי כ״ץ האָט זיך אָנגעלירט רעכטס מיטן „בעל־עקדה“, לינקס מיטן רלב״ג[1] און קיין איינציקער פון די דריי האָט קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... און אויב זיי האָבן זיך שטילערהייט איבערגעוואָרפן, האָט זיי די חברה ש״ס מיט פשוטער גמרא פאַרהילכט...

איינער אין שטאָט, צוויי אין אַ מדינה האָבן געקאָנט זיין מקובלים, וואָס האָבן געזוכט דעם אמתן אמת, דעם „תוך“ פון רעכטס און לינקס, פון אויבן און אונטן, פון כתבי־יד. און ארץ־ישראל־ספרים... עס זיינען אויך געווען שטילע „חוקרים“־שמשים, וואָס ערשט נאָך זיין פטירה איז מען געוויר געוואָרן, אַז זיי האָבן קאָרעספאָנדירט מיט אויסלענדישע אַקאַדעמיעס וועגן תקופות ומזלות, ליקוי־חמה וכדומה... זיי האָבן אָבער שטיל און באַהאַלטן געלעבט, ווי די באַשיידענע פעלדבלימלעך צווישן ווייץ און קאָרן...

---

[1] לוי בן גרשום, תנ״ך־קאָמענטאַטאָר, פילאָסאָף און אַסטראָנאָם (1288—1340), געוווינט אין פראַנקרייך ביי דער גרענעץ פון שפאַניע. אַ סך לומדים האַלטן פירוש רלב״ג פאַר אַפיקורסות.

פֿון זיי האָט קיינער נישט געוווּסט, עס האָט קיינער פֿון זיי קיין נחת און קיין צער נישט געהאַט.

און קהל איז געווען — איין קהל, איין פּירוש אויף תורה — רש״י, איין קאָדעקס — דער שולחן־ערוך, איין סידור — איין נוסח צום דאַוונען...

אין שטעט און שטעטלעך זײַנען גאַנצע און מער ווי גאַנצע „אלף־ביתן״־רבנים געווען און — אָן מחלוקת וועגן רבנים! יאָר בײַ יאָר פֿלעגן קלפּים זײַן, אויף אַלערליי גבאות, פֿאַר אַלערליי חבֿרות, (און צדקה האָט מען געטאָן אַ סך, און חבֿרות זײַנען אַ סך געווען) און עס זײַנען נישט געפֿלויגן נישט קיין פּעטש, נישט קיין האָר פֿון באָרד און פּאות, נישט קיין פֿעדערן פֿון „כּרים וכּסתות״[2], נישט קיין מסירות...

תּפֿוצות ישׂראל האָט אויסגעזען ווי אַ שטיל, רויק, גלאַנצנדיק וואַסערל, אָן רעדלעך, אָן שרומפֿן[3]...

אויסער אַז עס האָט זיך אַ מסור באַוויזן אָדער — אַז מען האָט פֿון דרויסן אַ שטיין אַרײַנגעוואָרפֿן...

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מעשׂה מיט חסידים; דערנאָך מיט משׂכּילים...

עס האָט אָפּגעקאָסט בלוט, עס זײַנען חרובֿ ונחרבֿ געוואָרן קהילות, מען האָט פֿאַרפֿולט די תּפֿיסות — און עס איז ווײַטער שטיל געוואָרן...

די מתנגדים זײַנען אויסגעשטאָרבן, דאָס חסידות האָט זיך פֿאַרשפּרייט פֿון אונטן, די השׂכּלה האָט אָנגעהויבן אַרומצושווימען פֿון אויבן... מען האָט זיך צוגעווינט — ביז עס האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו רודערן...

נײַע מחלוקת!
און וועגן וואָס?
וועגן ציוניזם!

---

[2] קישנס און פּערענעס, בעטגעוואַנט (סימבאָל פֿון אינטימען לעבן). — [3] קנייטשן.

אין אַ ייִדיש־פּוילישן שטעטל (איך האָב ליידער דעם נאָמען פֿאַרגעסן) האָט מען געכאַפּט אַ פֿריש־אַראָפּגעבראַכטן אײדעם בײַ אַ מעשׂה־רע! מען האָט בײַ אים אין װעסטל־קעשענע געפֿונען — אַ שקל־קוויטאַנציע... האָט מען אים צו מאָרגנס אָפּגעגט מיטן װײַב (ביידע,' שרײַבט מען, האָבן בײַם גט געװײנט װי קליינע קינדער), בשעתן גט — האָבן דערווײַל די קרובֿים אַרויסגעכאַפּט די כּלים פֿון שטוב, די סחורה פֿון קליינעם געוועלבל און — צוגענומען דעם יונגנמאַנס פּאַספּאָרט, דערנאָך האָט מען אים געמסרט און געלאָזט אָפּשיקן אַהיים מיטן עטאַפּ[4]...

אין אַסטראָשיצקי־ האָראָדאָק (מינסקער גוב') האָט זיך געעפֿנט אַ ציוניסטישער פֿאַראיין. באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיך אַפֿילו נישט פֿאַרשריבן, װײַל אין פֿאַראיין האָבן זיך געפֿונען אייניקע בעל־מלאכות — דערפֿאַר איז צוגעשטאַנען אַ ישיבֿה־בחור, װאָס פֿלעגט עסן טעג. איז מען געוואָיר געוואָרן, האָט מען אים די טעג אָפּגעזאָגט און אַרויסגעטריבן... דער קליינער פֿאַראיין האָט אים קוים צוזאַמענגענומען אויף הוצאות און אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט!

און װאָס איז געווען דער חטא פֿון קליינעם ציוניסטישן פֿאַראיין: מען פֿלעגט זיך פֿאַרזאַמלען משבת לשבת און לייענען ייִדישע געשיכטע... אַזוי שרײַבט מען!

אין מאָהליװער' גובערניע איז פֿאַראַן אַ שטעטל טשודנאָװ; דאָס גאַנצע שטעטל שטייט װי אויף ברענענדיקע קוילן. עס איז קיינער מיטן לעבן ניט זיכער. דאָס שטעטל איז פֿול (װי מען שרײַבט) מיט גנבֿים, גזלנים... מען רײַסט פֿון די הענט, מען שלעפּט פֿון די קעשענעס, בײַ נאַכט ציטערט מען פֿאַר שׂריפֿות — פֿיר שׂריפֿות אַ װאָך איז נישט קיין זעלטנהייט! טשודנאָװ איז דאָס אָרט, װוּ מען פֿאַרשיקט די גנבֿים פֿון זשיטאָמיר. און דאָך האָט דאָס שטעטל צו טאָן נישט מיט די גנבֿים, נישט מיט די גזלנים, נאָר מיט ציוניסטן!

---

[4] װאַך פֿון פּאָליציי־לייט אָדער סאָלדאַטן, װאָס פֿירן אַ פֿאַרשיקטן פֿון איין אָפּרו־סטאַנציע צו דער צװייטער.

צו אַלטע ציוניסטן, וואָס זיינען געוואָרן פון די אַלטע חובבי־ציון, האָט מען זיך שוין געהאַט צוגעוווינט, מען האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרדיינען; האָבן זיך פלוצעם באַוויזן קליינע, יונגע ציוניסטן — בני־ציון! יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צאָלן שקלים, יינגלעך האָבן אָנגעהויבן צו לייענען יידישע געשיכטע, יידישע צייטונגען, און אויף דעם האָט שוין קהל נישט געקאָנט באַשטיין! עס זיינען אַפילו פרומע ציוניסטישע קינדער: אַ חוץ יידישע געשיכטע און יידישע צייטונגען האָבן זיי נאָך צוזאַמען געלערנט חומש מיט רש״י, עין־יעקב און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ מוסר־ספרים! ציוניזם אַליין איז אָבער שוין אַן אַפיקורסות! און אַ געוויסן שיינעם העלן שבת בשעת קריאַת־שמע האָט מען די בני־ציון אויסגעפּאַטשט, אָפּגעריסן אויערן און נעז און אַרויסגעוואָרפן פון בית־המדרש. דערביי האָבן שוין די עלטערע ציוניסטן אויך געליטן, ווייל זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די יונגע!

„ובערת הרע מקרבך" איז טאַקע אַ מצווה. נאָר צי איז נישט גלייכער די מצווה מקיים צו זיין וועגן די פאַרשיקטע גנבים?

אין גראַדאַסק, אין פריילעכן חודש ניסן איז געשען אַזאַ מעשה:

עס איז געקומען אַ מטיף ציוני [5]; אַ ייד, וואָס האָט געהאַלטן דרשות וועגן ציון און ירושלים — האָט מען אים געמסרט, אַז ער פאַרט־אַרום אין די יידישע קהילות אָנצומאַכן מחלוקת, אַז ער קלייבט געלט אויף געהיימע צוועקן. און „בפירוש הותנה" [6] מיטן „נאַטשאַלניק" פון פּאָוויאַט [7], אַז אויב ער וועט נישט איבערגעבן די זאַך צום „סליעדאָוואַטיעל [8], וועט מען אים אַליין מסרן...

און מען האָט קוים מציל געווען דעם בעל־דרשן פון פרעמדע הענט!

אין בערדיטשעוו — מחלוקת און מסירות! פאַר וואָס? פאַר אַ חדר מתוקן [9]. פריער האָט מען אַזאַ חדר, וווּ מען לערנט לשון־קודש

---

[5] ציוניסטישער בעל־דרשן, וואָס מוסרט. — [6] (נוסח ביי דין־תורהס) אויסדריקלעך אויסגענומען (פריער). — [7] (פּ׳) שעף פון ראַיאָן, געגנט. [8] (ר׳) אויספאָרשער. — [9] רעפאָרמירטער חדר, ווו מ׳לערנט וועלטלעכע לימודים.

אויף לשון־קודש, געעפֿנט פֿאַר באַלעבאַטישע קינדער, דערנאָך אַ צווייטן חדר פֿאַר אָרעמע לײַט. די „עוולה" האָבן שוין די מלמדים קאַלטבלוטיק צוקוקן נישט געקאָנט! מען האָט דערלאַנגט ווי מען דאַרף אַ „דאָנאָס" [10], אַז דער „עבֿרית בעבֿרית" איז ריינער סאָציאַליזם; מען האָט אַרויסגענומען דאָס אוראַלטע מתנגדישע און אַלטע חסידישע כּלי־זיין און אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז „מען האָט אויסגעשניטן און אַוועקגעוואָרפֿן צוויי ספֿרים פֿון דער תּורה"... וכדומה. און צי די חדרים וועלן אויסהאַלטן, צי ניין, דערווײַל אָבער שרײַבט מען, „קאָכט בערדיטשעוו ווי אַ קעסל", און געוויס וועט זיך נישט אײַנער אָפּבריִען!

און אַזוי איז כּמעט אין אַלע, אַלע שטעטלעך, ווו עס באַווײַזט זיך ציוניזם!

וואָס דאַרפֿט איר מער? וואַרשע איז שוין נישט קיין קליין שטעטל, עס זאָל „קאָכן אויף קעסל און כּלים" און פֿירן מחלוקת... וואַרשע, ווייסט מען, איז אַ שטילע שטאָט, אַ רויִקע שטאָט, וואָס לאָזט זיך פֿירן, אַפֿילו אַרומפֿירן בײַ דער נאָז... ווייניקסטנס — אין קהלשע, ייִדישע ענינים...

וויפֿל שטרײַמלעך עס הייבן זיך נישט איבער וואַרשע און — „אין מלכות נוגעת בחבֿרותה" [11] — יעדעס שטרײַמל גייט זיך זײַן וועג, האָט זיך זײַנע הכשרים, זײַנע נולדים, ונפֿטרים, זײַנע בריתן, חתונות, גטן — און, מאַכט זיך אַן אַסיפֿה גדולה, קומען זיך אַלע שטרײַמלעך מיט די זילבערנע האָר צוזאַמען און ריידן גוטע רייד, זיסע רייד, ווי עס פּאַסט פֿאַר תּלמידי־חכמים...

עטלעכע הונדערט מגיבים זײַנען פֿאַראַן אין וואַרשע און מען הערט נישט, עס זאָל עמעץ געפּאַטשט ווערן וועגן אַן עליה...

וואַרשע האָט אַ גרויסע קהל־שטוב — פּערצן דאָזאָרעס, און

---

[10] מסירה. — [11] (ברכות מ"ח, שבת ל', יומא ל"ח) איין רעגירונג מישט זיך נישט אַריין אין די אינטערעסן פֿון אַ צווייטער, שטויסט זיך נישט צוויייט מיט דער אַנדערער (יעדער איינער, הייסט עס, איז אומאָפּהענגיק).

יעדערער טוט זיך זײַן זאַך, כאָטש זיי באַשטייען פֿון דײַטשן, באַלע־באַטים און האַלבע משׂכּילים...

אַ דײַטשישע שול האָט וואַרשע, אַ סינאַגאָגע הייסט עס. קיין אָרגל האָט די דײַטשישע שול נישט, נאָר דערפֿאַר צוויי פּרידיקערס. און דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז איינער זאָל זײַן אַן אַלטער אַסימילאַ־טאָר און דער צווייטער אַ יונגער ציוניסט... און פֿון דעסט וועגן, הערט דער עולם גאַנץ רויִק דעם ערשטן טאָג יום־טובֿ, וואָס דער אַלטער זאָגט, און דעם צווייטן טאָג יום־טובֿ, וואָס דער יונגער דרשנט, און טראַכט דערבײַ — אפֿשר וועגן פּאָליטיק, אפֿשר וועגן דער בערזע, און שטיל! עס וועט צו קיין מחלוקת, חלילה, נישט קומען!

דאַכט זיך, גאָר אַ גן־עדן, נאָר אין גן־עדן באַווײַזט זיך אויך די שלאַנג:

עס איז געווען אַן אַלגעמיינע אַסיפֿה פֿון אַ צדקה־חבֿרה „אחיעזר“. עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט מענטשן, עס האָבן גע־זאָלט זײַן נײַע וויבאָרעס[12] אין קאָמיטעט אַרײַן. עס האָט געזאָלט גערעדט ווערן וועגן וויכטיקע פֿראַגעס אין דער צדקה, און פֿון דער גאַנצער אַסיפֿה איז נישט געוואָרן, ווײַל מען האָט נישט געקאָנט אויסקלײַבן אַ פּרעזעס (יושבֿ ראשון) צו דער אַסיפֿה.

קוים האָט מען די פֿראַגעס געשטעלט וועמען אויסצוקלײַבן, האָט אַ האַלבער עולם אָנגערופֿן איין נאָמען, די אַנדערע העלפֿט אַ צווייטן נאָמען... און עס איז געוואָרן אַ רעש, אַ געפּילדער, אַ גיהנום! — מ׳האָט געבראַכט פּאָליציי, עס האָט נישט געהאָלפֿן.

אַ העלפֿט עולם שרײַט — י... די אַנדערע העלפֿט — ס...

איך פֿרעג איין צד: פֿאַר וואָס נישט י.? ענטפֿערט מען מיר: ער געהערט צו דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, קאָן ער ע״פּ התקנות נים זײַן קיין פּרעזעס. אַן אמתער תּירוץ!

פֿרעג איך דעם צווייטן צד: פֿאַר וואָס נישט ס.?

---

[12] (סלאַווי) וואַלן.

— ער איז אַ ציוניסט! — ענטפערט מען מיר מיט כּעס, מיט האַס, מיט בזיון...

און מען איז זיך צעגאַנגען, אויב נישט מיט אָנגעשוואָלענע פּני־מער, על כּל פּנים מיט אויסגעטריקנטע העלדזער...

*

וואָס פלעגן די אַלטע שטילע ייִדישע קהילות טענהען, אַז מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן שטיינער פון דרויסן?

וואָס פלעגן טענהען די ערשטע חסידים, אַז מען האָט זיי מיט געוואַלט געגאָלט די בערד, געטריבן, געיאָגט, געמסרט און פאַרשיקט?

וואָס פלעגן טענהען די אַלטע משׂכּילים, ווען מען פלעגט זיי שמייסן אין די בתּי־מדרשים אויף אָפענע קאָנקאָרדאַנציעס, אָפּגע־געבן פאַר סאָלדאַטן אָדער טרייבן פון שטאָט צו שטאָט?

און וואָס טענהען — היינט די ציוניסטן? (איך זאָג בפירוש היינט, כּל־זמן זיי זיינען שוואַך, כּל־זמן מען יאָגט זיי).

אַלע טענהען אַן ערלעכע טענה:

אין וויכּוח צווישן מוחות און הערצער דאַרפן זיך די גראָבע הענט נישט אַריינמישן!

ווער עס כאַפּט אין מיטן וויכּוח אַ בענקל, איז אַ סימן, אַז דאָס בענקל איז קליגער פאַר אים... ווער עס מסרט...

ניין, דאָס טאָר מען נישט זאָגן; עס וועט זיך געפינען אַ „אָהר״ [13] און עפּעס צולייגן, אַ ביסל צוזאָלצן און מאַכן אַ פיין לעקעכל פאַר „ראָלאַ״, „ניוואָ פּאָלסקאַ״ און אפשר פאַרן „גלאָס״ [14]?

מיט דער צייט וועט די „פּראַוודאַ״ [15] אַליין אויך אָנהייבן אַזוינע לעקעכלעך צו נאַשן...

נאָר פון דעם אַן אַנדערש מאָל...

---

[13] אויער (אַן אויסגאַבע), וואָס האָט ליב פליאָטקעלעך. — [14] נעמען פון פּוילישע בלעטער. — [15] אמת (נאָמען פון אַ צייטשריפט).

# אַז מען לייענט אונדזערע בלעטער...

14טן אויגוסט 1902

אַז מען לייענט אונדזערע בלעטער, מיינט מען די וועלט גייט־אונטער; די ייִדיש־רוסישע און די ייִדיש־רוסיש־פּוילישע מיין איך. ריין גיפֿט זײַנען די בלעטער, אַ מרה־שחורה באַפֿאַלט, משוגע צו ווערן. און משוגע ווערן איז הײַנט קיין געשעפֿט נישט; עס פֿעלט פּלאַץ פֿאַר משוגעים אַפֿילו אין וואַרשעווער שפּיטאָל, און אַרומלויפֿן משוגענערהייט אין די גאַסן — ברר! אַ קעלט גייט־דורך די ביינער.

און וואָס אַ בלאַט — אַ בכיה לדורות[1], וואָס אַ נומער — אַ קלאָגליד! מען הערט נישט מער ווי נאָר חוסר־פּרנסה, ציין אויף דער פּאָליצע; קרעמערס זיצן גאַנצענע טעג אָן אַ „פּאָטשאָנטעק"[2], „גבֿירים" טראָגן בײַ נאַכט אונטער די אָרעמס דאָס בעטגעוואַנט צום מלווה, דערנאָך — הענגען זיי זיך! שנײַדערס לויפֿן־אַרום באָרוועס, שוסטערס נאַקעט און בלויז, שטיינער־קלאַפּערס האַקן זיך מיט די האַמערס אין קאָפּ אַרײַן!...

גאַנצע קהילות גייען, חס־ושלום, אונטער!

די קיעווער־קאָוולער באַן האָט, אויסמײַדנדיק ראַדאָמישל, אַרויס־געוואָרפֿן דאָס שטעטל פֿון דער האַנדלסוועלט, אָבער גאָר אין גאַנצן! הונגעריקע קרעמערס באַפֿאַלן, אַז מען דערזעט אַ קונה, ווי די הײַ־שעריקן, ווי די חיות רעות... בעלי־מלאכות גייען־אַרום פּוסטע־פּאַס מיט גרינע פּנימער און פֿרעמד־פֿײַערדיקע אויגן... און דער יקרות איז גרויס, צוואַנציק קאָפּיקעס אַ פֿונט פֿלייש...

---

[1] אַ געוויין, וואָס הערט אַ טראַדיציע, גייט־אַריבער פֿון איין דור צום אַנדערן, ווי תשעה באָב (תענית כ"ט, סוטה ל"ה). — [2] (פּ') די ערשטע לייזונג (בײַ אַ קרעמער)

עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע רײַכע באַלעבאַטים, „מישך" זײ זיך נישט מיט אָרעמע לײַט! זײ לעבן זיך גאָר באַזונדער! אַ באַזונדער שול, אַ באַזונדער באָד, אַ באַזונדער רב, רבי צי ראַבינער... (איך האָב עס אויף גוייִש געלייענט)...

זײ װעלן זיך נאָך אפֿשר מאַכן אַ באַזונדער בית־הקבֿרות... מיט אַן אײַזערנעם צוים, גאָלדענע שפּיצן... דעם ערשטן גבֿיר —, אַ נפֿטר װעט אין דער התחלה זײַן אַ ביסל אומעטיק; מיט דער צײַט װעט זיך דער בית־הקבֿרות, מיט גאָטס און די דאָקטוירימס הילף, פֿאַר־פֿולן . . .

— „מען אַנטלויפֿט פֿון יעקאַטערינאָסלאַװ... װער קײן פּאַלעס־טינע, װער קײן אַרגענטינע... אַלע געשעפֿטן געפֿאַלן, אַלע האָפֿע־נונגען אויף בעסערע צײַטן האָבן אָפּגענאַרט..."

איך װײס גאָר נישט, װען זײ זײַנען געװען...

— אויסטילוג, װאָלינער גובערניע... אַמאָל אַ גרויסער האַנדלס־פּונקט... צװישן װעלדער, בײַם בוג... עס האָט געװימלט פֿון דאַנצי־גער סוחרים, סקיפּערס [3], שרײַבערס, שװימערס, בינדערס, בראַקירערס, סאָרטירערס, אַ חוץ פֿאַקטוירים... עס האָט געקאָכט, װי אין אַ קעסל — — הײַנט פּאַרוויסט!

די עמיגראַציע װאַקסט פֿון טאָג צו טאָג, עס העלפֿט אָבער נישט, דער דלות װאַקסט נאָך געשװינדער...

פֿון די עמיגראַנטן קומען בשׂורות רעות; עס העלפֿט נישט — ערגער װי שלעכט קאָן נישט זײַן!

— מען עמיגרירט פֿון אַלע „סיעװועראָ־זאַפּאַדניִע" [4] גובערניעס... קײן ענגלאַנד, טראַנסװאַל, קאַנאַדע... װוּ די אויגן טראָגן — דער הונ־גער טרײַבט!

— מען פֿאַרלאָזט אָפּ־ און נאָך־נישט־אָפּגעברענטע שטעט און שטעטלעך... פֿון פֿריש־פֿאַרברענטן קאַמיעניעץ ליטאָװסק, גראָדנער

---

[3] ספּאָרטלערס. — [4] (רוס') מערבֿ־דרומדיקע.

גובערניע, גייען אויף דער וועלט אַרויס עמיגראַנטן און אַזוי בעטלערס...״

— אין ווילנע איז אַן איינפאַכער הונגער. בעלי־מלאכות כאַפּן זעמל פון די שטעלן... אַנדערע — בעטלען! וואָס־עס־איז אַרבעט צו שאַפן... הייסט די פּאָליצײ איבערפאָרבן די צוימען בײַ די הײַזער...

— דורך ענגשאַפט, אומריינקייט און הונגער שטאַרקט זיך אין וואַרשע דער פלעקן־טיפוס פון יאָר צו יאָר, ס׳רוב בײַ ייִדן... אין יאָר 1900 זײַנען געווען צוויי און זיבעציק ייִדן אויף נײַן און נײַנציק קראַנקע; אין 1901 נישט בעסער: הונדערט דרײַ און פערציק ייִדן אויף צוויי הונדערט דרײַ און פערציק קראַנקע, און ייִדן זײַנען דאָך נאָר אַ דריטל איננווינערס... דאָס יאָר 1902 פירט זיך נישט בעסער: אין יאַנואַר איז געווען דרײַצן ייִדן אויף זעקס און צוואַנציק קראַנקע, פעברואַר — נײַנצן אויף זיבן און דרײַסיק, מערץ — פינף און דרײַסיק אויף פופציק, אַפּריל — אַכט און דרײַסיק אויף נײַן און פופציק...

און נאָך, און נאָך...

*

און ווייסט איר, וואָס איך טו, אַז איך לייען אַזעלכע־ידיעות?

איך שטיי־אויף, טו־אָן דאָס היטל, וואַש מיר די הענט און בענטש גומל, וואָס איך בין געבוירן אַ ייִד, מיט אַ ייִדישער נשמה!

איך בין אַ ייִד, וואָס איז געוווינט פּסח, זמן חרותנו, אַ מלך אויפן הסבעט, צו עסן אייער לסימן אבלות, און תשעה־באָב, אין דער שוואַרצער יאָרצײַט פון אָנהייב גלות, צו מאַכן זיך אַ יום־טוב נישט צו לייגן קיין תפילין און וואַרפן זיך, שפּילנדיק מיט בערעלעך [5], און אַז עס פאַרפעלן בערעלעך — מיט שיך און שטיוול, מיט לײַכטער, בענק און שטענדער...

איך בין אַ ייִד, און בטבע זוך איך פלעקן אין דער זון און בײַ אַ פלעק־געשפּרענקלט־געשטופּלטער ייִדענע — אַ שיינע העוויה, אַ ליבלעכן בליק...

[5] שטעכלקעס, קייקעלעך מיט (האָלץ) נאָדלען.

איך בין אַ ייִד, אַ ייִדישע ביק, און פֿון מײַנע קאָרעספּאָנדענטן וועל איך אײַך דווקא אויסשלאָגן מער האָניק ווי אַ גאַנץ יאָר!

ישועות ונחמות וועל איך אײַך געבן!

עס איז נישט אַזוי שלעכט; די וועלט גייט אַזוי לײַכט נישט אונטער!

הערט, וואָס מען שרײַבט:

— גאָלדענע געשעפֿטן מאַכט מען בײַ אונדז אין מיראָפּאָל, וואָלינער גובערניע...

און צו די גאָלדענע געשעפֿטן דאַרף מען קיין גאָלד, אַפֿילו קיין געלט נישט האָבן; מען נעמט־אַרויס, כאָטש מען לייגט נישט אַרײַן אַפֿילו נישט די האַנט אין קאַלט וואַסער!

אַז אַ פֿרומער כשרער מיראָפּאָלער ייִד, אַ ייִד ווי אַ ייִד דאַרף זײַן, וויל האָבן, אויסער לוויתן, שור הבור און יין המשומר אויף יענער וועלט, כאָטש עטלעכע מאָל אין יאָר אַ פֿולקע געזונט, אַ שטיק פֿיש, אַ קאַרפֿנקאָפּ צי אַ מיטלשטיק, און אַ פֿײַן גלעזעלע משקה אויף דער וועלט אויך, דאַרף ער קיין גרויסע זאַכן נישט טאָן, אַפֿילו נישט אַוועק למדינת הים. עס איז גענוג, אַז ער פֿאַרשרײַבט זיך אין חבֿרה קדישא! עס פֿאַלט אַ מאָל אַ קאָפּיקע אין קעשענע אַרײַן אויך!

„אונדזער געשעפֿט איז אַ זיכער געשעפֿט!" — זאָגן די שמשים און קלאַפּן פֿריילעך צו צום טאַקט מיט דער צדקה־תּציל־ממות־פּושקע...

„גאָלדענע געשעפֿטן!" — זאָגן די גבאים און די חבֿרה־לײַט פֿון חבֿרה־קדישא מיט אַ זיסן שמייכל אויף די זאַטע פּנימער...

און מיינט איר — מען באַרײַסט?

חלילה! דווקא מענטשן מיט רחמנות, מיט ייִדישע הערצער!

אַט איז ערשט נישט לאַנג אַוועקגעקומען אַ ייִדישער לערער... אַן אָרעמאַן... פֿאַרקרענקט דאָס לעצטע קישעלע פֿון אונטערן קאָפּ... איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט יתומים — — מיינט איר, מען האָט

איר די „בעבעכעס אויסגעזעצט״[6]? חס־ושלום! אין גאַנצן אַ פֿינף און צוואַנציקער באַצאָלט! קוים אַן אַכטל פֿון דער סומע, וואָס די בני־חת[7] האָבן באַקומען פֿאַר די מערת המכפלה — און יענץ איז דאָך געווען אויפֿן ערלעכן וואָרט, אויף „ביני ובינך מה הוא״[8]...

*

און, למשל, אין פּוילן...

די אַרומיקע שטעטלעך בײַ מראָזי זײַנען אָפּגעפֿאַלן, ווײַל די קריסטלעכע באַלעבאַטים פֿון די מראָזער זומער־וווינונגען לאָזן קיין ייִדן נישט אַרײַן... דערפֿאַר הייבט זיך קאַרטשעווו אונטער אָטוואָצק און אויך דורך דער חבֿרה־קדישא... עטלעכע מאָל אין יאָר טרעפֿן זיך מתים אין אָטוואָצק, און וואָס פֿאַר אַ מתים — וואַרשעווער, סאַמע דײַטשן כּמעט! מען נעמט־צו ביזן לעצטן גראָשן, דעם בר־מנן שמײַסט מען אָפּ נאָך דער טהרה, ער זאָל אַ ביסל אָפּקומען אויף דער וועלט און — געלט איז דאָ!

און דאָס געלט, חס־ושלום, גייט נישט לאיבוד... מען וועט דערפֿאַר, חלילה, צוריק נישט אויפֿבויען די אײַנגעפֿאַלענע שול, קיין שויב אין בית־המדרש נישט אַרײַנשטעלן, נישט אַרומצוימען דעם בית־הקבֿרות...

אין זומערצײַט האָט קאַרטשעוו סעזאָן, קאַרטשעוו בליט און שטייט אויף תּחית המתים צוזאַמען מיט וואַלד און פֿעלד, מיט די פֿייגל צוזאַמען קלינגען פֿריילעך־נחתדיק די קאַטשעווער זמירות...

גאָלדענע געשעפֿטן!

*

און ווייסט איר פֿאַר וואָס גאָלדענע געשעפֿטן?
ווײַל עס זײַנען חבֿרות!

---

[6] דאָס לעצטע ביסל ווירטשאַפֿט. — [7] (חומש בראשית) אין די נײַע צײַטן וועררן בני חית אָנגערופֿן די אָ ייִדן, וועלכע ריידן־אַרויס אַ „ח״ ווי אַ „כ״, אין קעגנזאַץ צו בני הית, ייִדן וואָס ריידן־אַרויס אַ „ח״ ווי אַ „ה״. — [8] (בראשית, חיי שרה ט״ו) „וואָס איז דאָ צווישן מיר און דיר?״

קוים אַ חבֿרה (פֿרעגט לעוויצקין [9])), איז שוין גוט!

ביי אַן אָרעמאַן, אַז מען גיט יעדן אויף אַ באַזונדערן טעלער, וועט מען אַרויס דערמיט, אַז אַפֿילו אַ פֿליג וועט נישט דערטרונקען ווערן! אָבער אַז מען עסט פֿון איין שיסל, פֿרייען זיך כאַטש די אויגן.

דעריבער גייען חבֿרות אין דער מאָדע אַריין!

אין וואַרשע מאַכן „יד אַחת" שניידערס, שוסטערס, שמוקלערס... אין ליטווישע שטעט — אַפֿילו מלמדים מיט קצבֿים!

אויס קאָנקורענץ!

איין מלמד וועט שוין נישט זאָגן דעם צווייטן: דו לערנסט איין פּרשה חומש אַ וואָך, איך וועל לערנען צוויי. דו לערנסט תּרגום אונקלס, איך וועל לערנען אונקלס מיט יונתן בן עוזיאל! דו שמייסט־דורך דעם עולם איין מאָל אין וואָך — טאָג־טעגלעך וועל איך שמייסן, איך זאָל אַפֿילו אַ האַרצפּעלער באַקומען! בלוט וועט רינען!

און איין קצבֿ וועט נישט זאָגן דעם צווייטן: דיר להכעיס וועל איך וועגן ערלעכער, פֿאַרקויפֿן ביליקער; אַן אמתן מאַרכבֿיין געבן פֿאַר אַ צוליג און קיין פּגירה־פֿלייש וועט אויף מיין קלאָץ נישט קומען!

יד אַחת וועט זיין: איין תּורה, איין קאַנטשיק צו אַלע מלמדים; איינערליי ביינער און איינערליי וואָג — אויף אַלע קלעצער, ביי אַלע קצבֿים!

אַפֿילו שוחטים, אויסגעווייקטע פֿרומע שוחטים, מאַכן יד אַחת און פֿאַרלאַנגען צוויי גולדן הוספֿה אויף דער בהמה. די קצבֿים ווילן נישט, זיצט די פּוילישע גובערניע־שטאָט קיעלץ שוין אַ צייט אָן פֿלייש!

און די שוחטים וועלן אויספֿירן!

יעדער שוחט פֿאַר זיך איז אַ ווייך ריטל, וואָס אַ קצבֿ בייגט זיך אַרום פֿינגער, אָבער אַלע צוזאַמען זיינען אַ בעזעם! אַ בעזעם פֿאַר די קצבֿים, אַ בעזעם פֿאַר קיעלץ!

---

[9] אַ נאָמען, אַרום וועלכן מ'האָט דעמאָלט זיך אַרומגעקריגט.

*

און אַפּילו טייל וואַרשעווער דאָקטוירים ווילן זיך מאַכן אַ חבֿרה: איינער פֿאַר אַלע אין דער חבֿרה און קעגן אַלע אויסער דער חבֿרה, און די גאַנצע חבֿרה פֿאַר יעדן פֿון דער חבֿרה און קעגן אַלע אויסער דער חבֿרה!...

און עס ווערט אפֿשר געראָטן. עס האָבן זיך שוין פֿאַרשריבן ספּעציאַליסטן: עלעגאַנט־שמעקנדיקע דאַמען־טרייסטערס, גאַנץ־איבער־פּלעפּלעכע הויט־קראַנקייטן־היילערס, טיף־ערנסטע דאָקטוירים פֿון דער אַקושעריע, טיפֿזיניקע מאָגן־פֿאַרשערס: אַ חוץ נערוון־עלעקטריזירערס, בייטל־שניידערס, קאָפּצופּערס, ציינגרייסערס, באָזבדענערס וכדומה... מען זאָגט: עס וועלן אַרײַן צו צוויי פּאָר ספּעציאַליסטן, ווי די עופֿות טמאים אין נחס תּיבֿה...

די חבֿרה האָט שוין אַפּילו תּקנות געמאַכט!

שוין אויפֿגעשריבן! מען דאַרף נאָר די תּקנות איבערלייענען, אָננעמען און דערנאָך — דערנאָך וועלן זײַן גאָלדענע געשעפֿטן!

איך זאָלט נישט מיינען, איך שפּאַס, ווי אויך צוליב די דאָקטוירים פֿון דער פּראָווינץ, גיב איך אײַך דאָ איבער עטלעכע פֿון די תּקנות:

1) יעדערער פֿון דער חבֿרה איז מחויבֿ צו באַמיִען זיך צו האָבן וואָס מער פּראַקטיק; די, וואָס ער האָט, צו האַלטן מיט די ציין, נייע זיך שאַפֿן מיט אַלע כּוחות, מיט גוטן און מיט בייזן, כּדי ער זאָל קאָנען וואָס מער פּראָטעזשירן זײַנע חבֿרים!

צו דעם צוועק זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע עצות; עטלעכע נאָך אײַך:

6) מען מוז זיך אויפֿפֿירן פֿײַן און גוט, ווי אַ מענטש מיט האַרץ...

איז קראַנק אַ קינד, בפֿרט אַ ציטעריק קינד, זאָל מען גלעטן די מוטער... זי מעג זײַן מיאוס, מען דאַרף געדענקען, אַז מען אַרבעט לטובֿת הכּלל.

אין פֿאָדערהויז מוז מען צושמייכלען דער דינסט; ס׳רובֿ האָט זי אויך אַ דעה...

באַמערקונג: דאָס איז נאָר נוהג בײַ רײַכע פּאַציענטן. אָרעמע איז בעסער צו האַלטן פֿון ווײַטן, טראַקטירן פֿון דער הויך... ווינטער מעג מען צו אַן אָרעמען קראַנקן אַרײַנפֿאַלן פֿאַרשנייט און אין פּאַלטאָ מיט די קאַלאָשן, אַרויסכאַפּן דאָס קינד פֿון וויג און צולייגן מיט די לונגען צום אויער... עלטערע נישט צולאָזן צו זיך, מאַכן פֿאַר זיך מיטן שטעקן ווי אַ מיל — פֿון ווײַטן באַזען די צונג...

7) בײַ רײַכע קראַנקע — וואַרטן ביז מען וועט ברענגען דאָס פֿלעשעלע פֿון אַפּטייק און אַליין אײַנגעבן דאָס ערשטע לעפֿעלע. בײַ די מיטלמעסיקע באַלעבאַטים הייסן זיך שיקן זאָגן, ווי דאָס קינד איז בײַ נאַכט געשלאָפֿן...

11) עטלעכע וואָכן נאָכן געזונט ווערן פֿון קראַנקן אַרײַנפֿאַלן אַ מאָל און פֿרעגן, ווי עס הערט זיך. נאָר דערפֿאַר קיין געלט נישט נעמען, מען זאָל אַפֿילו האָבן אַ פֿול מויל מיט וואַסער!

23) די קראַנקע און אַלע אָרום קראַנקן דאַרף מען איבער־שרעקן... אַלץ אויפֿבלאָזן ווי אַ לונג און לעבער. מען דאַרף מאַכן: פֿון אַ קאַטאַר — אַן אָנצינדונג, פֿון בויכווייטיק — אַ־טיפֿוס, פֿון אַ פּשוטער אַנגינע, קוים דאָס העלדזל רויטלט זיך — אַסכּרה; בעסער נאָך דיפֿטעריט און רופֿן אַ ספּעציאַליסט פֿון דער חבֿרה, ער זאָל אַרײַנשפּריצן סוראָוויצע [10]...

לאָזט זיך בלוט פֿון דער נאָז — אַ פּאָליפּ, און באַלד, טאַקע תּוך כּדי דיבור, אָפּשיקן צו אַ ספּעציאַליסט אַ חבֿר צום אויסברענען!

פֿון אַ בראָדעווקע איז לײַכט צו מאַכן אַ ביין־ווילד־פֿלייש, און כאָטש דרײַ חבֿרים רופֿן צו אַ קאָנסיליום...

פֿאַררײַסט זיך אַ נאָגל, זאָל מען דערמאָנען אין גאַנגרענע...

און נאָך, און נאָך...

און דער טעם דערפֿון איז אַ פּשוטער! ממה נפֿשך: וועט אויסגיין צו גוטן, איז ער דאָך טאַקע אַ דאָקטער, נאָך ווי הייסט אַ דאָקטער!

---

[10] היילסערום.

סכּנות־נפֿשות געווען! און ווען, חלילה, נישט — על כּל פּנים — האָט ער פֿריִער געוווּסט, „אַ שטיק נבֿיא איז ער״...

און, אַז דער עולם אַרום, מיטן קראַנקן צוזאַמען, זײַנען שוין גוט איבערגעשראָקן, זאָל מען זיך נעמען צו דער אַרבעט מיט כּוח — „איבערצורײַסן״ אָדער „פֿאַרכאַפּן״ די קרענק! פּיאַווקעס, באַנקעס, אַלערליי פֿלעשער, פּולווער, שפּריצן אונטער דער הויט, צו אַ יולדת באַלד צו מיט דער צוואַנג... דער עולם זאָל זען, אַז מען טוט, מען ראַטעוועט...

אַזוי זאָגט פּאַראַגראַף צוויי און זעכציק!

און, דער עיקר איז, שטענדיק צוצוציִען איינעם פֿון דער חבֿרה.

קומט אַ מאָל אויס, מען מוז צורופֿן איינעם נישט פֿון דער חבֿרה, למשל, בײַ אויגן (קיין אָקוליסט האָט זיך נאָך נישט פֿאַרשריבן), זאָל מען רופֿן איינעם פֿון יענער זײַט וואַרשע... מען זאָל אים נישט האָבן אונטער דער האַנט! אַזוי זאָגט פּאַראַגראַף זיבן און אַכציק!

אויסער דעם איז פֿאַראַן אַ גאַנצער פּרק, ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זײַן, אַז מען קומט צו אַ קראַנקן, וווּ אַן אַנדער דאָקטער, נישט פֿון דער חבֿרה, איז שוין געווען. איז עס אַ יונגער געווען, לאָז מען פּשוט אַרויסוואַרפֿן דעם רעצעפּט דורכן פֿענצטער; אָדער מיט בזיון, אָדער מיט כּעס, ווי עס פּאַסט... איז עס אַ ביסל אַן עלטערער — זאָל מען אַ קרים טאָן מיט דער נאָז און זאָגן: אַ גוטער רעצעפּט, נאָר איך האָב אַ בעסערן, אַ פֿרישערן, ערשט אַ נײַ מיטל, דערפֿונדן אין פּאַריז... און פֿאַרשרײַבן זאָל מען דווקא דאָס זעלביקע, נאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. איז געווען אַ פֿלעשעלע, זאָל זײַן פּולווער, און פֿאַרקערט... טייל מאָל עפּעס צוגעבן; נאָך אַ פּיאַווקעלע, אַ שפּאַניש פֿליגעלע, באַדײַ אַ פּלאַסטערל...

ווי איר זעט, אויב די חבֿרה וועט זיך מאַכן, און עס האַלט דערבײַ, וועט זײַן פּרנסה, וועלן זײַן גאָלדענע געשעפֿטן!

נישט אומזיסט האָט דוד המלך געזאָגט: לכו והתפּרנסו זה מזה!... נאָגט איינער דעם צווייטן!

איך בין אײַך מבטיח, אַז עס וועט גוט זײַן, אויסער, אַז עס וועט זיך מאַכן נאָך אַ חברה!

*

וואָרעם ווי קאָן זײַן אַ בעסער געשעפֿט ווי חברה־קדישא? און פֿון דעסט וועגן ליגט אין וואַסילקאָוו, גראָדנער גובערניע, שוין אַ צײַט לאַנג הונדערט און פֿופֿציק רובל קבורה־געלט און קיינער לעקט נישט אָפּ אַ ביין... און ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל עס זײַנען פֿאַראַן צוויי חברה־קדישות...

די הונדערט און פֿופֿציק רובל קאָנען אַזוי ליגן „עד שיבֿוא אליהו", ליגן גאַנץ, ווי אַ טויטער אינדיק צווישן צוויי הינט, וואָס שטייען זיך אַקעגן איינער דעם אַנדערן, בײַדע בילן און איינער לאָזט דעם צווייטן זיך נישט רירן מיט אַ צאָן!

הכלל, חברות, מאַכט חברות! דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשי־ניערן...

דאָך נישט אַלע דאַרפֿן חברות...

שוואַכע קעניגלעך האַלטן זיך צוזאַמען, לייבן גייען שוין יעדערער באַזונדער... גוטע ייִדן דאַרפֿן קיין חברות נישט, יעדערער לעבט אויף זײַן אייגענער פֿויסט!

הערט, למשל, וואָס מען שרײַבט פֿון לובאָמיל (וואָלינער גו־בערניע):

— ער איז געקומען איינער אַליין, ר' לייב צדיק... און געעפֿנט האָט ער זיך זײַן קרעמל פֿון בנן, חיי, מזוני מיט אַ צולייג אַ ביסל נביאות און אַן אַכסניא, און ער לייזט, ברוך השם. דער עולם לויפֿט ווי נאָך מצה־וואַסער! ער — מאַכט גאָלדענע געשעפֿטן...

זעט איר שוין — עס איז נישט אַזוי שלעכט!

# אליידיש

## האָפענונג און שרעק

...מײַן האַרץ איז מיט אײַך.

מײַן אויג ווערט נישט זאַט פון אײַער פלאַמענדיקער פאָן; מײַן אויער ווערט נישט מיד הערנדיק אײַער מעכטיק געזאַנג.

מײַן האַרץ איז מיט אײַך; זאַט דאַרף זײַן דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זײַן... און פרײַ מוז ער זײַן און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און זײַן אַרבעט.

און אַז איר בײַסט די פויסט, וואָס וויל אײַך אײַער פרײַ וואָרט, אײַער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַרײַנזעצן אין דער קעל, מען זאָל עס נישט הערן — פרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אײַך שאַרפן די ציין. און ווען איר מאַרשירט אויפן אַלטן סדום און ווילט עס אײַנרײַסן, גייט מײַן נשמה מיט מיט אײַך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פול און וואַרעמט און באַרוישט מיך, ווי אַלטער ווײַן...

און דאָך...

און דאָך האָב איך פחד פאַר אײַך.

איך שרעק מיך פאַר באַצוווּנגענע וואָס זיגן, — עס קענען פון זיי באַצווינגערס ווערן און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גײַסט...

צי רעדט מען נישט צווישן אײַך, אַז די מענטשהייט דאַרף מאַרשירן ווי אַן אַרמיי אין פראָנט און איר וועט איר פאַרשפּילן דעם מאַרש אויפן וועג?

און דאָך איז די מענטשהייט קיין אַרמיי נישט.

שטאַרקערע גייען פאָרויס. האַרציקערע פילן טיפער, שטאָלצע וואַקסן העכער — צי וועט איר נישט אונטערהאַקן די צעדערס, זיי זאָלן נישט איבערוואַקסן דאָס גראָז?

צי וועט איר נישט פאַרשפּרייטן אײַערע פליגל איבער דער מיטלמעסיקייט? צי וועט איר נישט פאַרפאַנצערן די גלײַכגילטיקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלײַך געשוירענע סטאַדע?

*

איך פאָרכט מיך פאַר אײַך.

ווי זיגערס קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן: אויסטיילן יעדן זײַן ביסן, ווי פֿאַר אָרעמע לײַט אין הקדש; אָפּצומעסטן יעדן זײַן אַרבעט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איר וועט פֿאַרטיליקן דעם באַשאַפֿער פֿון נײַע וועלטן — דעם פֿרײַען מענטשלעכן ווילן, און פֿאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פֿון מענטשלעכן גליק — די מענטשלעכע איניציאַטיווע — די קראַפֿט וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פֿעלקער און געשלעכטער... און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פֿאַרברענגען אין קאַזאַרן [1].

און איר וועט זײַן פֿאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן: מיט שרײַבן, פֿאַרצייכענען און שאַצן... מיט פֿאַרשרייבן: ווי הויך און ווי אָפֿט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווײַט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג, וויפֿל עס קען פֿאַרנעמען זײַן אויער און וואָס פֿאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פֿאַרבענקטע האַרץ?

*

מיט האַרציקער פֿרייד קוק איך, ווי איר רײַסט־אײַן די מויערן פֿון אַלטן סדום; מײַן האַרץ אָבער ציטערט דערבײַ, איר זאָלט אויף זײַנע חורבֿות קיין נײַעם, קיין ערגערן נישט בויען — אַ קעלטערן, אַ פֿינצטערן!

עס וועלן קיין שטיבער אָן פֿענצטער ניט זײַן; נאָר אין נעפּל וועלן אײַנגעהילט זײַן נשמות...

עס וועט קיין לערער מאָגן ניט זײַן, נאָר זעלן וועלן הונגערן... קיין וויגעשריי וועט קיין אויער נישט פֿאַרנעמען, נאָר דער אָדלער — דער מענטשלעכער גײַסט וועט מיט אָפּגעשניטענע פֿליגל שטיין בײַ דער קאָרעטע [2] גלײַך מיט דער קו און מיטן אָקס...

אין די גערעכטיקייט, וואָס האָט אײַך באַגלייט אויפֿן דאָרנדיקן און בלוטיקן וועג צום זיג, וועט אײַך פֿאַרלאָזן און איר וועט עס נישט מערקן: דערצו זײַנען זיגערס און הערשערס בלינד, און איר

---

[1] קאַזאַרמעס (פֿאַר סאָלדאַטן).

[2] שמאָלער קאַסטן, וווּ מ׳גיט בהמות צו עסן אָדער טרינקען.

וועט זיגערס און הערשערס זײַן. און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט. און איר וועט נישט פילן דעם זומפ אונטער אײַערע פיס... פעסט פילט זיך יעדער הערשער, כל־זמן ער איז נישט געפאַלן...

און געפענגענישן וועט איר בויען פאַר די, וואָס וועלן אויסשטרעקן די האַנט, צו ווײַזן אײַך דעם אַפּגרונט, צו וועלכן איר זינקט... און אויסרײַסן פון די מײַלער וועט איר די צונגען, וואָס וועלן אײַך וואָרענען פאַר די, וואָס וועלן נאָך אײַך קומען, כּדי אײַך און אײַער אומגערעכטיקייט צו פאַרניכטן...

גרויזאַם וועט איר פאַרטיידיקן די גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער סטאַדע צום גראָז אונטער אירע פיס און צום זאַלץ איבער איר קאָפּ, און אײַערע פײַנד וועלן זײַן: פרײַע אינדיווידועַן, איבערמענטשן, געניאַלע דערפינדערס, פראָפעטן, דערלייזערס, דיכטערס און קינסטלערס...

*

אַלץ, וואָס עס געשעט, געשעט אין רוים און צײַט...

אויפן פלאַץ איז דאָס שוין געשעענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער: דאָס פאַרגליווערטע און געפרוירענע, דער הײַנט, וואָס דאַרף און מוז אונטערגיין...

די צײַט איז פאַרענדערונג, זי בײַט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס קע אויפשפּראָצן, אויפבליִען, — דער אייביקער מאָרגן...

און אַז פון אײַער מאָרגן, צו וועלכן איר שטרעבט, וועט ווערן הײַנט, וועט איר זײַן די פאַרטיידיקערס פון נעכטיקן טאָג, פון אָפּגעשטאָרבענעם, פון טויטן... וועט איר טרעטן די שפּראָצן פון מאָרגנדיקן טאָג און פאַרטיליקן זײַנע בליטן און גיסן שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גײַסטער־קעפּ פון נביאות, חלומות און נײַע האָפענונגען...

שטאַרבן וויל נישט דער הײַנטיקער טאָג. בלוטיק גייט־אונטער יעדע זון...

איך וויל, איך האָף צו אײַער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פאַר אײַער זיג.

איר זײַט מײַן האָפענונג, איר זײַט מײַן שרעק.

1906

# וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור

— 1 —

צום אַלעם ערשטן — טראַדיציע.

דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַטעריאַליסט שמייכלט; זאָל ער.

דער אײַז־צאַפּן פֿילט נישט, אַז ער אַליין צעגייט און זוכט נײַע סימבאָלן, נײַע ימים־טובֿים, פּאַרטיי־פּאָליטיק, נאָר זוכן זוכט ער; ער צעגייט.

קונסט — ווי פֿרעמד, ווי ווידערוועַרטיק עס איז מיר דאָס וואָרט אויף ייִדיש, מוז איך עס דאָך, נישט האָבנדיק קיין אַנדער, באַניצן — קונסט איז די נשמה פֿון פֿאָלק, די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. די מענטשלעכע קונסט וועט ערשט באַשאַפֿן ווערן מיט דער מענטשהייט צוזאַמען. דערווײַל עקסיסטירט זי נישט. און די פּערזענלעכקייט, די נשמה פֿון פֿאָלק, ווערט באַשטימט דורך טראַדיציע.

גייט מיט אַ ליכט און זוכט אין אונדזער ליטעראַטור טראַדיציע; איר וועט גאָרנישט געפֿינען. איר הערט אין ערגעץ נישט דעם אָפּקלאַנג פֿון די קולות אויפֿן באַרג סיני. איר זעט נישט דעם אָפּגלאַנץ פֿון דער שכינה איבער די כּרובֿים. פֿאַרשטומט איז דאָס פּראָפֿעטישע וואָרט. דער רענעסאַנס איז קוים דערגאַנגען צו ר׳ נחמן בראַסלאַווער...

אַרײַנטראָגן די אַלטע אוצרות אין נײַעם געפֿעס, איבערזעצן אַלע אַלטע קולטור־ווערטן, איבערדיכטן (ווי איינער האָט געוואָלט) די ביבל — דאָס זײַנען טשערנאָוויצער קלינגווערטער געוועזן. די ווירקלעכקייט: נישט־קלוג געווײלטע און שלעכט איבערגעזעצטע אייראָפּעיִשע ליטעראַטור.

טראַגיקאָמיש: אַן אַלטער, גרײַזגרויער מאַן גייט צו קינדער־אין חדר אַרײַן לערנען.

אַן אַלט, דאָס עלטסטע פֿאָלק, און אַ יונגע, די ייִנגסטע ליטע־ראַטור!

ווער ביסטו, יונג־ייִדישער שרײַבער?

אַ קינד פֿון אַ טאַטן, אַ קינד פֿון אַ מאַמען; מאָרגן — אַן עבֿרי.

נישט, נאָר אויף ייִדיש, ייִדיש מוז געשאַפֿן ווערן; דערצו פֿעלט די טראַדיציע. אַלץ וועט איר געפֿינען: דעם „ביט״[1] אין שטיוול מיט קאַלאָשן, דעם קרענקלעך־קלוגן בליק אויפֿן לעבן פֿון דער זײַט (איך מיש מיך נישט, איך בין צו קלוג!) אַ לאַ טשעכאָוו, אַ שלעכט פֿאַרדרייטן, רוסיש־איבערגעזעצטן מאָפּאַסאַן, אַ קאַריקאַטור פֿון טאַ־לאַנטלאָזן סאַנין — וואָס איר ווילט...

ווו איז דער ייִדישער געדאַנק? די שכינה?

איז פֿאַראַן אַ פֿאָלק, וואָס טוישט זײַנע שפּראַכן, אַ וואַנדערפֿאָלק אָן געשיצטע גרענעצן, אָן אַן אייגענער עקאָנאָמישער סטרוקטור, און דאָס פֿאָלק לעבט, לײַדט און גייט נישט אונטער; שוואַך און ווערט באַקעמפֿט פֿון די מעכטיקסטע און שטאַרקסטע און גיט זיך נישט אונטער — מוז אַזאַ פֿאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פֿילן, אַן אַנדער וועלט־אַנשויונג האָבן, אַן אַנדער פֿאַרשטעלונג וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער וועלט, לעבן און מענטש — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין אונדזער ליטעראַטור?

זעט ווער מיט ייִדישע אויגן, פֿילט ווער מיט אַ ייִדיש האַרץ, קלינגט ערגעץ ווו דאָס ייִדישע נשמה־וואָרט?

נאָך קעשענייעוו האָט דער העברעיִשער ביאַליק דערקלערט דעם ייִדישן גאָט פֿאַר באַנקראָט. די ייִדישע ליטעראַטן האָבן קיין מאָל קיין גאָט נישט געהאַט... אייניקע האַלטן אין איין געטער זוכן...

קומען מענטשן (מערצאָל, נישט ווייניקער ווי צוויי) פֿון בערלין... אין בערלין געווען, דעם שטיינערנעם ביסמאַרק מיט בלעכענע שטיוול געזען, די זיג־אַלייע פּאַסירט[2]: מאַרמאָרנע גראַפֿן און מאַרק־גראַפֿן...

---

[1] עקסיסטענץ, קיום, מצב.

[2] דורכגעשפּאַצירט.

אָנגעזאָפּט די שוואַרצאַפּל מיט דער פּראַכט פֿון ווײַסע און גאָלד־באַשלאָגענע הויף־קאַרעטעס, און אַרויסגעוועקסטע קייזער־וואָנצעס און באַגײַסטערט פֿון דער קראַפֿט, וואָס שלאָגט פֿון פּאָליציאַנט און ביר־יונקער — קומען די לײַט אין אונדזער געטאָ אַרײַן און פֿרעגן אויף אייראָפּע...

נישט אייראָפּע פֿעלט אונדז... ייִדיש פֿעלט, עבֿרי פֿעלט...

— 2 —

יונג איז אונדזער ליטעראַטור: גאַנץ אָפֿט קינדיש...

יונגע קינדער האָבן גרימאַסן; רופֿן רופֿט מען עס: שטימונגען...

„קינדער פּלאַפּלען“, זאָגט שלום־עליכמס אַ ייִדענע, ווערט אַ גאָט־זוכעניש!

אין כעלעם נאַרן ייִנגלעך די לבֿנה אין פֿעסלעך וואַסער אַרײַן: מעשׂה בראשית, מעשׂה מרכּבֿה, דער קדמון...

די יונגע לײַט האָבן טאַלאַנט, עס פֿעלט זיי אָבער די מאָס פֿון אייגענער און פֿרעמדער קראַפֿט: פֿון נאָענט און ווײַט, פֿלאַך און טיף... און לײַכטזיניק זײַנען קינדער און שפּילן זיך מיט פֿײַער... און בײַם פֿרעמדן פֿײַער ווערן נשמות פֿאַרברענט...

קינדער, זיך אַליין געלאָזט, נישטערן בײַ די עלטערע אין שענק און קאָמאָדעס, און קליידן זיך איבער פֿאַר עלטערע און לויפֿן אין גאַס אַרײַן פּאַראַדירן. גייט דעם טאַטנס היטל איבער די אויערן. שווימען די פּאָלעס אין בלאָטע; קומט־אַרויס אַ קליין מיידעלע אין דער מאַמעס שייטל, אין דער עלטסטער שוועסטערס קלייד, אין דער כּלה־שוועסטערס צירונג... ווערט אַ קינדעריש פּורים־שפּיל אין מיטן דער וואָך...

אונדזערע קינדעריתומים טוען עס מיט פֿרעמדע, עלטערע זאַכן: איז דאָס פּלאַגיאַט...

און דאָס אָריגינעלע?

אַן אַלט פֿאָלק, אַ גלאַנץ־שטראַלנדיקע פֿאַרגאַנגענהייט, אַ בלו־

טיקער, לאַנגער מאַרטירער־וועג צו אַ פּראָפּעטיש־געחלומטער צו־קונפֿט... אין דער „מיט" שפּיגלט־אָפּ אַ הײַנטיקן בליצמאָמענט (די סקיצע). די גרימאַסע: דער גלי־ווערעמלעך־טאַנץ — די שטימונג.

אַ צעזייט און צעשפּרייט פֿאָלק, אַ וואַנדערפֿאָלק, אַ וועלטפֿאָלק און אַן אייביק פֿאָלק, און אַ מאָמענט־אויפֿנעם־ליטעראַטור, וואָס קאָן פֿון וואָלינער ליטווישן און פּוילישן קליינשטעטל בשום אופֿן נישט אַרויס... און וויל דער אינדיק פֿון אַרומגעדרייטן קרײַז אַרויס, הייבט ער אָן — קריסטלען... אינעם מאָמענט און אינעם תּחום זעט זיך אַ גאַנץ ראַשיקע אַנטוויקלונג.

פֿון צאינה וראינה און תּחינות וואַקסן־אַרויס אמ"דס מעשׂהלעך אין ווילנע... קומט מענדעלע אין אָדעס און גיט די ייִדישע נאָך נישט דיפֿערענצירטע מאַסע, ייִדן און ייִדענעס מיט מאָרך, מרחץ, הקדש און שול... באַווײַזט זיך דינעזאָן פֿון זשאַגער און ברענגט שטילע יונג־דראַמעס און קינדער־טראַגעדיעס פֿון ייִדישן הויז... דער קיִעווער שלום עליכם — דעם קאַמיוואָיאַזשאָר, דעם נאַיִוו־נאַריש־איבער־קלוגער פּרנסה־זוכענדיקן איבערזידלער פֿון דער קליינער אין דער גרע־סערער שטאָט אַרײַן, און אַנטפּלעקט טבֿיה דעם מילכיקערס טראַגי־קאָמעדיע... באַלד קומט די רעוואָלוציע פֿון ווילנער אין בית־המדרש... ווי דורך אַ געעפֿנטער טיר רײַסן זיך אַרײַן די ייִנגערע מיט נײַערע טעמעס: אַש גיט די ווײַסל, דאָס קוילער־געסל, דעם עמי־גראַנט, דאָס הייזל; נאָמבערג — דעם צעבראָכענעם אינטעליגענט; ווייסענבערג נישטערט אין שטעטל און זעט אַ טאַטע מיט בנים אין פֿאַרשטאָט און זעט זאַמדיקע פּלעצער, אַ וועלדל, וואַסער אין וואָלקן... נאָך ייִנגערע קומען מיט פֿאַרבן, ברענגען־אַרײַן דעם ים, זונען אויף־און אונטערגאַנג, פּויערים, ציגײַנערס, גנבֿים... עס שיילן זיך אויס „צוויי וועלטן" — דער ראָמאַן ווערט געבוירן; די דראַמע איז שוין לאַנג דאָ.

אָבער וווּ זײַנען די ספֿרדישע ייִדן? וווּ זײַנען די אַמסטערדאַמער בריליאַנטן־שלײַפֿערס? אַרגענטינער און פּאַלעסטינער קאָלאָניסטן? וואָס מאַכט ראָטשילד אין פּאַריז? לוצאַטאָ אין רוים?

אַ וואַנדערפֿאָלק און אַ ליטעראַטור, ווי אַ שטייענדיק וואַסער...

עס פֿעלט דער הויכער פּונקט, פֿון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן...

דער פּראָפֿעט שטייט אויף דער הויך און זעט, ווי אים צו פֿוסנס קוילערן זיך אויף און איבער לענדער און שטעט; מאַרשירן דורך אַר־מייען און פֿעלקער... מיר זעען אונדזערע אייגענע נישט...

ער זעט די צוקונפֿט. מיר זעען דעם נאָענטסטן מאָרגן מיט קאָ־דעטישע אויגן אָדער אויף סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ברילן...

— 3 —

עס זאָל נישט קומען צו קיין מיספֿאַרשטענדעניש.

איך רייד נישט פֿון פֿאַרשליסן זיך אין אַ גײַסטיקן געטאָ: מען זאָל אַרויס פֿון געטאָ, נאָר מיט אַן אייגענעם גײַסט, מיט אַן אייגענעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן. און טוישן — געבן און נעמען, נישט בעטלען.

געטאָ איז אימפּאָטענץ: קולטור־קרייציקונג — די איינציקע מעג־לעכקייט פֿאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. זאָל קומען דער מענטש מוז ער זײַן דער סינטעז, דער סך־הכּל, די קווינטעסענץ פֿון אַלע נאַציאָנאַלע קולטור־פֿאַרמען און וועלט־אַנשויונגען.

„נעמען און זיך נישט פֿאַרלירן", דאָס איז די הויפּטזאַך, און דאָס איז דאָס שווערסטע בײַ שוואַכע און נישט זעלבשטענדיקע פֿעל־קער... פֿון ייִדישן שרײַבער מוז מען דעריבער מער פֿאַרלאַנגען. דאָ איז אייגנאַרט — ווירקלעכער — ווירקלעכער כאַראַקטער, די אָרי־גינעלע פֿאָרעם — די העכסטע פֿאָרעם פֿון קינסטלערישער קראַפֿט!

און נישט דאָס געמאָלטע, געשניצטע, באַשריבענע מוז זײַן ייִדיש. מען דאַרף אַרויס פֿון געטאָ און זען די וועלט, נאָר — מיט ייִדישע אויגן... ייִדיש מוז זײַן דער שטאַנדפּונקט, פֿון וועלכן די קינסטלער־פּראָבלעם ווערט באַטראַכט; די עטיש־פֿילאָסאָפֿישע באַלײַכטונג, בײַ וועלכער די דערשײַנונג ווערט געזען... קונסט איז סוביעקטיוויטעט; וויל מען ייִדישע קונסט, מוז מען האָבן דעם ייִדישן קינסטלער...

עס גייט דאָך אויך נישט אין דעם, דער הונט זאָל נישט הייסן,

נישט „כלב“, נישט „סאָבאַקאַ“, נישט „פּיעס“, נאָר דווקא „הונט“ אין דער ליטע און אין וואָלין, און מדינת פּוילן... „הינט“?

איך רייד נישט צו די, וואָס קעמפן פאַרן רעכט צו אַדרעסירן אויף ייִדיש, פאַרן רעכט אויסצוטענהען זיך אויף ייִדיש... צו די וואָס באַנוגענען זיך מיט דער האָפענונג פון ייִדיש אויף דער פּאָסט, אין געריכט און אין דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און ציטערן פאַרן וואָרט „נשמה“ און עס וואַרפט זיי אין זיבעטן שוויס דער כלל ישׂראל... איך רייד צו די וואָס שטרײַטן פאַרן קולטורדעכט, פאַרן רעכט צו שאַפן ייִדישע קולטור־ווערטן — דאָ העלפט שוין נישט קיין ייִדישריידן, מען מוז עפּעס זאָגן!

און האָט איר נישט וואָס צו זאָגן, מעגט איר ריידן ייִדיש פון וויג ביזן קבֿר און אומעטום: אין דער היים, אין גאַס, אין בית־המדרש בשעת קריאַת־התורה, און פילהאַרמאָניע בשעתן קאָנצערט, אין גרויסן טעאַטער, אין מיטן דער אָפּערע (דאָס העכסטע אידעאַל!) — דאָס, וואָס איר וועט זאָגן, וועט זײַן גוייִש...

און דערצו — באַנאַל, נאָכגעמאַכט, טויט... און דאָס איז די טראַגי־קאָמעדיע. מיר שטייען ווי אַ מויער פאַר ייִדיש! מוסר־נפש זײַנען מיר זיך פאַר ייִדיש, אַזוי קעגן דער אַלטער, ווי קעגן אַלע נײַע פרעמדע שפּראַכפאָרמען, און פאַר אונדז אין די אויגן ווערט אויסגעטריקנט דער ייִדישער אינהאַלט, דער ייִדישער תּוך; אויסגעלאָשן ווערט די ייִדישע נשמה אָדער ווי מען פלעגט זאָגן — „דאָס פּינטעלע ייִד“, מיר ווערן פאַרפליצט פון פלאַגיאַטן, סוראָגאַטן, געפעלשטע מאַרקעס און געפעלשטע וואַרעס[3], און מען פרייט זיך; „גאַנץ אייראָפּעיִש“, זאָגט מען . . .

ווו איז דאָס אָריגינעלע, אייגנאַרטיקע — דאָס ייִדישע?

מיט אַ פרעמדער נשמה קאָן מען נישט לעבן. פון אַ פרעמדן ווילן קאָן מען ווערן באַאײַנפלוסט, צו מאָל סוגעסטיאָנירט — לעבן מיט אַ פרעמדן ווילן קאָן מען נישט.

---

[3] (ד״) סחורות.

דעריבער ווערט בײַ אונדז אַזוי פֿיל געזייט און אַזוי ווייניק געשניטן; דעריבער האָבן די זאַנגען אַזוי פֿיל שטרוי און אַזוי ווייניק קאָרן... דעריבער ווערן בײַ אונדז אַזוי פֿיל האָפֿענונגען פֿאַרבליכן און עס פֿאַלן אַזוי פֿיל שטערן פֿון הימל...

די נעגער־קינדער, וואָס לערנען אין דער איראָפּעיִשער שול, באַווײַזן אומגעהײַערע פֿעיִקייטן — אין די ערשטע קלאַסן; אַזוי לאַנג ווי עס איז גענוג אויפֿצוכאַפּן, וואָס דער לערער זאָגט, אויסלערנען אויסווייניק, געדענקען און נאָכזאָגן, וואָס אין ביכל שטייט... זײַנען זיי די ערשטע. אין דעם פֿערטן, אין דעם פֿינפֿטן קלאַס — סטאָפּ! מען ברויך שוין אינטעליגענץ, לעבעדיקע, אייגענע; מען דאַרף אינטויִציע, — ווילנסקראַפֿט, — און דאָס האָט אין דער פֿרעמדער שול דאָס נעגער־קינד פֿאַרלוירן... עס האָט אַזוי לאַנג אויסגעלערנט נאָכגעמאַכט ביז דער אייגענער קוואַל איז אויסגעטריקנט געוואָרן, די פּראָצעסן פֿון אונטער דער באַוווּסטזיניקייט — פֿון אינטויִציע — האָבן אויפֿגעהערט... און פֿון שול גייט־אַרויס אַ גײַסטיקער קוציק[4] — אַ שוואַרץ־גײַסטיקע אימפּאָטענץ, איראָפּעיִש געקליידט: פֿראַק, צילינדער, האַנטשו[5], אַן איראָפּעיִשער קניקס[6] אָבער דאַר און הויל...

קוציקטום איז אויך דער פֿלוך[7] פֿון אונדזער ליטעראַטור. גאַנצע מנינים אָפּגעשטאַנענע געניעס: פּושקינס, געטעס, שעקספּירס און וואָס איר ווילט...

פֿון „וווּנדערקינדער” ווערן נישט קיין „לײַט”...

— 4 —

האָט מען נישט קיין גאָט, זוכט מען געצן, און די גיבן קיין תורה נישט.

קאָן מען העכסטנס באַשרײַבן; שרײַבן איז אוממעגלעך.

דיכטן, שאַפֿן איז רעליגיעז.

---

[4] אַ קליין פערדל, הירזשעט און שפּרינגט זאַרגלאַז, נאָכטוענדיק די עלטערע, נאָר ווילדלעך. — [5] הענטשקעס. — [6] פֿאַרנייג (אַ ציטער מיט די גלידער). — [7] די קללה.

האָט מען אויך קיין וועלט־אַנשויונג נישט; דאָס פּאָזיטיווע וויסן קאָן עס נישט געבן, דאָס מוז ווערן אינטויִטיוו געדיכטעט און געשאַפֿן...

און האָט מען נישט קיין וועלט־אַנשויונג, האָט מען קיין וועלט נישט, נאָר אָפּגעריסענע צעוואָרפֿענע פֿאַקטן און נישט צוזאַמענגעהעקלטע דערשיינונגען; שפּילט מען זיך אין זאַמד. דערויף איז דאָך קונסט — שפּיל! און מען האָט נישט מיט וואָס די צייטן צו פֿאַרבינדן, דער היינט קומט נישט אַרויס פֿון נעכטן און דער מאָרגן — נישט פֿון היינט... „נאָך מיר זאָל זיין אַ מבול"...

האָט מען אויסער זיך קיין העכערע אידעאַלן נישט. און אָן דעם העכערן שטאַנדפּונקט האָט מען נישט קיין איבערזיכט, קיין פּערספּעקטיוו, ליגט אַלץ אויסגעצויגן, אָפּגעשטאַנען; טויטע נאַטור, לעבעדיקע מעכאַניק און אַלץ איז גלייכווערטיק, אַלץ איז „קעגנשטאַנד", אַלץ קאָן זיין אַ „טעמע", פֿון אַלץ קאָנען אַרויסשפּראָצן סקיצעס, געדיכטן, ווען נאָר אַ געוויסע שאָטנדיק־ציטעריקע באַלייכטונג, עטלעכע קלינגווערטער, אַ פּאָר גראַמען...

און האָט מען קיין פֿאַרגאַנגענהייט און קיין צוקונפֿט נישט, איז מען אויף דער וועלט אַ פֿינדלקינד [8] אָן טאַטע־מאַמע, אָן טראַדיציע, און אָן פֿליכטן פֿאַרן שפּעטערן, פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿאַרן אייביקן, דינט מען זיך אַליין, מעסט מען און מען וועגט אַלץ מיט זיך אַליין, האָט מען נישט צו וואָס צו שטרעבן: אַזוי ווי איך בין, בין איך און מוז אַלץ האָבן, פֿון אַלץ געניסן...

„געניסן" — דאָס איז דאָס רעכטע וואָרט...

האָט מען שטימונגען און קיין כאַראַקטער נישט; גלוסטונגען, אָבער קיין ווילן נישט. קיין גרויסע ליבע, קיין האַס... פֿלירט, לייכטע באַציִונגען...

„אשת חיל" געוועזן און „שולמית" און די וואָס לאָקערט און פֿאַנגט, די הומיה וסוררת [9].

---

[8] אַן אונטערגעוואָרפֿן קינד, אַ ממזר. — [9] טומלט און ווידערשפּעניקט.

די מוטער איז צו ערנסט. איר שיינהייט איז דעריבער נישט ליטעראַריש. מיר האָבן מיט דער „אייביקייט" נישט וואָס צו טאָן. די „פאַרפלאַנצונג" געהערט נישט צום קינסטלער; דאָס פאַרזאָרגט דער באַלעבאָס, זאָל לעבן... דער פרוי־מוטער מוז מען זײַן געטרײַ. מיר זײַנען צו פלאַטערהאַפט. איר מוז מען בויען אַ הויז — אַ טעמפל, איר קוימען־אויוון איז בײַ איר אַ מזבח. מיר האָבן גענוג פייגלנעסטן — און נישט „שולמית" — זי איז צו געזונט, צו ערלעך, צו איינפאַך. מיר דאַרפן מיידל־בושה, כלה־חן... זומער־פייגעלעך־שטויב...

נישט ליבע — גליק בײַ פרויען איז דאָס אידעאַל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרוואָס ווײַזט דאָס נישט אויף די קריטיק...

ווײַל מיר האָבן זי נישט!

אַ גאָרטן האָבן מיר, נאָר קיין גערטנערס נישט; וואַקסט ער ווילד, קיינער רײַסט דאָס ווילדע נישט אויס, קיינער פלעגט נישט דאָס גוטע, שפּאָרט נישט אונטער דאָס שוואַכע, טרענקט[10] נישט דאָס דאָרשטיקע...

יונגע זוכערס זײַנען פאַראַן. קיינער ווײַזט זיי נישט דעם נאָענטסטן. קיינער העלפט זיי נישט געפינען דעם זיכערסטן וועג...

אַן עולם־גולם פאַראַן, איז ער הונגעריק צו גאָטס וואָרט און דאָרשטיק, ווײַזט אים קיינער נישט דעם אונטערשייד פון ריין און אומריין — סמט ער זיך...

און ווײַזט זיך אַ מאָל אין אַ יובל אַ גרעסערע, אַן ערנסטערע און טיפערע זאַך, וועט זי קיינער נישט דערקלערן, פּאָפּולאַריזירן; מען רעדט נאָר וועגן דעם, קעגן וועלכן מען קאָן זיך שטעלן ווי אַ גרויסער, אויסלענדישער פײַנשמעקער און ווײַזן עטלעכע פעלערן...

און עס גראַסירט[11] די גרין־געלע, צוזאַמענגעשרומפּענע, קרענקלעך־אײַפערזיכטיקע, בייזע אימפּאָטענץ. און ווו זי זעט אַ קינד מיט

---

[10] (דיאַלעקט) גיט צו טרינקען. — [11] צעשפּרייט זיך, בושעוועט. —

רויטלעכע בעקלעך, לויפֿט זי צו און דרייט אים אויס אַן אויער — פֿאַר כּעס!

און דאָך „דרייט זי זיך" — —

מיט דעם פֿאַרס וועט זיך די ייִדישע טראַגעדיע נישט ענדיקן...

מיר וועלן צוריקקומען צו דער ביבל, פֿריִער אָבער מוז מען אויפֿהערן צו קוקן אויף איר מיט וועלהויזענס [12] אויגן...

— 5 —

און פֿאַרן ענדיקן מוז איך נאָר נאָך איין מיספֿאַרשטענדעניש פֿאַרהיטן.

„צוריק צו דער ביבל" הייסט נישט: בלײַבן שטיין בײַ דער ביבל.

ייִדישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ. „מים חיים" רופֿט מען זי, די תּורה. אויפֿן באַרג סיני האָט מען געוויזן „כּל מה שעתיד תּלמיד ותיק להדש" [13] — אַלץ וואָס אַ ייִדישע נשמה וועט אויסשפּינען.

ייִדישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט, אומעטום, אויף דער גאַנצער ייִדישער וועלט און אין אַלע צײַטן; קיין איינציקן עכט־ייִדישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט.

ייִדיש איז אונדזער, אונדזער איין־איינציקער וועג צום — מענטש. צום געטלעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט; צום איבערמענטש, אויב איר ווילט. דער „אָדם על עילעא [14] איז נישט ווייניקער ייִדיש באַקאַנט.

אין ערגעץ נישט פֿאַרשטיינערט, אין ערגעץ נישט פֿאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ נישט בלייבן שטיין... קיין שום אומגליק: די ערגסטע

---

[12] דייטשישער ביבל־קריטיקער (1844—1918).

[13] אַלץ (אין דער הלכה), וואָס אַ תּלמיד־חכם קען מחדש זיין, איז גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ תּורה מסיני. — [14] אָדם עילאה (זוהר), דערהויבענער מענטש (אידעאַלע פֿאָרשטעלונג וועגן מענטש).

גזירות, די שטאַרקסטע פּאָגראָמען, נויט, הונגער, שאַנד און שפּאָט — דאָס אַלץ איז נישט קיין באַרעכטיקונג פֿאַר רעאַקציע. נאָר מער כאַראַקטער מוז מען האָבן. שלאָגט דעם שטיין, וועט ער געבן וואַסער; דריק פֿעסטער די איילבערט, גיט זי בוימל, אונדזער מזל איז שוין אַזוי... לעבן און שאַפֿן ביי די ערגסטע באַדינגונגען און נישט אַראָפּ פֿון וועג.

אַנדערע וועגן זיינען פֿאַר אַנדערע.

און איז מען אויף אַ רגע אַראָפּ פֿון וועג, האָט מען פֿאַרבלאָנדזשעט, מוז מען צוריק גיין ביז צום זיכערסטן פּונקט און אויפֿן זיכערסטן וועג, אויפֿן פֿאַר אונדז איינציק־מעגלעכן וועג, ווייטער גיין...

אָבער נישט אָפּגעהאַלטן זיך, נישט שטיין געבליבן...

אין ערגעץ נישט פֿאַרשטיינערט, אין ערגעץ נישט פֿאַרגליווערט ווערן; אין ערגעץ דעם פֿאָדעם נישט איבעררייסן, נאָר אַלץ ווייטער און ווייטער שפּינען. און האָט מען ערגעצוו דעם פֿאָדעם אָפּגעלאָזט — צוריקגיין, אויפֿנעמען און ווייטער שפּינען, אַלץ ווייטער און ווייטער שפּינען, אייביק אין די דורות אַריין שפּינען און וועבן, און אומעטום, מיט אַ ליכטיקער נעץ די וועלט פֿאַרנעמען!...

קיין פֿלעק אויף דער ערד, קיין מינוט אין דער צייט, און קיין קלאַס אין פֿאָלק האָט נישט קיין אויסשליסלעך רעכט, קיין מאָנאָפּאָל אויף יידיש; נאָר אַלץ, אומעטום אין דער באַוועגונג!

מען מוז נאָר אָפֿענע אויגן האָבן אום צו זען, אַז די בלינדע, רעליגיעזע פּראַקטיק, די עם־הארצישע באַציִונג צו מצוות און עבֿירות, דער פּחד און דרך־ארץ צום לענגער געדרוקטן וואָרט אין דעם נידעריקערן שיכט פֿון פֿאָלק; — די לומדישע באַשטראַלטע עבֿירה, דאָס באַוווסטזיניקע קיום־המצוות און אָפּהיטן פֿון עבֿירות און דאָס רבנישע תּורה־לערנען; — די נאַקעטע נשמה, די פֿון „גוף המצווה“ פֿון סימבאָל אויסגעטיילטע קאַבאַליסטישע כּוונה, דאָס הוילע, חסידישע רוחניות און — די פֿיינע פֿילאָסאָפֿיש־מאָניסטישע וועלט־אַנשויונג ביים ווירקלעך יידישן אינטעליגענט — אַז דאָס אַלץ איז איין יידישקייט, אַ גרעבערע אָדער אַ פֿיינערע אויסשטראַלונג פֿון דער יידישער נשמה...

און געפֿינען דעם תּוך; דעם עצם ענין פֿון ייִדישקייט אין אַלע ערטער, אין אַלע צײַטן, אין אַלע טיילן פֿון צעזייטן און צעשפּרייטן וועלטפֿאָלק; געפֿינען די נשמה פֿון דעם אַלעם און זען זי באַשטראַלט מיטן נבֿיאישן חלום פֿון דער מענטשלעכער צוקונפֿט — דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון ייִדישן קינסטלער.

שאַפֿן אין עלית־נשמה; און נאָר די ייִדישע נשמה קאָן זײַן זײַן רוח־הקודש, זײַן שכינה, זײַן איינציקע באַגײַסטערונג, זײַן שעפֿערישע קראַפֿט.

זי מוז זײַן זײַנע אויגן אין קאָפּ, מיט וועלכע ער זעט די וועלט אין איר פֿאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפֿט...

פֿאַר דער ייִדישער נשמה מוז ער קאָנען לעבן און שטאַרבן...

און נישט אַוועק פֿון דער וועלט, נאָר אַ ביסל, אַ קליין ביסל התבֿודדות; אַ קליינע מינוט פֿון חשבון הנפֿש, דאָס זיך אַליין געפֿינען, זיך אַליין אויסשיילן פֿון פֿרעמדן און אָנגעוואָרפֿענעם, דאָס הייסט, צוריק צו דער ביבל...

צוריק צום זיכערסטן פּונקט פֿון דאָרט — צום מענטש אויפֿן ייִדישן וועג.

1910

# צו דער כאראקטעריסטיק

## פון י. ל. פרצעס לעבן און שאפן

●

בלעטער פון געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, קריטיק און זכרונות

י. ל. פרץ

# אויף דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ

## פסוקים פון עפנוואָרט *

דרײַ אינערלעכע באַפרײַונג־מאָמענטן האָבן אונדזער באַוועגונג געשאַפן.

... עס הייבט זיך אָן באַפרײַען דער יידישער „המון", דער אָרעמער „עם־הארץ". ער פאַרלירט דעם צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר... און עס וואַקסט־אויף דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע.

... יידיש הייבט זיך נישט אָן מיט אײַזיק מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע — דאָס איז דער בראשית. „שבחי בעל שם" און אַנדערע װוּנדער־געשיכטן זײַנען פאָלקס־דיכטונגען. דער ערשטער פאָלקסדיכטער איז ר' נחמן פון בראַצלאַוו מיט זיינע זיבן בעטלערס.

עס האָט אויך דערוואַכט און פאַרלאַנגט עפּעס פאַר זיך די יידישע פרוי, דאָס יידישע ווײַבל, דאָס יידישע מיידל.

... און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק. אַ שפּראַך פאַר למדנים אין בית־המדרש: תורה־לשון, גמרא־לשון; און די צווייטע פאַרן „המון" און דער יידישער טאָכטער...

... דאַן באַווײַזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפט זיך זײַן אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זײַן לעבן.

... און שוואַכע אונטערגעדריקטע פעלקער דערוואַכן און קעמפן פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

... מיר זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער אין שטאָטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן.

---

* פון בוך די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ (1908), ווילנע 1931, זז' 74—77.

...און מיר רופן צו דער וועלט: מיר זיינען אַ יידיש פֿאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף אונדזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע קולטור־גיטער באַשאַפֿן.

...און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפֿן, אונדזער נשמה וויטער יועקן און קולטורעל זיך פֿאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן!



י. ל. פּרץ אויף דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908)

ה. לייוויק

## י. ל. פרץ *

אַ וואָרט — אַ סטרונע דין
קוים וויגט זיך איבער תהומען:
אין גרויס פון טויט געפין
דעם ניגון פון אַ נאָמען.
געפין אים און דערהייב,
לאָז שטאַרק אים זיך צעוויגן —
דאָס וואָרט איז יצחק לייב
און פרץ איז דער ניגון.
אַ גילגול האָט געשלעפט
דעם ניגון צו דערשטיקן,
צי האָט ער איצט דערלעבט
צו קומען צו אַ תיקון?
וווּ איז ער — באָנטשע דיין
נאָך גאָז־אויוונס בהלה
און שלמהס קידוש־וויין
נאָך פינצטערער הבדלה?
צעשפּיל זיך ווידער, וויין,
צו לעשן פיבער־דאָרשטן
אין גוף פול אַנגסט און פּיין
פון דיינע מידע יורשים.
גיס קראַפט אין זייער גוף,
גיס קראַפט פון לעצטן בעכער
הויך, הויך, אויב ניט נאָך העכער.

---

* פון בוך אין טרעבלינקע בין איך ניטש געווען, נ״י 1945, ז׳ 50.

# פרצעס ירושה *

...אַ סך וועגן האָט פרץ געפּרוּווט אויסצוטרעטן. זיין לעבן איז בכלל געווען מער די ערשטע צייכענונגען און סקיצן פון אַ קינסטלער ווי די בילדער אַליין. די ירושה, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, איז נישט די פולקאָמענע אַרבעס פון אַ רייך באַגאַבטן מענטשן, נאָר געניאַלע ווונקען פון אַ קינסטלער, וואָס לייגט־אַרויף אויף די קומענדיקע דורות אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

...שוין די ערשטע טריט זיינע אין דער עפנטלעכקייט זיינען געווע־



ל. פּרצעס אַ בריוו, געשריבן אויך איז נאָמען פון יעקב דינעזאָן צו יהואָשן, צו זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל

אַ פּראָטעסט קעגן דער ענגשאַפט און אָפּגעשטאַנענקייט פון זיין נאָענטע־סביבה. טריט ביי טריט איז פּרץ אַריין אין די פאַרפלאָנטערטע וועלדער פון דער דעמאָקראַטישער וועלט.

...פּרץ, דער פּאָעט פון דער יידיש־חסידישער וועלט, האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן אַ נייעם קוואַל פון דער יידישער נשמה. אין קורץ געשליפענע בילדער, סצענקעס און דיאַלאָגן האָט ער אונדז באַוויזן, ווי פאַלש מיר האָבן זיך ביז היינט פאָרגעשטעלט דאָס געפיל־לעבן פון אַ יידן פון פאָלק אין דער מאַסע. ווי אַן עכטער קינסטלער, וואָס דרשנט נישט, נאָר ווייזט אונדז דעם עצם פון דער זאַך, האָט ער פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם אַלטן קאַמף צווישן די גרויסע פאָלקסמאַסן און די „אייבערשטע פון שטויסל״, ביי וועלכע די יידישקייט איז געוואָרן פאַרגליווערט און אויסגעטריקנט.

...דער חסידיזם ביי פּרצן איז דאָס זעלביקע, וואָס אין דער אייגענער צייט דער נייער ראָמאַנטיזם אין אייראָפּע, דער נייער ראָמאַנטיזם וואָס טוט זיך אָן אין אַלטע מלבושים פון דער פאַרגאַנגענהייט... דער פּרצישער ראָמאַנטיזם איז צוקונפט־ראָמאַנטיק, איז דאָס פאַרלאַנגען אָפּצופרישן אין אונדז די אַלטע אינסטינקטן, כדי מיר זאָלן קענען רעוואָלוציאָנירן אונדזער היינטיק אָפּגעשטאַנען לעבן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות, ווען מען וואָלט פּרצעס ראָמאַנטיק געוואָלט אויסטייטשן ווי אַ טריט צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט!

...דער חסידיזם פון פּרצן איז געווען דער פּראָטעסט פון אַ מאָדערנעם מענטשן, וואָס קעמפט קעגן אַ טרוקענעם אינטעלעקטואַליזם, קעגן אַ פאַלשער ראָמאַנטיק, צוליב אַ פרישן, געזונטן, סטיכישן לעבן. פּרץ האָט אין דעם חסידיזם ניט נאָר אַנטפּלעקט דעם וואַרעמען קוואַל פון פאָלקסהאַרץ; ער האָט אויך אַנטפּלעקט אין אים דאָס דעמאָקראַטישע אין יידישן לעבן.

...עס איז ניט קיין בלויז צופאַל, וואָס י. ל. פּרץ, דער דעמאָקראַט, איז געוואָרן דער זינגער פון חסידיזם.

אמת, פּרץ האָט זיין נייע טעמע נישט אויסגעשעפּט; ער האָט נאָר געמאַכט די ערשטע פעסטע טריט אויפן נייעם וועג. אין זיין גייסטיקער צוואה איז פאַר אונדז מיט פייערדיקע אותיות אָנגעשריבן: אין דער צוקונפט־ראָמאַנטיק און אין דער יידישער דעמאָקראַטיע ליגן די ברייטע האָריזאָנטן פון אונדזער קומענדיקער יידישער אַנטוויקלונג.

און דער צווייטער גראָבאייזן פון פּרצעס שעפערישער אַרבעט זיינען די פאָלקסטימלעכע געשיכטן.

אויך זיי זיינען דער אָנהייב פון עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אַ מאָל פאַרנעמען אַ ברייט אָרט אין אונדזער קולטורעלן לעבן. זיי זיינען דער זוימען,

פון וועלכן עס וועט אַ מאָל אויסוואַקסן ביי אונדז דער בוים פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע. אין די „געשיכטן" פאַראייניקט פרץ אין אַ בלומענקראַנץ דעם פיינסטן הויך פון דער מאָראַלישער און פאָליטישער פאָלקס־נשמה. זיי ווייזן־אָן דעם וועג, אויף וועלכן עס וועט מיט דער צייט אויפגעבויט ווערן אַ יידישע קינדער־ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצע ליטעראַטור, וועלכע שעפּט אירע מאָטיוון פון די ריינסטע פאָלקסקוואַלן. די „געשיכטן" זיינען פאָלקלאָר, באַאַרבעט דורך דעם גריפל פון אַ דימענטן־שלייפער. אין דעם דאָזיקן שאַפונג־פּרווו איז אַ שטיק אַרבעט־פּראָגראַם פאַר אַ גאַנצן דור יידישע ליטעראַטן און קינסטלערס.

... פון די „יום־טוב־בלעטלעך" אָן ביז צו זיין לעצטן זאַמלבוך „יידיש" זעען מיר פרצן שטענדיק, ווי ער זוכט מיט זיין פיינעם חוש אַריינצוציען אין קרייז פונעם יידישן לעבן אַלערליי יונגע טאַלאַנטן. פרץ האָט כסדר אַריינגעצויגן אין דער נעץ פון זיינע ליטעראַרישע אינטערעסן כמעט אַלע נייע טאַלאַנטן... דוד פּינסקי, שלום אַש, איטשע מאיר ווייסנבערג, ה. ד. נאָמבערג ביזן הירשקאַנען.

... י. ל. פרץ האָט מיטן אינסטינקט פאַרשטאַנען די ראָלע זיינע ווי אַ שרייבער, ווי אַ צוקונפטיקער שעפער פון אַ פאָלקסטימלעך־ליטעראַרישן לעבן. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין באַמיט צו געפינען דעם אויסדרוק פאַר זיינע קינסטלערישע חלומות און אויפגאַבן. שוין פון אָנהייב אָן האָט ער געצאָרגט צו שאַפן אַרום זיך אַ קרייז פון מיטאַרבעטערס און מיטשאַפערס. און דער קענער פון פרצעס ליטעראַרישער טעטיקייט קאָן זיך ניט אָפּוווּנדערן, ווי פרץ האָט שטענדיק אין אַרומיקן מדבר פון אונדזער דעמאָלטיקן ליטעראַרישן לעבן געפונען מיטאַרבעטערס און טאַלאַנטן, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט צו שאַפן אַ ליטעראַטור פאַרן פאָלק.

... ווי אַ פאָטער פון אַ קומענדיקער גייסטיקער משפחה האָט ער נישט בלויז געבויט זיין אייגענעם טעמפּל; ער האָט אויך שטענדיק אין זינען געהאַט דעם יונגן צוווּקס, זיינע קינדערלעך, וועלכע האָבן אויך שטענדיק געשפּרייט זייערע פליגל און געגאַרט נאָך אַ ביסל רחבות.

... פרצעס הויז, אין די ערגסטע און בעסטע צייטן פון זיין לעבן, איז געוואָרן דער מקלט פאַר איטלעכן, וואָס האָט אין זיך געטראָגן אין האַרצן אַ בענקשאַפט נאָך שייגקייט.

---

* פון בוך געקליבענע ווערק, נ"י 1953, זז' 211—220.

## מאָריס ראָזענפעלד

# יצחק לייבוש פּרץ*

עס שווייגט דאָס פאָלק... עס איז אַנטשוויגן.
אַ שליוכצן ציטערט אין דער שטיל.
איך הער, „אַ גילגול פון אַ ניגון"
ציט דורך די לופט מיט אַ געפיל.
„ר' יוחננס מעשהלעך" פאַרשטומען.
מען מורמלט: „אייזיקל שעכס"...
און „באָנטשע שווייג"ס... קברנים קומען...
„פרינצעסין קוניגונדע" ברעכט
די הענט: דער קיניג איז פאַרגאַנגען!...
פון „צווישן צוויי בערג" קלינגט אַ שטים:
„באַגלייט פון הימלשע געזאַנגען
איז פּרץ גלייך אַרויף צו אים"...
„דאָס קראַנקע ייִנגל" רעדט פון פיבער,
און „מאָניש" חזרט קדיש איין...
און שטום, און לאַנגזאַם צווישן גריבער
אַ טויטן־וואָגן פאָרט אַריין...
„דער משוגענער בטלן" וויינט משונה,
אַ „שטריימל" ווייזט זיך אין דער לופט...
„ער לעבט... ער בלייבט אין אייער שכונה"...
פאַרנעם איך ווי אַ שטימע רופט.
די „נייטאָרין" ברענגט די מלבושים...
דאָס „חופּה־קלייד" איז אויפגענייט...
די שכינה קומט און גיט אַ קוש אים,
און טוט אים אָן „די גאָלדענע קייט"..
און כרובים מיט לולבים־פעכער
דערוואַרטן זייער טייערן פריינד.
אַרויף גאַנץ הויך, „אויב נישט נאָך העכער"
איז ער, אַווו הער מאָרגן שיינט...

---

